STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04847

# HALINA

## Shlomo Warzager

*Permanent preservation of this book was made possible
by Robert & Velma Frank
in honor of
their grandchildren*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה וואָרזאָגער

# האַלינאַ

דאָס בוך דערשײַנט מיט דער מיטהילף פון:
הילפספאָנד פון ייִדיש־שאַפונג בײַם פאַרלאַג „ישׂראל־בוך",
קרן „עמוס" לעידוד מלומדים וסופרים,
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות ע"ש י. רבינוביץ
און משפחה שלעסער, תל־אביב

שלמה וואָרזאָגער

# האַלינאַ

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך“
הילפספאַנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
תל־אביב, תש״ן — 1990

שלמה וורזוגר
# הלינה

שלמה וואָרזאָגער
# האַלינאַ

SHLOMO WORZOGER
# HALINA

פּאָרטרעט: מאָלער משה בערנשטיין

©
פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפסֿפאַנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
רחוב איתמר בן־אבי 4, תל־אביב, ת.ד. 1777
Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi Str. Tel-Aviv, P.O.B. 1777

Printed in Israel, 1990 נדפס בישראל

דפוס „שמגר 1986", ת"א, טל. 828704

# האַלינאַ

2טער טייל — נאָוועלע „יוני 1941"

## קאַפּיטל איינס

האַלינאַ האָט געזען דאָס פּוצן, סטראַיען זיך פון איר ציפּין. שטייט לאַנג בײַם שפּיגל. בײַ די לעקציעס מאַכן זיצט זי אַן אומגעדולדיקע. נעמט אַ גאַנצן טאָג נישט קיין ביכל אין האַנט אַרײַן. אַ יאָר־צוויי פּאַר מאַטורע. ניין. נישט אַזוי פּירט זיך אַ גימנאַזיסטין. זי וועט איבעררעדן מיט שמואלן, איר באַלעבאָס, בעטן אים כאַפּן אַ שמועס מיט דער קליינער. אים הערט זי. אים ענטפערט זי. אין די העכער צוויי יאָר וואָס זי אַרבעט בײַ שמואלן אין חתונה־זאַל — אַ קעלנערין — איז ציפּעלע זײַן „אייגן קינד".

שמואל איז, ווי מ'זאָגט, געשטאַנען מיט דער קעשענע בײַם אַננעמען זי אין גימנאַזיע; אַ הלוואהלע צום אַרײַן אין שיכון הינטער תל־אביב, משכנתּא.

ס'האָט געהאַלטן דערבײַ ציפּעלע זאָל איבעררײַסן די לימור־דים, ווערן אַ פּקידה. שמואל האָט געזאָגט: — ניין. זי האָט אַ גוט קעפּל. זי דאַרף ווײַטער לערנען.

פון דעסט וועגן קומט איר אָן שווער ס'רעדן מיט שמואלן. נישט ס'בעטן אַ טובה. אדרבא: ער טוט עס פאַר איר מיט פּאַר־געניגן. ס'אָפּצאָלן, ס'אָפּדאַנקען קומט איר אָן שווער. — איין גאָט ווייסט, ווי אַזוי, ווען זי וועט אים די חובות אָפּצאָלן. — אַ פּרעמדער מענטש. אַן אלמן. שוין נישט קיין יונגער. אויך אַן עולה. פון די ערשטע אין לאַנד אין סאַמע מיטן מלחמה דאָ, נײַנצן אַכט און פערציק. מיט אַ מעפּילים־שיפל, בײַ ניצנים — האָט ער דערציילט — אין אַ פינצטערער, רעגנדיקער נאַכט. מיט פישער־לודקעס און צופוס ביזן האַלדז אין וואַסער, זיך צום ברעג דערשלאָגן.

— גוט, זייער גוט האָט איר געטאָן, וואָס איר זענט געקומען —

האָט ער זי מקבל־פּנים געווען בײַם אַרײַנקומען. עטלעכע קעלנע־רינס געטוישט זינט ער האָט דעם זאַל. דער זאַל פֿאָדערט אַ שיינעם אויסזען.

ער האָט אַ פּאַטערלעכן גלעט געטאָן ציפּעלען איבערן קע־פּעלע. זי האָט געשמייכלט.

— האָסט אַ שיינע מאַמע. ווי רופט מען דיך?

— פייגעלע.

— דאָ וועסטו הייסן ציפּורה, ציפּי.

אַ נידעריקער, אַ בײַכלדיקער. נאָכגעלאָזטע אַקסלען. קורצע, פעטלעכע פינגער. קליינע אייגעלער, טיף פאַרשטעקט אין שטערן, אַ הויכלעכער, ברייטלעכער שטערן ביז אין מיטן קאָפּ. זיי קוקן, די אייגעלעך, שאַרף און קלוג. קיין צופיל היימישקייט בײַ איר רופן זיי נישט אַרויס.

אויך ווערדליק דעם שמייכעלע אויף ציפּעלעס פּנים איז איר אַ רבותא מיט וואָס ער האָט בײַ איר נושא חן געווען. זי איז מיט אים אויף „דוד שמואל”. (פעטער שמואל).

איר, האַלינאַן, זענען פון ערשטן טאָג זינט זי האָט אָנגע־הויבן אַרבעטן ווי אַ קעלנערין נישט געפעלן זײַנע נאָכגעמאַכטע, יונגע תנועות מיט די קורצע הענט, זײַנע שמייכעלער, די רייד:

— מע איז אַליין. די פרוי, אַ יינגעלע מיט אַ מיידעלע — אין אויוון אַרײַנגעגאַנגען. נאָך איינער, סרוליק, אַ יינגל אין זיבעצנטן יאָר, אַרויס פון שטוב מיט אַ קענקאַרטע אויף אַ פּוי־לישן נאָמען און מער אים נישט געזען.

„אין אויוון אַרײַנגעגאַנגען” — האָט זי שטיל צו זיך געזאָגט. אַ, די ברוטאַלע שפּראַך פון דער צײַט.

— יאָ, אַליין — האָט ער ווייטער גערעדט; אַ דרײַצימערדיקע וווינונג אויבן — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אַ שטאָק העכער. מעבל. שפּיגלען. ייִדישע עשירות איז ווי אַ בינטל שטרוי. מ'האָט גאַנץ גוט געזען, וואָס פון ייִדיש האָב און גוטס איז געוואָרן.

זי מיינט אויך אַזוי — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. געוואָלט האָט זי זאָגן:

— אסור צי זי ווייסט צו וואָס מ'דאַרף די רייד. געקומען איז זי נישט מער, ווי פרעגן אויף אַרבעט.

שמואל האָט איר געצאָלט אַ פיינעם חודש־געהאַלט. נישט אָפּגערעכנט די אָוונטן, וואָס קיין שמחות זענען נישט געווען, ווי עס טרעפט אין דער „בראַנזשע״ — פלעגט ער נישט איין מאָל מיט אַ שמייכעלע איר געבן אָנצוגעהערן. אויף די ימים־נוראים, אויף פסח, געשיקט אַהיים אַ שיינע מתּנה. פון צייט צו צייט איר „אויסגעליִען״ אַ טשעקל אויף אַ חודשלעכער משכּנתּא־ראַטע.

געהערט, אַז זי וויל מיט אים כאַפּן אַ שמועס וועגן אַן ערנסטן ענין, האָט ער איין מאָל אָפּגעהאַלטן האַלינאַן בעתן צוריקגיין פון זאַל מיט אַ ליידיקער טאַץ אין קיך אַריין:

— איר'ט דאַך געוואָלט מיט מיר עפּעס אַ רעד טאָן.

— אַצינד־אַ?

— נאָך דער אַרבעט לויפט איר דאַך שנעל אַ היים.

ער איז געשטאַנען קעגן איר, די קורצע הענט צענומען אין דער ברייט. פאַרלעגן געשמייכלט. מיט יינגלערישער פאַרשעמט־קייט געפרוווט באַרירן אירע עלנבויגנס: לייכט באַרירן, ווי מ'ווישט אָפּ שטויב פון אַ פּאָליטורטער זאַך.

— סליחה, אַדון שמואל, אַ צווייט מאָל.

— פאַרוואָס אַזוי ערנסט?

— ס'שפּעט. מ'דאַרף אַהיימגיין.

— וואָסי? אָנזייגן ס'קינד?

— ציפּי איז אַליין.

— איז ווען ס'צווייטע מאָל?

— מאָרגן.

צומאָרגנס. שמואל איז געזעסן ביי אַ טישל. האַלינאַ ציט אַראָפּ ס'טישטעכל. אָפּגעשאָקלט, צוריק פאַרשפּרייט און זיך צוגעזעצט.

— מיד, האַלינאַ?

— ניין, אדון שמואל.

— פאַרוואָס זענט איר אַזוי טרויעריק?

— די קליינע, אדון שמואל.

— נו יאָ; איר׳ט דאָך געוואָלט רעדן.

— זי ברוגזט זיך. ענטפערט אויף אַ פראַגע מיט אַ יאָ, מיט אַ ניין, מיט אַ קאָפּשאָקל.

— אפשר פאַרליבט?

— כ׳ווייס נישט. איך ווייס נאָר, אַז זי קומט אַ היים שפּעטער ווי מ׳דאַרף פון שול. כאַפּט אָפּ אויף איין פוס די לעקציעס.

— דאָס איז עס אינגאַנצן?

— נישט גענוג, אדון שמואל?

זי איז אַ ווײַלע געבליבן זיצן שטיל אַ פּאָרטראַכטע. ער האָט געזען, אַז זי וויל נאָך עפּעס זאָגן און זאָגט נישט. אפשר צוברענ־גען אַ טרונק, אַ קאַלטן טרונק, האַלינאַ? איכ׳ל זײַן דער קעלנער.

— ניין. אַ דאַנק. עפּעס אַ גאָרטן־אַרבעטער דרייט זיך אין שיכּון.

— נו איז וואָס? אַ גנב, ווי מ׳רופט זיי דאָ. איז וואָס? רעדט, דערציילט.

— אַן אַראַבער. קומט שנײַדן דעם פּלויט. עפּעס רעדט ער געדיכט, צו געדיכט רעדט ער מיט איר... וואָס וויל ער פונעם מיידל?

— נאַרישקייטן. לאָזט עס פאַר מיר. אַ שאָד אײַערע נערוון. איכ׳ל אַ רעד טאָן מיט דער קליינער.

שמואל מאַכט זיך גוט ס׳זיצן. ס׳פּנים לאַכט אויף אים. וויל עפּעס זאָגן, האַלינאַ איז אומגעדולדיק:

— ווען וועט איר מיט איר רעדן?

— דערווײַל אפשר פאָרט עפּעס דערלאַנגען צום טיש? אַ גאַנצן אָוונט ט׳איר גאָרנישט געהאַט אין מויל.

איר זענט מיד. איכ׳ל סערווירן, האַלינאַ.

— אַ דאַנק, אדון שמואל. רופט מיך חומה, ווי מײַן מאַמע האָט מיך גערופן.

— שוין בעסער, נחמה.

קעגן אים זיצט זי. אירע גרויסע, טונקל־ברוינע אויגן קוקן אין אַ זײַט. שמואל באַוווּנדערט איר פּנים. קיין קנייטשעלע אַרום די אויגן. פולע זאַנפטיקע ליפּן. אַ מאַטע ווײַסקייט באַדעקט איר האַלדז. זי טראָגט נאָר אויף זיך ס׳ווײַסע פאַרטעכל פאַרצויגן מיט אַ גאַרטעלע, וואָס מאַכט איר טאַליע יינגער. אויך ס׳ווײַסע טשיפּיקל אויפן קאָפּ גיט איר צו חן. אַ מיטלוווּקסיקע, אַ פינעף־זעקס און דרײַסיק יאָריקע פרוי, אין איין עלטער מיט זײַן זון סרוליק. ווען ער וואָלט געלעבט... — לויפט אים אין די רגעס דורך אַ געדאַנק.

— קליינע קינדער, נחמה, לאָזן נישט שלאָפן; גרויסע קינדער לאָזן נישט לעבן.

— וואָס עפּעס זיך אַצינד דערמאָנט, אדון שמואל?

— נו, מילא, לאָמיר רעדן פון פריילעכע זאַכן.

— ?

— זיך דערמאָנט אין עפּעס. נישט וויכטיק.

שמואל נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון נחמהן גלײַך ער זעט זי אַצינד צום ערשטן מאָל. נחמהס פאַררייטלט פּנים פון לויפן אַהין און צוריק די קנאַפּע צוויי שעה פון דער שמחה מיט פולע און ליידיקע שטויסן טעלערס, גיט איר צו אין די אויגן פון שמואלן אַ מראה פון אַ רײַפער אויסגעשטאַנענער פרוי. אין דער אַלטער היים האָט מען אויף אַזאַ פרוי, אַן אלמנה, געזאָגט „זי מעג שוין הערן שפּילן ס׳צווייטע מאָל".

— נישט געזאָרגט, נחמה, איכ׳ל אַ רעד טאָן מיט ציפּין. אַ שיין מיידעלע אויסגעוואַקסן. „איר זענט אַ גוטער, דוד שמואל"

— האָט זי אים אַנומלט געזאָגט.

— אַ דאַנק, אדון שמואל.

## קאַפּיטל צוויי

די לעצטע עטלעכע נעכט מאַכט זי קיין אויג נישט צו, נחמה. צו קליין ס׳איינציקע עלעקטרישע לעמפּל אויפן סופיט צו פאַריאָגן די שאָטנס פון די ווענט. נאַקעטע, גראָע ווענט. דער „סאַלאָן״ — אַ גרעסערער צימער. אַן עפענונג אָן אַ טיר — פירט צו אַ האַלבן צימער, ווו ציפּי שלאָפט. אַ הייסער טאָג געווען. חמסין. די ביימער זענען געשטאַנען אָן שאָטנס. נישט קיין ריר פון אַ צווייַג, אַ בלעטל. ווי אין די גאָבעלינען זענען זיי געשטאַנען. אַ טויב, אַ פייגעלע האָט מען געקאָנט זען אויפן דאַך, אויף די טעלעפאָן־דראָטן, מיט אַן אָפן שנאָבעלע פון היץ. אַ הונט מיט אַן אויס־געשטרעקטער טרוקענער צונג לויפט פאַרבייַ די גאַס מיט אַ שווער אָטעמען. אָוונט האָט דער חמסין געבראָכן. אַ לייַכט ווינטל יאָגט אַרייַן דורכן אָפענעם פענצטער. ערשטער שטאָק. גוט, וואָס מ׳קאָן שלאָפן בייַ אַן אָפן פענצטער.

פון דרויסן רייַסט זיך אַרייַן אַ שאַקאַלן־געוואָי. אפשר אַ געוויין אַזאַ, אָדער אַן איבערשמועס אויף שאַקאַלן־לשון. תּמיד אַזוי אין דער שפּעטער שעה, אַ סימן — שוין האַלבע נאַכט.

ערשט מיט צוויי יאָר צוריק זענען דאָ פּרדסים געווען. נישט וויַט פון שיכּון — ליידיקע שטחים נאָך אויסגעקאָרטשעוועטע פּרוכטן־ביימלעך און הויכע ציפּריסן. אַ רייע ציפּריסן פאַרבלי־בענע שטייען נאָך דאָ ווי שומרים, שלאַנקע שומרים מיט פאַר־שטויבטע קעפּ — אַ צעפּ אַרום ליידיקן שטח פון אַ פּרדס. ווילד־געוויקס און גראָז, ווי פאַרזשאַווערטע דראָטלעך, באַדעקן ס׳פעלד. פעלעכלעך פון שאַקאַלן אויסגעפּגרטע פון הונגער און בענקשאַפט, פון די חמימות פאַרברענטע און אויסגעטרוקנטע וואַלגערן זיך דאָ.

די שיכּון־בלאָקן — ענלעך צו זיך ווי קינדער פון איין מאַמען. ווי אַ מאַמע געבענטשט מיט אַ סך קינדער פאַרטוישט אַמאָל אין איילעניש אַ נאָמען פון אַ קינד, אַזוי קאָן מען פאַרבלאָנדזשען צו אַ שכן אין שטוב אַריין. הייזקעס — אַ פאַרטער מיט אַ שטאָק — ווי צוגעוואַקסענע צו דער ערד — אַ באַרגיקע, טאָליקע. צעמענט, זאַמד און קאַלך געמישט און געגאָסן גיך־גיך אויף באַקנדיקער זון, עלעהיי ס׳באַקן פּיתּות אין די ליימענע אויוונס: ס׳גרייטן אַ דאַך איבערן קאָפּ פאַר עולים: מאַסן־עליה אין די יאָרן 1948—51.

רויער, גרויער טינק. ווען נישט אַ פענצטערל, אַ טיר אין דרויסן אַרויס צו אַ שמאָל געפלאַסטערט װעגל, אָדער אין אַ גערטנדל אַריין; אַ גאָרן — צעמענט־טרעפּן שוואַרץ ווי די ערד; אַ באַלוסטראַד — וואָלטן די הייזקעס אויסגעזען ווי קאַסטנס: גרויסע קאַסטנס, ליפטן, וואָס זענען צוזאַמען מיט די עולים אַהער געבראַכט געוואָרן. נייע עולים מיט אַלט געפּעק, שטוב־חפצים, שמאַטעס, בעבעכעס.

ביזן איינאָרדענען זיך, אָדער, ווי ס׳איז דאָ אַרומגעגאַנגען אַ וויץ, ביזן איינמאָרדעווען זיך, קאָן מען דערוויילע מיט דעם „באַגאַזש" זיך אַרויסהעלפן אין דער באַלעבאַטישקייט.

דאָס וויסטע, ווילדע שאַקאַלן־געוואָי, אַמאָל אויך אַ סקריי־פּענדיק צעצויגן געשריי פון אַן אייזעלע; די ברענענדיקע זון בייטאָג — דערמאָנען איר אין די איבערלעבונגען אָט־אָטיקע פון דאָרטן, מיטלאַזיע, טורקעסטאַן.

ניינצן דריי און פערציק. קנאַפּע צען יאָר זינט דעמאָלט. מיט פיר יאָר צוריק — סוף ניינצן ניין און דרייסיק — איז זי מיט אַן עשאַלאָן עוואַקויִרטע קיין טיף רוסלאַנד, אַ װערבירטע אויף אַרבעט, געפאָרן און שטעקן געבליבן אין אַ קליין שטעטעלע גאָראַדיע, נישט ווייט פון דער פּויליש־סאָוועטישער גרענעץ. אַ זעכצן יאָריק מיידל, אַליין. געוווינט בשכנות פון אַ מאַן כעניק מיט זיין פרוי און קינד, אַ יינגעלע פון אַ האַלב יאָר. כעניק — איר ערשטע ליבע, אַ פאַרבאָרגענע, אַ פאַרבאַטענע.

בעתן אַנטלויפן פון גאַראַדיע, יוני נײַנצן איין און פערציק, קומען אום אויף אַ טראַגישן אופן בעניקס פרוי און קינד. זי איז צוזאַמען מיט אים אין אַ קאַלכאָז הינטער קויבישעוו. וואָלגע, פאַראַכאַד. זי מיט איר סוד, וואָס איז פאַר אים קיין סוד נישט. — אין גאַרקי — צעגייען זיי זיך. זי לעבט מיט דער פאַרבאָר־גענער ליבע צון אים, ער — מיטן זכרון פון זײַן ווײַב און קינד.

בעניק — אַ פּאַרטשניק אין דער פויליש־רוסישער אַרמיי. אויפן פראָנט, הינטער מינסק, ווערט ער שווער פאַרווונדעט. אַמפּו־טירט אַ פוס. זי — אַ קראַנקן־שוועסטער, דערקענט אים. אַרויס פון שפּיטאָל אויף צוויי קוליעס מיט איין פוס. איין שטוב. איין בעט. מ׳פאַרשרײַבט זיך אין „זאַגס״.

אַ לאַנגע ווינטער־נסיעה מיט אַ פּיצלס אויף די הענט. טיעפּ־לושקעס. סטאַציעס. ראַזיעזדן. מיטלאַזיע. ליבע. אייגנטלעך — בלויז קרישקעלעך פון אַ גאַנצער זאַך. זי האָט אים באַגערט. ער, איר מאַן, דער טאַטע פון נײַגעבוירנס, האָט געלעבט מיט זײַן ווײַב און קינד די טראַגיש־אומגעקומענע. אַן אינוואַליד. וויסטע, ווילדע פרעמד. אַ לעבן אויף, — ווי האָט ער געזאָגט — איין פוס.

אַ ליימקיביטקע בשכנות פון אַן עלטערער קאַזאַכין. הונגער־פאַיאַק. דער ווילדער הונגער — אַן אַזיאַט. קאָנסט נישט און האָסט נישט מיט וואָס אים אָפּיאָגן פון זיך. אַ מלאך־המוות מיט טויזנט אויגן קוקט אויף דיר. האָסטו וואָס אַראָפּצופאַרקויפן פון זיך, קויפסטו אויס אַ שטיקל ברויט אויפן באַזאַר, טאַלטשאָק.

עס איז באַהאַלטן פאַרן אויג. הינטער שטיקלעך לײַוונט, האַנטעבער, קאַפּטיכלעך, אונטערן איינציקן העמד אויפן לײַב — ליגט ס׳שטיקל ברויט. מיט שווערע פעקלעך געלט, מיט אַ טײַער חפץ קאָן מען עס אויסלייזן. אַן אוצר. ווי גאָלד אויפן גראַם ווערט עס געוויגן. גאַנצע און האַלבע פענעצן ברויט גייען איבער באַ־האַלטענערהייט פון האַנט צו האַנט.

פון ערשטן טאָג מלחמה־אויסברוך פוסטעווען דאָ די פעלדער. דער גרויער באָדן — פאַרטרוקנט, געפּלאַצט. אַ שטויב באַדעקט

די פעלדער מיטווילדגעוויקס, דערנער, בינטלעך פּאַרזשאַווערט גראָז. די שפּאַלטן — נעסטן פאַר שלאַנגען און עקדישן. מוראַשקעס בויען זיך פּאַלאַצן. שפּינען וועבן נעצן, פאַרכאַפּן פליגן, פלאַטערלעך; קאָמאַרן, וואָס בלײַבן הענגען, ווי קנופּן.

אַ צעקריגטקייט פון מענטש און נאַטור. די שיינע נאַטור, רײַך אין ווייצנפעלדער, אין כלאָפּאָק — „ווײַס גאָלד". צוויי מאָל אין יאָר האָט מען געזייעט און געשניטן. אויף אַראַבאַ׳ס* געפירט צו דער סטאַציע. מיט באַנען וואַגאָנעסווײַז אָפּטראַנספּאָרטירט אין די ווײַטע שטעט פון גרויסן לאַנד.

אַ הונגער. די לופט, וואָס דער מענטש אָטעמט אַרײַן אין זיך איז פאַרדאָרבן. — עסן, עסן! — שרייען די ליימקיביטקעס מיט צעעפנטע און אויסגעריסענע טירן, ווי אָנצייניקע מײַלער.

אַ שטום געשריי פון ביעזשענצעס, וואָס מ׳רופט דאָ „עוואַקויִרטע". ביעזשענצעס, רעשטן פון פעלקער פון די ווײַטסטע רעפּובליקן: קאַלמיקן, קרימער טאַטאַרן, טשעטשענצעס, באַלקאַרן — קליינע „פאַרברעכער", „שׂונאים פון פאָלק". אין די פרימאָרגן־שעהען „עפּענען" זיי און שפּעט אין נאַכט אַרײַן „שליסן" זיי דעם באַזאַר און טאָלטשאָק.

אַכט־צען יאָריקע היימלאָזע קינדער, קרוע־בלועה, הונגעריקע טרעפט מען בײַ די טויערן פון „זאַגאָט זשערנאָ", בײַ די טירן און פענצטערלעך פון די לאַראָקן, ווו מ׳טיילט ברויט אויף קאַרטעלעך. גרויסע, ראַבע פליגן, בינען פעטלעך־בלויע קרײַזן, ווי קליינע עראָפּלאַנדלעך, אַרום די ליגנדיקע גופים, פּנימער אָן אַ צורה פון אַ מענטש. געוויקלטע אין שמאַטעס און האַלב־נאַקעטע, זעצן זיך אויף די אָפּגעדעקטע קערפּער־טיילן, בלוטלאָזע לײַבער פון די לעבעדיקע מתים, זייגן אויס פון זיי ס׳לעצטע ביסל חיות.

---

* הויכע וועגענער אויף צוויי רעדער.

## קאַפּיטל דרײַ

בעניק איז קראַנק. דיזענטעריע. די דריטע וואָך, ווי זי טרעט נישט אָפּ פון זײַן בעטל. ס׳פּנים — בלאַס, ס׳מויל — אין אַן אויס־געקרומטן שמייכל וויל זאָגן:

— האַלינאַ, פון דעם בעטל וועל איך נישט אויפשטיין.

זײַנע בייניקע, ווײַסע הענט, וואָס האָבן אַקערשט מיט עטלעכע טעג צוריק זיך באַוועגט בעתן רעדן, אַ שטייגער זיי ווילן אַרויס־העלפן די ליפּן, וואָס לאָזן קיין קלאַנג נישט אַרויס, ליגן אַצינד פּאַרמאַטערטע אויף זײַן ברוסט: צוויי ווענסלעס אויף אַ שיפל, וואָס האָט זיך פון ווײַטע מרחקים אַהער דערשלעפּט. ווי לאַנג וועט דאָס „שיפל״ דאָ רוען? וויפל וואָכן, טעג, אפשר שעהען — ווייסט קיינער נישט פון די שפּיטאַל־מענטשן. און ווען יאָ, וועט מען איר זאָגן? און אפשר זענען דאָס די לעצטע רגעס ערב דער לאַנגער „נסיעה״ פון וואַנעט מ׳קערט זיך קיינמאָל נישט צוריק?

אַט־אַט שווימט עס אָפּ מיטן גרויסן אָקעאַן פון יענער זײַט לעבן.

שפּעטע נאַכט. פייגעלע איז אַליין אין דער לייםקיביטקע. איר באַלעבאָסטע — אַ וואַנט קעגן אַ וואַנט — די גוטע „אַפּאַ״, (מאַמע) גיט אויף איר אַכטונג.

— בעניקס ליפּן שעפּטשען, קוים וואָס מ׳הערט:

— האַלינאַ, ס׳קינד איז אַליין.

— זאָרג נישט, בעניוש, שלאָף אײַן.

— איך בין נישט מיד.

זי בייגט זיך צו צו אים.

— בײַנאַכט פיל איך זיך בעסער.

— דו לויפסט נישט? דאַרפסט נישט בײַנאַכט?...

— כ'דאַרף, נאָר איך לויף נישט. מיר איז גוט אַזוי. כ'ווייס: זי וועט זיך בייזערן אויף מיר, די שוועסטער. זאָל זי...

— כעניוש, אַ שוועסטער בייזערט זיך נישט. פאַרגעסן? איך בין דאָך אַ קראַנקן־שוועסטער.

— אוי, האַלינאַ, שוועסטער גוטע, ווײַב מײַנס.

— ליבער מײַנער.

— העליוש.

— שלאָף אײַן, כעניוש.

— בײַנאַכט איז גרינגער צו שטאַרבן.

— רעדסט שוין ווידער נאַרישקייטן? ביסט קראַנק.

— קראַנק בין איך, קיין נאַרישקייטן רעד איך נישט.

— פלאַפלסט. שלאָף!

— אָן אײַנשפּריץ דאַרף איך. אײַנשלאָפן אויף אייביק — האָט זיך זײַן שוואַך קול געהעכערט.

פון וויטיק רעדן מענטשן נאַרישקייטן — האָט זי געדענקט, די געוועזענע קראַנקן־שוועסטער. בײַ דיזענטעריע, טיפוס, אין הויכן פיבער, פלוידערט מען אָפּט אַרויס דאָס, וואָס ליגט טיף פאַר־באָרגן און דריקט אויפן געמיט. אויסטערלישע רייד, אָבער אַ סך אמת איז אין זיי פאַראַן. אַ מין ווידוי. פון די טיפסטע שיכטן שיכחה (וואָס האָט, אגב, אויך זכרון...) און פון פאַרנעפּלטן באַוווסטזײַן שווימען אַרויס די ווערטער: פון ים יסורים שווימען זיי אַרויס. דאָס זענען רעזערוו־כּוחות אויף דער גרענעץ פון לעבן און טויט. יאָ, אין אַזאַ מצב איז ער, כעניק. פון די שטאַרבנדיקע אַרטעריעס יאָגן זיי אַרויס, פון פונאַנדערפאַלנדיקן גוף, ווי צוגווינטן דורך אָפענע טיר־און־פענצטער. „אוי, דער פאַרטאָג — הערט זי ווידער זײַן־נישט־זײַן קול — קינדער פאַלן אויף דער וועלט אין די באַגינען־שעהען. פייגעלע. פייגעלע! געווינערינס קומען־אויף אויפ־געלייזטע פון געבורט־יסורים. אוי, דער טאָג... ערגעץ הייבט זיך אויף אַ מענטש פון בעט, קוקט אַרויס דורכן פענצטער... אוי, די

מי פון טאָג, דער עול פון לעבן מאַכט אַזאַ חשק... עס ווילט זיך נישט אַוועקגיין אין מיטנדאַרינען..."

ער רעדט פון היץ. פון היץ רעדט ער — האָט זי צו זיך געזאָגט. אויפגעהויבן, אַוועק רופן אַ דאָקטער, אַ שוועסטער, מעסטן דעם בלוטדרוק, אײַנגעבן אים עפּעס אַ פּראָשעק אויף אײַנשלאָפן.

— אַ שאָד, אַ שאָד, טײַערע סאָניע, האַנקע, שימעלע, פּייגעלע. קומט, קומט נענטער. עס ברענט. מ'יאָגט — — — — ערגעץ טראַסקעט אַ מאַטאָציק, — — — לויפן, לויפן. ווו דער פּוס מײַנער? די פּראָטעזע? העלף מיר!"

אַ, מאַטאָציק, ניין. ער'ט נישט פאַרגעסן. זי דערמאָנט זיך: אַן עס־עס, אַ געזונטער קערל, אַ שוואַרצער העלם מיט אַ סקעלעטן־קאָפּ. אָנגעיאָגט אויף אַ מאָטאָציק בעת דער לויפנדיקער צוג מיט לעצט־געראַטעוועטע, וואָקזירטע קיין טיף־רוסלאַנד איז אויף סעקונדעס געבליבן שטיין מחמת דער כּסדרדיקער באָמבאַרדירונג.

סאָניע מיטן קינד איז אַראָפּ זוכן אין אַ צווייטן וואַגאָן אַ טראָפּן מילך פאַרן אויסגעהונגערטן נפשל. אַראָפּ און נישט אויסגעפּועלט צוריק אַרויף. דער עס.־עס. האָט זיי פאַרכאַפּט. נעלם געוואָרן.

די גאַנצע צייט האָט ער גערעדט וועגן נקמה. זיך מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי, אַ פוס פאַרלאָרן אויפן פראָנט. נישט געקאָנט שענקען זיך למאי איז ער תּיכּף נישט געשפּרונגען פון וואַגאָן. למאי — — — אַזאַ שוידערלעכער מאָרד און ער לעבט.

ער פאַרגעסט נישט, כּעניק. זײַן הייזעריק, שלאַבריק קול העכערט זיך:

„העלף מיר, האַלינאַ. אין שפּיטאָל האָסטו מיר געהאָלפן געזונט ווערן. העלף מיר שוועסטער, העלף מיר שטאַרבן! נעם אַראָפּ די אויגן פון מיר. קוק נישט אויף מײַן פּנים. ס'איז נישט

מײַן פּנים. פֿאַרוואָס וויל גאָט אַ מענטש זאָל שטאַרבן מיט נישט זײַן אייגן פּנים. אוי, דער בויך! דער קאָפּ!"

זי איז צוריקגעקומען אָן אַ דאָקטער, אָן אַ שוועסטער. בעניק איז שטיל געבליבן. זײַן ברוסט האָט זיך געהויבן מיט אַ שווערן כאָרכל, עלעהיי אַ צעבראָכן שיפֿל דעבעט, שלאָגט זיך מיט די לעצטע כּוחות אויף אַ צעבוואַליעטן ים. די דינע קאָלדרע אויף אים גריבלט זיך, בערגלט בולט אויס דעם שטאַרבנדיקנס קני, בויכבעקן און ריפּן ביזן האַלדז אַרויף. אַ זעקל ביינער האָט זי געזען פֿאַר זיך. די אײַנגעפֿאַלענע באַקן, ס׳גאַנצע פּנים האָט באַדעקט אַ גראָע בלייכקייט, וואָס איז נישט צו טרעפֿן בײַ אַ לעבעדיקן מענטש. נאָר לויטן הויכן שטערן און טונקעלע, געדיכטע ברעמענבויגנס און דעם נאָר־איר־גוטבאַקאַנטן שמייכל זײַנעם, האָט זי געוווסט, אַז דאָס איז בעניק. זי האָט אַ טאָפּ געטאָן דעם שטערן, די אָפּגעדעקטע ברוסט וואָס איז נאָך וואַרעם געווען. אונטער איר האַנטפֿלאַך האָט זיך געהערט אַ קוים־קוימיק נישט רעגולער און אָפּגעשוואַכט קלאַפּן, ווי ס׳קאַפּען פֿון וואַסערטראָפּנס אויף אַ ווייכן באָדן. זײַנע הענט זענען קאַלט געווען. די אויגן — האַלב־צוגעמאַכט. אפשר האָבן זיי אויך געזען איר געשטאַלט. אָבער קיין שום באַוועג פֿון די ליפּן. ווי פֿאַרחתמה׳ט איז געווען ס׳מויל. אַוודאי די לעצטע מינוטן שוין אָדער שעהען ערב דעם לאַנגן, לאַנגן שווײַגן.

צו מאָרגנס אַז זי איז געקומען אין שפּיטאָל איז שוין דאָס „זעקל ביינער" נישט געווען.

אָן אַנדערער איז געלעגן אויפֿן בעטל. אָן אַנדער קאָלדרע. אַ ריין, פֿריש קישן. לעבן אים אויף אַ בענקל, איז נאָך געלעגן בעניקס עסן: עטלעכע סוכאַרעס, אַ שיסעלע הירזש, אַ טעפּל טיי. דער קראַנקער האָט דערציילט: — וואַסער האָט ער געבעטן. מ׳האָט אים דערלאַנגט וואַסער. ווי צוואַנגען האָבן די טויטלער־קאַלטע פֿינגער אַרומגעקלאַמערט דאָס טעפּל וואַסער. עס האָט זיך איבערגעקערט און אויסגעגאָסן. דעם גוססדיקנס פֿינגער האָבן

זיך מיט אַמאָל צעעפנט. אַזוי שטאַרבן מענטשן. מיט אָפענע הענט שטאַרבן מענטשן״.

קוים וואָס מען האָט אים געהערט רעדן, דעם קראַנקן, אַן אַלטער אוזבעק. אַ שאַרף קאַנטיק פּנים. שפּיציקע גאָמבע. אַן אײַנגעפאַלן מויל. איין צאָן, אַ פּיען, האָט געשטעקט אין דער אונטערשטער יאַסלע. אַ גראָ בערדל. שוואַרצע אויגן. ס׳האָט געפלעמלט אין זיי אַ טונקעלע ליכטיקייט, ווי פון צוויי אויסגע־ברענטע לעבט.

נאָך האָט ער דערציילט פון די לעצטע ווערטער בעניקס:

— שטאַרבן הייסט טויט? וווהין גייט דער מענטש פון זײַן ביזן נישט־ווערן? אוי, מײַנע קליינע הענט. כ׳וויל אַרומנעמען די וועלט, דעם זין, וואָס לעבט אין יעדער זאַך פון דער וועלט און פון טויט.

די לעצטע ווערטער האָט ער נישט פאַרשטאַנען, דער אוזבעק. ער האָט אים אָבער געהערט ביזן סוף. נאָכן אויסהויכן די נשמה האָט ער מיט זײַנע שלאָבעריקע הענט, דער אַלטיטשקער, אים צוגעמאַכט די אויגנלעדלער.

✶

יאָרן שפּעטער, דאָהי, זענען איר קאַפּויער געקומען בעניקס ווערטער: אויך די רייד, וואָס ער האָט צו איר גערעדט אַ סך פריִער. ער האָט איר איין מאָל געזאָגט: „דער געבורט פון אַ מענטש הייבט זיך אָן מיט אַ געוויין. דער צווייטער געבורט, דער געבורט פון טויט — אָן אַ געשריי״.

און נאָך ווערטער, וואָס ער האָט געדענקט פון זײַן היים, טאַטע, זיידע:

„יעדער טאָג לעבן איז אַ טאָג שטאַרבן. אויב ס׳לעבן איז אַ זעקל רענדלער, איז יעדער אַוועקגעגאַנגענער טאָג — אַ רענדל ווייניקער. אַ יאָר און נאָך אַ יאָר און ס׳זעקל ווערט ליידיק...

אָרעמער בעניק: אַזוי יונג און — אַ זעקל ביינער.

יונג איז זי געווען. פאַרליבט. קוים אַ פּאָוושעכנע שול געענ־דיקט. אַ טאָכטער פון אַ פשוטן טאַטן, אַ סאַדאָווניק. זי האָט אים נישט פאַרשטאַנען, כעניקן. איבערפרעגן האָט זי זיך געשעמט. זי האָט אים ליב געהאַט, זײַנע קלוגע ווערטער ליב געהאַט. צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

# קאַפּיטל פיר

ס'איז געווען אַ זונטיק ערב־ראש השנה. אין די־אַ טעג מאַכט מען זיך, געוויינטלעך, אַ גשר, אַ בריק. מען פאַרלענגערט די רוטעג בעיקר אין די מלוכה־אַנשטאַלטן, שולן און פּריוואַט־פּראַפּעסיעס. די גרעסטע טייל לערער אַרבעטן נישט. אין אַזאַ זונטיק איז ציפּי געבליבן אין שטוב. פון אין דער פרי זיצט זי בײַם פענצטער. קוקט אויפן גדר, אויפן שאַטנבוים, וואָס זיי האָבן דאָ געפלאַנצט און איז זיך הויך און ברייט צעוואַקסן, אויפן קליינעם פּרוכטנביימל, וואָס די האַק פון קאַרטשעווער האָט אויסגעמיטן בעתן „אַראָפּנעמען" דעם פּרדס, אין צוגרייטן שטח פאַר די שיכונים.

אַכמעד איבן כּאַסאַן, אַ יונגער אַראַבער, קומט צוויי מאָל אין חודש מיט אַ גרויסער אײַזערנער שער, מיט אַ גראַבלע, אַ רידל. שערט דעם פּלויט, וואַרפט איבער, לופטערט די ערד, פּיעלעט אויס ס'ווילדגראָז.

אַ שמאָלער כביש צווישן בײדע רייען שיכון־הײַזקעס. טראָטואַרן. נײַ־געפלאַנצטע ביימלעך, וואָס גרייכן ביז די טעלעפאָן־דראָטן. בלײַבט אויפן פרײַען שטח פון אויסגעקאַרטשעוועטן פּרדס אַ ביימל — האָט עס אַ פּנים פון אַ היימלאָזן מענטש: די צווײַגן — שוואַרצלעך־גראָ, אײַנגעשרומפּן. די פּירות — ווילד, נישט־דער־וואַקסן, אויסגעטרוקנטע ווי וועלשענע ניס. מאַכטלאָז הענגען זיי אַראָפּ, אָדער ליגן אונטן אַרום ביימל — ווערמיק, פויל. די אָפּגעבליאַקעוועטע בלעטערקרוינען באַדעקט אַ שטויב און אַ נעץ פון זונפעדעם.

פאַלט אַזאַ שטייגער ביימל אַרײַן אין עמעצנס אַ גערטנדל — האָט עס אַ לעבעדיקע מראה. דער אַליוורגרין פון די צווײַגן,

בלעטער — איז אַ פרישער. ער גיט אַרויס פון זיך אַ שמעקעדיקן ריח. אַן אויסגעגלייכט׳ס, אַ שטאָלצס שטייט אַזאַביימל באַהאַנגען מיט פירות. די ערד אַרום אים — טעלערמעסיק אַרומגעגראָבן. דער שטאַם — איבער אַ העלפט אָפּגעקאַלכט. ס׳ביימל באַשײַנט דעם גאָרטן, קוועלט פון נחת, עלעהיי אַ מענטש, וואָס איז אויפ־געריכט געוואָרן. ווען אַזאַ ביימל וואָלט געקאָנט רעדן, וואָלט עס געזאָגט:

— ווויל איז דעם, ווועמען ס׳שפילט צו ס׳מזל.

ציפּי קוקט אַראָפּ פון פענצטער. דערמאָנט זיך: דוד שמואל האָט איר געזאָגט: די דאָזיקע ביימלעך אויף די ציפּרעסן בײַ די ראַנדן וועג זענען אַן אָנהייב פון אַ חלום: אַ חלום פון אַן אייגן לאַנד, אַן אייגענע היים. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס שטאָט פּרדסים וואַקסן אַצינד הייזער.

— און ווו וועלן מענטשן וווינען?

— מיידעלע, געגוג ערד דאָ. אלא מאי? אַלע ווילן וווינען נאָענט פון תל־אביב, נאָענט פון די שטעט: רײַסט מען אויס וואָס מ׳האָט פריער געפלאַנצט, מיט שווייס און שווערער מי געפלאַנצט, מ׳מאַכט אַ סוף צום חלום.

נישט ווײַט פון שיכון, אויף דרום פון תל־אביב, זעט מען אויך בלעכענע בײַדלעך, צריפים, געצעלטן.

נײַנצן נײַן און פערציק — איין און פופציק, עליה־יאָרן. פון פּליטים־לאַגערן דײַטשלאַנד, עסטרײַך, איטאַליע, פון רוסלאַנד, פון די וועלדער און באַהעלטענישן, פון תימן אויף „כנפי נשרים", פון איראַן, איראַק, מאַראָקאָ, פון אַלע וועלטווינקלען קומט מען.

בײַ זייער פּלויט פאַרהאַלט זיך אַכמעד איבן כאַסאַן לענגער. גערטנערײַ איז בײַ אים אַ צײַטווײַליקע אַרבעט — זאָגט ער ציפּין. ער איז אַ סטודענט, טיטל B. A. אויף היסטאָריע, פילאָסאָפיע, פּסיכאָלאָגיע.

אין ציפּיס אויגן זעט ער נישט אויס ווי אַן אַראַבער. אַ קאָפּ געלע האָר, אייגנטלעך — אַ שויבער. צוויי טיפע ווינקלען איבער

אַ הויכן,ברייטן שטערן. אַ שמאָל קעסטל ווײַסע ציין בעתן עפּענען ס׳מויל. גרויסע ווײַסלען אַרום די שוואַרצאַפּלען. רעדט אַ גוטן עברית, פליסיק און מיט אַן אַרטיקן אַקצענט אַן אַראַבישן חיתוך הדיבור.

ער איז נישט קיין הויכער, נישט פון די מענער פון ערשטן אײַנדרוק. ציפּי האָט אים ליב צו הערן רעדן. זי האָט אויך ליב צו צוקוקן זיך, ווי ער שטייט מיט דער גרויסער שער אין האַנט. אויף אַן איבערגעדרייטן עמער שטייט ער. שנײַדט דעם גדר. מוסקולירטע הענט אונטער פאַרקאַטשעטע אַרבל. ווי פלינקע חיות באַוועגן זיך די הענט, לאַנגע, באַאָדערטע ווי אויסגעליענע בײַ אַ הויכן מאַן, אַביסעלע צו גרויס צו זײַן קאָמפּאַקטן, פעסטגע־בויטן גוף.

— בוקר טוב, גברת!* — שרייט ער אַרויף צו ציפּין.

— נישט קיין גברת.

— ווי רופט מען דיך?

— וואָסער נפקא מינה?

ס׳שמאָלע קעסטל ציין לאַכט אַרויף: — און ווו איז דײַן מאַמע?

— מיט מיר פּאַסט דיר נישט צו רעדן?

— דו ביסט אַ שיינע, געראָטן אין דײַן אמא.

דער געלער שויבער, דער הויכלעכער שטערן, די פאַרגרע־סערטע אויגנווײַסלען לאַכן אַרויף צו איר אויפן גאַנצן מויל. אַבמער ווייסט, אַז זײַן מויל העלפט אים האַלטן דעם קאָפּ אין דער הייך. דער קלוגער קאָפּ האַלט אויף דאָס מויל, דעם כּוח־הדיבור...

תוך כּדי רעדן צינדט זיך אָן זײַן געלער שויבער, דער פעסטער קין פון זײַן טונקל פּנים, זײַן מענעריש קול גיט אים צו קראַפט.

עטלעכע קנייטשעלער אַרום די מוילווינקלען און אַרום די

* גוט־מאָרגן מאַדאַם!

אויגן בעתן לאַכן — מאַכן אים עלטער, ווי אויפן ערשטן בליק. אויב זי, ציפּי, זאָל אים גלייבן, אַז ער האָט אַ .B. A, אַ געענדיקטער סטודענט — איז ער עלטער פון איר מיט אַ וועלכע צען־צוועלף יאָר. ער אַרבעט, חזרט ער איבער, ביי וואָס עס לאָזט זיך, אויך חוץ גערטנעריי: אין אַ רעסטאָראַן אַ טעלער־וואַשער, אַ שומר ביי אַ נאַכטלאָקאַל, אַפילו אַ גאַסן־קערער. ער איז נישט — מאַכט ער — דער איינציקער אַראַבער וואָס אַרבעט ביי די אַלע „פּאַכן". נישט פון די איינציקע וואָס זענען אין נייַנצן אַכט און פערציק נישט אַנטלאָפן. דאָ געבוירן. האָט אַ סך חברים ישראלים. ער וווינט אין תל־זית ביי אַ מומע, אויך דאָ געבליבן. צוליבן טוישן איטלעכס מאָל די אַרבעט, ווייַט פון דער מומע — האָט ער שוין איין מאָל איבערגענעכטיקט אין אַ ליידיקן אויטאָבוס, אַמאָל — אויף אַ באַנק אויף שדרות רוטשילד.

יענעם אין דער פרי איז ציפּי געשטאַנען לענגער ביים שפּיגל פון דער וואַנטשאַנק. ס׳געשטאַלט וואָס האָט פון דאָרט אַרויס־געקוקט איז איר געפעלן. אין נאַכט־העמד איז זי געשטאַנען. אירע אייגעלעך לויפן איבער די פייַן־געפאָרעמטע שענקלען, בריסטלעך, ווייַסן דינעם האַלדז. ערגעץ אין אַ זשורנאַל האָט זי געלייענט: „אַ שיינער, איידעלער האַלדז, ווי אַ פידל". זי וואָלט עמעצן געוואָלט פרעגן, ווי אַזוי דאַרף זייַן אַ האַלדז וואָס זאָל טאַקע אויסזען ווי אַ פידל? שלאַנקע פיס האָט זי. אַכמעד זאָגט, אַז זי שטעלט זיי שיין. ס׳ערשטע מאָל הערט זי, אַז פיס שטעלט מען שיין. זי האָט קיינמאָל דערוועגן נישט געטראַכט. ווי אַזוי קאָן מען שטעלן פיס נישט־שיין? און ווען האָט ער זי געזען גיין? „געראָ־טן אין דער מאַמען". נישט אמת. אַ שקרן. אַ ליגנער דער מאַמעס אויגן זענען טונקל־ברוין און אירע — טונקל־גרינע, אַגרעס־גרין. זי געפעלט זיך. זי פילט, ווי אַ קראַפט וואָלט אָנגעגאָסן אירע אברים: אַ קראַפט, אַ שרעק, אַ בושה און אַ מאָדנע מתיקות.

איך געפעל אים, דעם אַראַבטשיק — איז איר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק. מעג ער נישט זייַן אין איר גוסט. ס׳געפיל, אַז זי

געפעלט אַ מאַן — גיסט אין איר אַט די קראַפט, די מתיקות, גיט איר צו אַזאַ פעוונעקייט. חוצדעם, וואָסי? אַן אַראַבער איז נישט קיין מענטש?

יאָ. — אַ מסכּן. אַ סטודענט, — אַ גערטנער, אַ גאַסנקערער. אַ דאָ־געבוירענער — און האָט נישט ווו צו שלאָפן.

פון אַלע חברטאָרינס אין שול האָט זי נישט קיין איינע זי זאָל זיך קאָנען פאַרטרויען, עפּעס פרעגן, עצהן זיך. אָט, למשל, וועגן אַכמעדן. ווען ער קומט שנײַדן דעם גדר, האַלט ער פאַררייסן דעם קאָפּ צום פענצטער: דערזעט ער זי — לייגט ער אַוועק די הענט אויפן רידל, קוקט אַרויף.

זי האָט אַמאָל פון דער מאַמע געהערט, אַז שיינע מענטשן האָבן אומזיסטע פרײַנד, מיאוסע — אומזיסטע שונאים. זי איז דאָך נישט קיין מיאוסע. אַפילו אַ שיינע־זאָגט מען. און זי האָט נישט קיין פרײַנד, קיין חברטאָרין. ביז זיי האָבן זיך דאָ אין שיכּון אַרײַנגעצויגן האָט זי אויך נישט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן. אַראָפּ פון דער שיף גלײַך אין „שער העליה", הינטער חיפה. געצעלטן. בלעכענע בודקעס. באָרוועס אויפן הייסן זאַמד. אויך דורך די דינע, שמאַטענע לעטשלעך האָט דאָס זאַמד געבריט.

ברויט. זויערע מילך. מאַרגאַרין. אַ שיטערע זופּ. בלעכענער טעלער, לעפל. פליגן. קאַמאַרן זעצן זיך אויף די אָפּגעדעקטע, נאַקעטע ערטער. פרעמדע פּנימער. אויך די מיידלער, יינגעלעך אין איר עלטער — פרעמד. עטלעכע פּוילישע און יידישע ווערטער קען זי פון דער אמא. די שפּראַכן זענען דאָ פרעמד און די אמא האָט צו איר נישט קיין געדולד.

די ערשטע וואָכן, חדשים אין שול, דאָ נישט ווײַט פון שיכּון, האָט זי אַ וואָרט עברית נישט געקאָנט. אין אַ ווינקל אויף דער לעצטער באַנק אין קלאַס געזעסן. די שילערינס האָבן כּסדר געקוקט אויף איר, געלאַכט, געשושקעט זיך. נישט אַראָפּגענומען פון איר די אויגן. זי האָט זיך באַטראַכט; באַקוקט, אפשר שלעכט

צוגעקעמט? אפשר ס׳קליידל צעריסן, פאַרפלעקט? וואָס אַזוינס האָבן זיי אויף מיר געזען? — און פאַרוואָס שעמט זי זיך אויפשטיין, צוגיין צום טאָוול ווען די לערערין רופט איר?

זי האָט געפרעגט דער מאַמען, נאָר די אמא האָט נישט קיין ציַיט צו איר:

— ס׳דאַכט זיך דיר, נאַריש קינד — ענטפערט זי שנעל.

✶

נחמה, די קראַנקן־שוועסטער, טויג זיך גוט אויס אויך ווי אַ קעלנערין, אַ קעכין. ווו זי האָט די מלאכות זיך אויסגעלערנט — ווייסט ער נישט, שמואל. ווערליק איר דערציילן איז זי יונג אַוועק פון שטוב. אַרויס, ווי מ׳זאָגט, מיט דעם וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגן, אַ וואַליזקעלע, און אַ האַנט־טאַש. די שטוב האָט זי, אייגנטלעך, פריִער פאַרלאָזט. וואַרשע. זיך אויפגעהאַלטן ביַי אַ וויַיטער קרובה. געאַרבעט אויף קאָנדיציע ביַי אַ קינד, אַ וויכאַ־וואַנקע. (דערציִערן) פון וואַרשע, אונטערן פיַיער פון דיַיטשישע מעסערשמידן — אין נייַנצן נייַן און דריַיסיק — אַנטלאָפן, אַריבער דעם בוג.

זי איז ביַי אים די גאַנצע באַלעבאָסטע, נחמה. די שווערע קיך־אַרבעט, דאָס רוימען לאָזט ער פאַר רחלען, די תּימנרין.

דער זאָל פאָדערט אַ שיין פּנים. יאָ. דאָס יאָ. אַ פריַינטלעך פּנים — זי טוט אים צוליב. פאַרוואָס מאַכט זי אַ זויערע מיינע אַז ער טוט צו איר אַמאָל אַ שמייכל? זי איז מסכּים, האָט זי אים געזאָגט, אויך אויף שווערע אַרבעט: קאָכן, רוימען, וואַשן די געפעסן. שווערע אַרבעט מאַכט ליַיכטער ביַינאַכט דעם שלאָף.

— פאַרוואָס אַזוי ערנסט? איר קאָנט דאָך אַזוי שיין שמייכלען? האָט ער איר אָנומלט ווידער אַ פרעג געטאָן.

— דער זאָל פאָדערט, אדון שמואל?

— און אַז דער באַלעבאָס?...

— פאָדערט? — האָט זי אים איבערגעריסן אין מיטן.

— ניין. בעט.

— וואָס בעט ער? — אַ שמייכל.

האָט זי אים איין מאָל צוליב געטאָן. זי איז נישט בייז אויף אים. חלילה. אַ גוטער מענטש. אַ האַרצליַידנדיקער. דער דאָקטער האָט אים פאַרווערט מ׳ביטערן טראָפּן, וואָס ער האָט גראָד ליב. אלא, דאָס קאַוואַלערסקע הנדלען זיך צו איר? טרויעריק, טראַגיש מאַכט עס אים אין אירע אויגן.

ער איז נישט אינגאַנצן אומגערעכט, שמואל. נחמה האָט זיך ביסלעכוויַיז צוגעוויינט שמייכלען, איבערכאַפּן אַ וואָרט מיט אַ גאַסט. אויך זיך צוגעוויינט צו דער מוזיק, צו די טענץ...

נחמה פלעגט אויך בהיסך הדעת אונטערברומען אַ ניגונדל, אונטערטענצלען צום טאַקט פון אַ פּאַקסטראָט, זי האָט אין די רגעס נישט געשפּירט ווי איר פיגור אין דער אויסגעפּאַסטער, טונקעלער ספּודניצע, וויַיסע בלוזקע, באַוועגט זיך צום ריטעם פון קלאַנגען, וואָס האָבן שוין אַפילו אויפגעהערט.

שמואל האָט אָנגעקוואָלן. יאָ. אַזוי דאַרף זיך אַ יונג וויַיבל פירן. ס׳האַרץ איז נישט קיין גלאָז און קיינער זעט נישט, וואָס אינעווייניק טוט זיך.

ער האָט עס איין מאָל געזאָגט, נחמהן, און צוגעגעבן: — וואָס די ערד דעקט צו ווערט פאַרגעסן.

האָט עס איר גראָד טרויעריק געמאַכט. ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס. געוואָלט פאַרריכטן, געזאָגט:

— מ׳לייגט זיך נישט מיט, נחמה.

מער האָט זי שוין נישט געקאָנט שווייגן:

— מ׳לייגט זיך טאַקע נישט מיט, אדון שמואל, אָבער עס איז שווער זיך אויף די פיס צו האַלטן.

— סליחה, נישט געמיינט, חלילה, איַיער שלעכטס.

ציפּי, ווען זי איז קליין געווען, פלעגט מיטגיין מיט דער מאַמען צו דער אַרבעט. געזעסן זי אין וויַיסן פאַרטעכל, וויַיסן טשיפּיק אויפן קאָפּ — האָט עס איר געפרייט, פאַרוואָס זי איז אין שטוב אַזוי טרויעריק — ווייסט זי נישט.

## קאַפּיטל פינעף

אַוודאי, ווען ער, ציפּיס טאַטע, וואָלט געלעבט. דאַרף זי אָבער אַצינד זײַן פאַר איר טעבטערל אי דער טאַטע, אי די מאַמע. אונטערגעוואַקסן אַן עין הרע. און — אַ שווײַגערין. אַ סוד פאַר־שליסט דאָס שווײַגן. זי האָט נישט די „שליסלען".

— וואָסער סטאָפּני האָסטו הײַנט געבראַנגט פון שקאָלע?

— פאַרוואָס קומסטו שפּעטער פון אַלע חברטאַרינס אַהיים? — אַזוי שנעל געמאַכט די לעקציעס? ווו גייסטו?

נאָך אַ לאַנג שווײַגן גיט זי זיך אַ וואָרף, ציפּי, ווי אַ האַלב־אָפּגעשאָבן פישל:

— גענוג, אמא, מיט דײַנע שאלות.

— ציפּי, דו ביסט מײַן ברויט און זאַלץ פון לעבן.

— איך פאַרשטיי נישט, אמא.

— דער סם פון מײַן לעבן ביסטו: ברויט מיט סם.

— דו מאַכסט משוגע מײַן שׂכל.

— פאַרוואָס רעדסטו נישט? פאַרוואָס זאָל דײַן מאַמע נישט וויסן דעם אמת?

— וואָסער אמת?

— אַבמעד.

— ער איז אַ קלוגער דער דזשינדזשע. אַן אַראַבער איז נישט קיין מענטש?

— וואָס וויל ער פון דיר?

— גאָרנישט.

— ווו טרעפסטו זיך מיט אים?

— נאַרישקייטן. ער לייגט אויף מיר קיין פינגער נישט אַרויף.

— פאַרוואָס קומט ער אַזוי אָפט אַהער, ווער דאַרף אים?

— פרעג אים.

אַז נחמה זעט אַכמעדן אַרויפקוקן, זײַן שאַרפער בלאַנקער שמייכל פון זײַן שמאָל מויל ציין — אַ מעסער אין איר האַרץ. זי וועט נאָך אַמאָל איבערעדן מיט שמואלן. זי האָט נישט קיין אַנדער וועג צו איר קינד, צו איר ציפּין. ער האָט איר דאָך צוגע־זאָגט, מיט דער קליינער אַ שמועס צו טאָן.

*

לאַדט ווער אײַן נחמהן צו אַ טאַנץ, דאַרף זי לאַנג נישט זוכן דעם ענטפער:

— איך בין דאָ אַ קעלנערין.

— איז וואָס?

— גאָרנישט.

נחמה פאַרטראַגט נישט די נאָענטקייט פון אַ מאַן. די צעג־לאַנצטע אַפּלען, די חשק־בליקן, וואָס פאַלן בגנבה אויף איר האַלדז, אויף די היפטן. די געסט, די מוזיק, די שׂמחות וועקן אין איר אַן אומעט. וואָס פרייליכער אויפן זאַל — אַלץ אומעטיקער ווערט זי. פון ליכטיקן שטויב, וואָס פאַרהייבט זיך פון די טאַנצנ־דיקע פיס ביז צו די זשיראַנדאָלן — גייט אויף אַ נעפּל. פון נעפּל העלט אַרויס אַ געשטאַלט, תּמיד דאָס זעלבע געשטאַלט — בעניק. בעניק אויפן קאַרטאָפל־פעלד אין קאַלכאָז. זײַן פורקען זיך בײַם שפּאַנען ס׳פערד און וועגעלע, וואָס דאַרף די זעק קאַרטאָפל אָפּפירן אין סקלאַד אַרײַן. ווי אַזוי קאָן ער זיך ספּראַווען מיט אַ פערד און וועגעלע? דעם פּרעדסעדאַטעלס זינדל, דער אויפזעער, חוזקט: — קאַקאָי טי קולטורנע טשאַלאָוויעק, טשטאָ ניע אומעיעש לאָשאַדיע זאַפּריאַגאַט?*

הײַנט זײַנע בליקן אויף איר, זײַנע ממזרישע בליקן:

— קראַסיוואַיאַ באַרישניאַ.

און בעניק קוקט דאָס צו. הערט דאָס. די באַקטע — זײַן

---

* וואָס פאַראַ קולטור־מענטש ביסטו אַז דו קאָנסט אַפילו נישט שפּאַנען אַ פערד?...

„וווינונג". ס'הילצערנע בעטל, ס'שטרויקישעלע צוקאָפּנס. זײַן אור־מעטיק פּנים. די טונקל־בלויע רעדער אַרום זײַנע אויגן. מידע אויגן פון שלאָפלאָזע נעכט. סאָניע, שימעלע. אַזוי טראַגיש אומגעקומען. און זי ליבט אים. ער ליבט זײַן טויט ווײַב און קינד. ער איז עלטער פון איר, אינטעליגענטער. איר טאַטע און געליבטער איז ער. וואָס איז זי פאַר אים, די זיבעצן־אַכצן יאָריקע האַלינאַ? אַ פּלאַטערל, וואָס ציט צום ליכט ביסטו — האָט ער איר איין מאָל געזאָגט, ליכטיקער בעניוש. און זי האָט אים געענטפערט מיט אַ שאלה — איטלעכסמאָל מיט דער זעלבער שאלה: — פאַרוואָס לאָזטו זיך נישט ליב האָבן?

„מענער האָבן חתונה פון מידקייט, פרויען — פון נייגער".

ער האָט שוין איין מאָל חתונה געהאַט — זײַן ענטפער.

אַ בויאינזשינער פון פאַך. סאָניע און שימעלע — זײַן ערשטע ליבע. און איר ליבע צו אים — נאָך אַלץ אַ פאַרבאָטענע. אין זעלבן קאָלכאָז, אויפן זעלבן אַרבעטס־פעלד. אַזוי נאָענט איינער פון אַנדערן און — אַזוי ווײַט. אײַן גורל: פּליטים, ביעזשענצעס, עוואַקויִרטע און — צוויי וועלטן.

✶

ציפּי איז אַצינד דאָס פּלאַטערל, וואָס ציט צום פײַער, צום געלן שויבער... זי איז אַצינד די „נײַגעריקע"... און איר מאַמע איז מיד פון לעבן. זי איז הײַנט אין דעם עלטער, וואָס בעניק דעמאָלט, ווען זי האָט אים אַזוי באַגערט.

האַלינאַ — ציפּי. צוויי דורות ליבע. אַנדערע צײַטן. אַנדערע פאָרמען. די ליבע — די זעלבע.

אַ הוידלקע? אַהין און צוריק? ניין. אַ קרײַז, אַ ראָד וואָס דרייט זיך אָן אויפהער: אַ ראָד פון בלוט און באַגער.

ס'רעדל דרייט זיך. אָפּגעגעבענע זאַכן. אין דער נאַטור גייט גאָרנישט פאַרלוירן — האָט בעניק געזאָגט — בלויז ס'געשטאַלט ענדערט זיך. בעניק — אַכמעד. אַזוי אַנדערש די פּנימער: אַזוי ענלעך די ליבע, די אַלטע זיך באַנײַענדיקע שפּיל.

גורל? ניין. זי האָט נישט קיין נאָמען דערויף. אַ כּוח אַזאַ. אַזוי פֿאַרשטענדלעך און אַזוי אומפֿאַרשטענדלעך איז דער כּוח, ווי דאָס לעבן, ווי דער טויט. ניין, שטאַרקער פֿון טויט איז די ליבע.

אַזוי האָט דער מיסטעריעזער כּוח צוזאַמענגעפֿירט דעם מאַן, וואָס זי האָט געליבט. האָט נישט דער זעלבער כּוח דעם מאַן פֿון איר צוריקגענומען אַזוי אומגעריכט און פּריציפּיעטיק? אַ לעקעכל מיט סם איז דאָס געווען. האָט זי געהאַט אַ רגע אין איר לעבן, וואָס ער, בעניק, האָט איר ליב געהאַט? ליבע ביז קנאה, ליבע וואָס פּייניקט?

בעניק איז געווען אַ קרבן פֿון זיין שוואַכקייט און דו, נחמה, — זאָגט זי צו זיך — דו, די העלדין, די זיגערין — צאָלסט אַצינד דעם פּרייז: אַ טייערן, טאָפּלטן פּרייז צאָלסטו — ציפּי.

אַצינד אַרומגענומען פֿון דער אַליינקייט, ווי אַן אינדזל אויפֿן וואַסער — שווימט ווידער אויף זיין געשטאַלט. בעניק. דער עפּעס אין אים, וואָס האָט אים אויסגעטיילט פֿון אַנדערע, יינגערע, שענערע. דער וואַרעמער אויסשטראַל פֿון זיין נישט דורכשניטלעך פּנים. זיין בליק, די ערשטע בליקן זיינע אויף איר דאָרט אין גאַראַדיע — האָבן אַנגעצונדן איר נשמה. אפֿשר האָט זיך איר בלויז אויסגעדאַכט, אַז ער קוקט אויף איר?

נישט קיין נפֿקא מינה. זי האָט אים באַגערט. אָרעמער בעניוש. געאַרבעט און געלערנט. מיט אייגענע כּוחות זיך דערשלאָגן. אַ סטודענט. אַ בוי־אינזשינער. וואַרשע. אַלץ האָט ער איר דער־ציילט. גאָרנישט פֿון איר פֿאַרהוילן. אויפֿגעהאַלטן זיך ביי אַ וויטן קרוב. הונגעריקע אָוונטן. אַמאָל אַ מיטאָג אין אַ ביליקן רעסטאָראַן אויף זאַמענהאָף, מוראַנאָווסקי, גזשיבאָווסקי גאַס. פֿאַר־ביישפּאַצירט פֿאַרהאַנגענע פֿענצטער, טירן פֿון פֿאַרוויילונגס־ער־טער. אַריינגעאָטעמט ריחות פֿון פּיקאַנטע עסנס, שאַרפֿע געט־ראַנקען, פּערפֿיומען זיסלעך־פּרוויזשע. עס האָט געלאָקט און געררייצט.

מיידלעך, ראָמאַנען, קאָוואַלערסקי פֿאַרגעניגנס — נישט פֿאַר

אים. פּאָר זײַנע חברים פון אוניווערסיטעט־באַנק, רײַכע זינדלער. זיי האָבן זיך פּאַר אים געחכמהט; „שטאַרבן פון ליבע און אויפֿשטיין תחית־המתים צו דערקלערן זיך אין אייביקער ליבע...״

זי האָט אין אים געפונען אַלץ וואָס איר האָט געפעלט. תּמיד זוכט מען ביַי יענעם דאָס וואָס אַליין האָט מען נישט.

פרויען פאַרשטייען מער, ווי זיי ווייסן — האָט ער איר איין מאָל געזאָגט. אָ, זײַנע ווערטער: ווער שטעקט אײַך אָן מיט אַזויפיל חן, מיסטעריע, רמז און סוד? איר שיקט צום מאַן שטראָמען פאַרפירערישקייט.

אַפילו זײַן שווײַגן, זײַן קלוג שווײַגן האָט גערעדט צו איר.

פון וואָס מ׳זאָל נישט רעדן, קומט מען אַרויס אויפן טויט — פלעגט איר מאַמע זאָגן.

אַז כעניק האָט געלעבט, אויך דאָרט אין דער וויסטער, ווילדער פרעמד, האָט ער מיט זײַן שמייכל אָפּגעווישט דעם אומעט פון אירע אויגן. געוועקט ס׳געלעכטער פון פייגעלען אין די שווערסטע טעג און נעכט. ווען דער הונגער האָט פון איר אַרויסגעוויינט, ווען דער הונגער האָט איר נישט געלאָזט שלאָפן, האָט ער מיט זײַנע לידעלער, וואָס ער האָט פון דער היים, פון זיידן ווי ער האָט זיך געכאָוועט נאָך דער מאַמעס פריצײַטיקן טויט, איר פאַרוויגט. ווען אַ ברויט, אַ שוואַרץ ברויט האָט פאַרשטעלט ס׳ליכט פון טאָג — האָט איר מילך געזיסט פייגעלעס גומען.

ווען מלחמה־אָטעם האָט פאַרלאָשן די שטערן — האָט ס׳קינד ווי אַ שטערן אַראָפּגעשײַנט פון זײַנע הענט. ער האָט אַזוי געדולדיק געוואַרט אויפן פאַרהאָפטן מאָרגן.

כעניק איז פאַר איר געווען די ליכטיקייט, וואָס שווימט אַרײַן אין פאַרטאָגיקן שײַבל פון דער ליימקיביטקע. ער האָט נישט געלאָזט אָפּמעקן די סימנים פון יונגן זומער מיט וועלכן זי איז צו אים געקומען. זי האָט אים איר אומשולד און שולד אָפּגעגעבן. ער האָט אין די אומריינע וואַסערן פון צײַט געזען, ווי אין אַ שפּיגל, ס׳פּריַע עלטערן זיך פון איר פּנים.

ווי אַ דאַמבע — שוין אַ קראַנקער, איידער ער איז אין שפּיטאָל אַוועק — אַ דאַמבע פון שטאָל און אײַזן, איז ער געשטאַנען קעגן אָניאָג פון די בייזע כוואַליעס פון דער צײַט. מיט שטאָלענעם ווילן האָט ער אויפגענומען די ווייטיקן פון דער אויסמאַטערנדיקער קראַנקייט און דעם גזר פון טויט.

הונגער. אויף ברויט־ביכלעך האָט מען געלעבט. אַן אויס־געשניטענער טאַלאָן איז אַ דאַטע, אַ טאָג לעבן. מ׳ציילט זיי פינקטלעך, ווי די בלעטלעך פון קאַלענדאַר. אַרויסרײַסן אַ בלעטל פון לוח פאַרגעסט מען אַמאָל. אַ טאַלאָן — אסור. דורך די פּירקאַנטיקע, קליינטשיקע פענצטערלעך פון די פעלנדיקע טאַלאָנען — זעט מען דעם מאָרגנדיקן טאָג, דעם איבערמאָרגן, אַ וואָך, אַ חודש. מיט די קאָליריקע, געשטעמפּלטע כּישוף־ביכעלעך פון דרײַ און פיר הונדערט גראַם ברויט גייט די צײַט, לויפט ווי דאָס לויפן פון אַ באַן... ניין. זי שלעפּט זיך, די באַן. וואָס ווײַטער — פאַמעלעכער. אַ הונגער־נסיעה. טפּו, טפּו, אַ רוח זאָל נעמען אַזאַ נסיעה. אָדער אַ סטאַציע, אָדער... און אַ סוף.

הונגער — אַ מסוכן באַשעפעניש. ער איז שטאַרקער פון אַ חיה אין וואַלד. ער וועקט דעם בער פון שלאָף. יאָגט אַרויס דעם וואָלף פון זײַן נאָרע. דעם לייב און לעמפּערט טרײַבט ער אויף רויב און פאַרצוקונג.

די ערשטע וואָך נאָך דער שבעה האָט דער הונגער אָנגע־הויבן זײַן פאַרדאַרבונגס־אַרבעט. פייגעלע וואַרט דער טאַטע זאָל קומען מיט ברויט פון לאַראָק.

— פאַרוואָס קומט ער נישט, דער טאַטע?

— דער טאַטע איז נישטאָ.

— ווען וועט ער קומען?

— ער׳ט נישט קומען.

— פאַרוואָס וועט ער נישט קומען?

— דײַן טאַטע איז געשטאָרבן.

— וואָס מיינט מען געשטאָרבן, מאַמע?

— ווערסט אים נישט זען מער.

זי נעמט איר איין מיט אַן „אורוק" (געטריקנטע פלוים), וואָס זי „באָרגט" אויס ביי דער גוטער אַפּאַ, איר באַלעבאָסטע. אויך אַ שוואַרץ פאַרטריקנט שטיקל ברויט „באָרגט" זי אַמאָל ביי איר. זיי, די היגע, עסן נישט קיין שוואַרץ ברויט. טוישן אויס אויף לעפּיאָשקעס, אויף ווייץ, פּראָסע.

זי האָט געווייקט די האַרטע שטיקלעך ברויט, די סקאָרנקעס אין וואַסער. די קליינע גריזשעט אָפּ ס'ווייכע. ס'אַרומגעריזשעטע טינקט מען נאָך אַמאָל אין וואַסער ביז עס צעגייט אין מויל.

אויפן באַזאַר ביי דער סטאַציע קאָן מען פאַרקויפן, טוישן אַ טשובע, אַ העמד, אַ טישטעך, אַ צעראַטע אויף אַ פּענעצל ברויט, אויף עטלעכע לעפּיאָשקעס.

האָט זי פייגעלען געלאָזט ביי דער גוטער אַפּאַ און אַוועק אויפן באַזאַר.

פאַר פרי. דאָס איז די בעסטע שעה פון טאָג. שפּעטער באַפאַלט די זון. אַ הייסער ווינט בייטשט דאָס פּנים. הויך שטייט די זון אין די מיטנטאָג־שעהען. נישט קיין זון. — אַ פייערדיקע שווערד. אָט לאָזט זי זיך אַראָפּ און שניידט.

אַ פיינלעך־ליכטיק קלאָרער הימל. קיין פּיצעלע וואָלקן. קיין פּיצעלע שאָטן. פון די האָרוואָרצלען אויפן קאָפּ ביז די פּיספינגער, די פּיאַטעס — ברענט אַ פייער ווי פון אַן אונטערגעהייצטן אויוון.

אַ העמד פון קונסט־זייד טראָגט זי צו פאַרקויפן, האַלינאַ. לייגט איבער די „סחורה" פון איין האַנט אויף דער צווייטער. עס געפעלט, דאָס העמד. מ'באַטאַפּט, מ'פאַרהייבט עס קעגן דער זון, מ'צעציט עס אין דער ברייט, אין דער לענג. מע פאַרקוועטשט עס אין אַ זשמעניע. מ'וועגט עס מיט אַ האַנט־טרייסל, אַ שטייגער אַ גאָלדשטיקל. אַזוי לאַנג וועגט מען עס און מע קנייטשט ביז די איידעלע גלאַנציקייט גליטשט זיך אַרויס פון צווישן די פינגער.

ווי פון אַ געהיימען גייסט באַלעבט, האָט זיך עס, שטייף און שטום געווערט ס'נאַכטהעמד — איר לעצטער פאַרמעג —

און געגליטשט, אַרויסגעגליטשט פון די פרעמדע הענט. זי וואָלט געשווירן, אַז דאָס העמד ווי אַ לעבעדיקע זאַך האָט זיך צוריק אַ וואָרף געטאָן אויף איר האַנט מיט ווייכן שאָרך און סוד, ווי ס'וואָלט זיך געבעטן: — גענוג אויסגעטאַפּט. לאָז מיך נישט אַרויס פון דײַנע הענט: גייט צו אַלדע רוחות, אַזיאַטן.

און ווי קומט מען אַהיים מיט ליידיקע הענט?

האָט זי אָנגעהויבן אויסרופן, אויסלויבן די סחורה:

— ריינער פּוילישער זײַד, אָן מילבן!

זי האָט געהערט איר אייגן שוואַך קול און דאָס האָט נאָך שלאַבריקער געמאַכט אירע טריט. טרוקן אין האַלדז. קיין וואַסער איז נישטאָ. זיסע, געפּאַרבטע פּליסיקייטן אין די בוטלעס אויף די סטראַגאַנעס, אויך וואַרעמע לעפּיאַשקעס. ס'קאָסט געלט.

איר קול ווערט שוואַכער פון פאַרשעמונג. זי שעמט זיך הערן ס'אייגענע קול, אויסרופן, אויסלויבן די „סחורה" פון אייגענעם לײַב אַראָפּגעצויגן.

מיטן פּעקעלע אויף די אַקסלען און מיט ליידיקע הענט איז זי געגאַנגען אַהיים.

## קאַפּיטל זעקס

אַליין מיט אַ דרײַיאָריק מיידעלע. שעהען קייטלען זיך אַרײַן אין טעג. טעג פאַרצמצומען זיך אין שעהען. די צײַט שטייט, ווי די באַקנדיקע זון איבערן קאָפּ. דער הונגער, די מסופּהנע באַשע־פעניש, רײַסט, טרייבערט די געדערעם. וואונדערט איר נישט, האַ־לינאַן: דרויסנדיק פון באַזאַר האָט זי געזען אַ רעדל מענטשן אַרום אַ האַלבנאַקעטן מענטש. געגאָלטער קאָפּ. האָריקע ברוסט, זיצט און עסט פון שטויס לעפּיאָשקעס. נישט ער עסט. שלינגט, שטופּט אין מויל אַרײַן. ער מאַכט עס אַזוי געשיקט, אַז ער האָט נישט קיין צײַט זיך צו שיצן קעגן די קלעפּ, וואָס ער כאַפּט פון די אַרומשטייענדיקע. צוגעלאָפן צו אַ פאַרקויפערקע, אַרויסגעכאַפּט פון איר טאָרבע צוויי הענט לעפּיאָשקעס און גענומען שטופּן אין מויל אַרײַן. געלאָפן און געשטופּט אין מויל אַרײַן. מ׳שלאָגט, מ׳בויקערט. ער האַלט אין אײַן עסן. ד פאַרקויפערקע שרײַט: „כאַפּט דעם נאַכאַל, דעם פּאַראַזיט״. פון די צוויי זשמעניעס לעפּיאָשקעס איז שוין וויניק געבליבן. מע שלאָגט אים אין קאָרק אַרײַן. ער בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ און קײַעט, שלינגט. ער ליגט שוין אויף דער ערד. מע קאָפּעט אים מיט די פיס. ער דרייט זיך ווי אַ שלאַנג און די לעפּיאָשקעס פון די הענט לאָזט ער נישט אַרויס.

געזען, אַז אין זײַנע הענט זענען געבליבן לעצטע, אײַנגע־ביסענע, האַלבע און שטיקלעך לעפּיאָשקעס — האָט מען אים אָפּגעלאָזט. ערשט ער הייבט זיך אויף און זעצט זיך אַ נידער ווי צו אַ גרייטן מאָלצײַט. אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. ווישט מיט אָן אַרבל דעם שווייס פון פּנים, מיט דער צווייטער האַנט שטופּט ער אונטער די לעצטע רעשטן פונעם „מאָלצײַט״.

די קלעפּ וועט ער פילן שפּעטער, דער אומגליקלעכער, טראַכט

זי, האַלינאַ. דער פאַרגעניגן פון שטילן דעם הונגער האָט דערוויַיל פאַרטויבט די ווייטיקן. ער זיצט, קוקט פון אונטן אַרויף צו די שלעגער, צו די פויסטן, וואָס זענען אויף אים געפאַלן.

פון געזעמל צוקוקערס און שלעגערס, וואָס האָבן מיט מינוטן צוריק געקאָפּעט מיט די פיס, געבוויקערט דעם הונגעריקן — שטייען אַ סך געפּלעפּטע. אַזיאַטישע יוכע קרומט זיך אין אַ שמייכל פון פאַרלאַרנקייט, פון פּחד און רחמנות. אַזיאַטן. אַ ווילדע נעכפּע צינדט אָן זייערע אָדערן. דאָס איז ביַי זיי קודם אַ געוווינ־שאַפט. נאָכדעם — כּעס אויפן שלעכטן לעבן: ניַע זאַקאָנען, געזעצן קעגן וועלכע מ׳האָט מורא זיך צו ווערן. דאָס איז די רעוואָלטירנדיקע שוואַכקייט און הכנעה פאַרן שטאַרקערן.

אַזיאַטן. קאַלטע שלעגערס מיט הייסע פאַנטאַזיעס. האָבן ליב צויבער־מעשׂהלעך און פּרימיטיווע מוזיק. אין די נאָכמיטאָג־שעהען ווען די היץ לעשט זיך, טרעפט מען זיי אין די הייף ביַי שיסלען „פּלאָוו" און „בישמאַרמאַק" *. וויַיב און קינדער אַרום דער שיסל. אַלע עסן מיט איַין לעפל. אַ גרויסער הילצערנער לעפל, וואָס גייט איבער פון מויל צו מויל.

אויך אין די טשיַיכאַניַיס טרעפט מען זיי איבער גרויסע גלע־זער „בוזאַ" **. טשיַי שטאַרק טונקל, ווי זייערע פּנימער. דער ריח פון דער טשיַי, ווי פון עסענץ איידער מ׳צעפּירט אין געקאָכטן וואַסער. מ׳קיַיט און מ׳שפּיַיט שוואַרצן און גרינעם קריַיטעכץ: אַ מין טאַבאַק, וואָס קלעפּט זיך צו די ליפּן ווי קלייסטער. שטאַרק־געדיכטע רויכן פון אַ נאַרגילע, וואָס גייט איבער פון מויל צו מויל. אַ צי און אַ מרוזשע מיט די שפּעלטל־אייגעלעך, וואָס קוקן וויַיט וויַיט אויף צוריק אַוודאי צו די ציַיטן פון דזשינגיס כאַן...

אַליין מיט דער קליינער, אין דער וויסטער פרעמד — האָט איר אָנגעכאַפּט אַ בענקעניש. היים. שלעכטע גרוסן קומען פון

* פעטע עסנס — אַ געמיש פון רייז און שאָפּנפלייש.

** אַ זיסלעך־ברוינער, געשמאַקער געטראַנק.

דאָרטן. אַ לײַבלעכע מאַמע פאַרלאָזט. אַוועק קיין וואַרשע די „מאַמע" פון אַ סך פּראָווינצער. ווישקאָוו איבערן בוג — איר שטעטל. טאַטע־מאַמע. שבתדיקע טישן. אַן אָרעמער טיש אָבער חלה, פיש איז געווען. אַ ביסל יויך, אַ שטיקל עוף. שבתדיקע שפּאַצירן אויף דער בריק איבערן בוג.

איר מאַמע: תמיד אַ דין־פּאַרגיביק שמייכעלע אויף איר פּנים. יונג. אַוודאי אונטער די פופציק. די איינציקע שיטערע גראָע הערעלעך אונטערן שייטל איבערן שטערן — האָבן איר אַ סך עלטער געמאַכט. אַ הויכלעכער, פעסטגעבויטער, דער טאַטע. זײַנע העלע, גרויסע אויגן האָבן פון אונטער די געדיכטע ברעמען אַרויסגעקוקט, ווי וואַסערן פון צווישן פּאַרוואַקסענע קוסטעס. זי געדענקט די קוסטעס אַרום דער סאַזשלקע, אויפן וועג צום סאָד, וואָס דער טאַטע האָט געהיטן פּאַר געצאָלטס. אין די קאַלטע טעג פלעגט זי דעם טאַטן ברענגען אַביסל וואַרעמס און אַ טשײַניקל טיי.

אויפן וועג צוריק האָט זי און דער טאַטע זיך געזעצט אָפּרוען. הויכע, שמעקעדיקע לאָזעס זענען אַרום דער סאַזשלקע געוואָקסן. ער האָט ווייניק גערעדט, דער טאַטע. ס'וואָרט וואָס ער האָט אַרויס־געזאָגט, האָט זיך געהערט הייזעריק און ווי אַ הוסט אָדער קרעכץ.

אויך בעניק האָט איבערגעלאָזט אַ שטוב, אַ היים. זײַן זיידע, ווי ער האָט זיך געהאָדעוועט, איז קיין גרויסער חסיד נישט געווען — האָט ער דערציילט. בפרטיות האָט ער ליב געהאַט דערציילן: אין שבתים און יום־טובים געדאַוונט אין שיל. געהאַט דאָרט זײַן אייגענע „שטאָט". נישט פּאַרנומען קיין אויבן־אָן. האָט דווקא ליב געהאַט צו זיצן בײַם טיש מיט אָרעמעלײַט; דער געלער בענטשע, דער ליימפּירער, יאָסל בעדנער, שמחה וואַסערטרעגער. אין די ימים־נוראים האָט דער זיידע געטראָגן דעם בעסערן טלית (צוויי האָט ער געהאַט), דעם טלית מיט דער שמאָלער, זילבער־נער עטרה.

אַז שמחה וואַסערטרעגער איז קראַנק געוואָרן, האָט דער זיידע גענומען די „נאָשעס" און מקיים געווען די מצווה פון

באַזאָרגן די חסידים, די לערנער אין שטיבל מיט אַ פרישן טרונק.

מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט כעניק האָט גערעדט וועגן זײַן זיידן. אַזוי לאַנג ווי דער מענטש לעבט — זינדיקט ער, פלעגט דער זיידע זאָגן. מיט וואָס וועט ער איבער הונדערט און צוואַנציק קומען אויף יענער וועלט? אַז דער קטיגור וועט זאָגן: „נאָך אַ פעסל סמאָלע! — וועט דער סניגור אַ געשריי טאָן: ״אַ קענדל וואַסער! וואַסער! וואָס מער וואַסער — מער מצוות״.

זײַן טאַטע, אויף וויפל ער האָט אים געדענקט, פלעגט זאָגן:

— טאָקע אַן ענגע שטוב, אַ נידעריקע סטעליע, אָבער אַן אָרעמאַן איז נענטער צו גאָט.

אויך די שטיבלעך מיט נידעריקע דעכער האָבן אויסגעזען ווי ייִדן געוויקלט אין טליתים, וואָס זענען מתפלל צו גאָט. הײַנט די זמירות, ניגונים? אין אַ ניגון איז אַ מענטש זיך מתבודד — פלעגט ער אָנהייבן, כעניק, מיט אַ לשון, וואָס נישט תּמיד האָט זי אַקוראַט באַנומען דעם מיין פון די ווערטער. אַ ניגון, האָט ער געזאָגט, איז ביכולת איבערצוגעבן געפיל, שטימונג, געמיט־צושטאַנד מיט אַ קראַפט און אַ טיפקייט, מער ווי דאָס וואָרט, צוליב די באַגרענעצטע ראַמען פון עקזיסטירנדיקן וואָרט־אוצר.ביידע צוזאַמען — וואָרט און ניגון — זענען אַ פועל־יוצא פון אַ פאַרבאָרגענעם פסיכאָ־כימישן פּראָצעס פון אַ ווילן, וואָס לאָזט זיך אין וואָרט אַליין נישט אויסדריקן.

ערשט ווען ער האָט גענומען אונטערברומען אַ לידל, ווי זײַן טאַטע פלעגט עס טאָן אין גוטע מינוטן, וואָס ער האָט אַזוי וויניק געהאַט, איז איר אַלץ קלאָר געוואָרן: אַ לידל, אַ געמיש פון ייִדיש, אוקראַיִניש און העברעיִש:

אוי, נישט שטיי דאָ לעבן מיר
בליזקאָ קאָלאָ מעני.
ליודזשע סקאַזשאַן, חס ושלום,
טשטאָ טי לוביש מעני.

אַלע איבערלעבונגען זײַנע פון זיידן, דערמאָנונגען פון באָבע־זיידע פון דער מאַמעס צד, וואָס ערשט דאָרט אין דער ווײַטער פרעמד האָט ער צײַט געהאַט צו דערציילן — זענען איר נאָכדעם קאַפּויער געקומען.

זכרונות גראָבן אויף קברים — האָט ער געזאָגט. דער זיידע, דער מאַמעס טאַטע, להיפּוך צום טאַטנס טאַטע — אַן אַנדער סגאַל מענטש. אַ פרומער, אָפּגעהיטענער ייִד. געוווינט אין אַ דרעווניאַק נאָענט פון שילעכל „חיי־אדם״. ער איז אַמאָל מיט אַ ייִנגער ברודערל, כאַסקעלע, און אַ שוועסטערל פריידקע, געקו־מען צו באָבע־זיידע אויף אַ קידוש. די באָבע האָט איבערגעבראָכן אַן אייערקיכל אויף דרײַ און יעדן געגעבן אַ שטיקל. דער זיידע האָט אַלע דרײַ פאַרהערט ווי אַזוי זיי מאַכן אַ ברכה איידער מ׳טוט אַ ביס אין שטיקל אייערקיכל. באַטאַפּט אימ׳ס און כאַסקעלעס פּיאותלעך, געטײַטלט מיטן פינגער:

— איר זאָלט זיי היטן. בײַ אַ ייִד דאַרפן די פּיאות זײַן לענגער.

די באָבע האָט פריידקען אָפּגעמאָסטן דורך דער בלעכענער בריל און שטיל געזאָגט:

— אַ ייִדיש טעכטערל דאַרף טראָגן לענגערע אַרבעלער.

מזל געהאַט דער זיידע. מזל און אַ זכיה, וואָס נישט יעדער ייִד איז זוכה. געשטאָרבן אויף זײַן אייגענעם בעט און אום שבת. טעכטער, שנורן, איידעמס און אייניקלעך זענען געשטאַנען אַרום בעט. ער איז געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן. נישט געשלאָפן. „גוט שבת, זיידע״. לויטן קול האָט ער יעדערן דערקענט. קום נענטער — האָט ער צו אים געזאָגט. ער האָט אַראָפּגעבויגן מ׳קאָפּ צום זיידנס ליפּן:

— זאָלסט בלײַבן אַ ייִד, דו הערסט? גיי ברענג מיר דעם שבתדיקן טלית. דאָס זענען געווען זײַנע לעצטע ווערטער.

יאָרן שפּעטער האָט ער זיך דערוווסט, כעניק, וואָס פאַר אַ גרויסן זיידן ער האָט געהאַט: אַ פרומער און אַ געבילדעטער

מענטש. צו זעכצן יאָר איז ער אַוועק פון דער היים לערנען אין דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה. אַ שוועסטערל זײַנס האָט אים אין געהיים מיטגעגעבן אַ פעקל „טריפהנע״ ביכער, וואָס ער פלעגט אין באַהעלטעניש לייענען: פאַרגעלטע, צעשיטע בלעטער פון טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום״ אין רוסיש, פײַערבערגס „לאָן״ אין העברעיִש און אַ לערנבוך אין רוסיש פון העכערער מאַטעמאַטיק. חוצדעם האָט ער זיך געגרייט אויף עקסטערן־עקזאַמענס.

די גאַנצע שטאָט האָט גערעדט דערפון. אַ קליין שטעטל. עטלעכע הונדערט משפחות. די רעשט — פּאָליאַקן, אָוקראַאינער. נאָך האָט די שטאָט דערציילט אַ מעשׂה פון אַ בריוו־טרעגער. אַ נידעריקער מאַן, נישט געקאָנט לייענען און שרײַבן. ער האָט — זענען אַרומגעגאַנגען ווײצן — „אַנגעטאַפּט״ די אַדרעסן. מיט די בריוו פלעגט ער גיין צום אַפּטייקער, אַ געשמדטער ייִד: יענער האָט אים די בריוו אַרײַנגעלייגט צווישן די פינגער — אַכט בריוו אין יעדע הענט. געהאַלטן קאָפּ די נעמען און אַדרעסן. אָפּגעפּאַרטיקט זיך, איז ער געקומען נעמען נאָך אַכט בריוו.

איז אַרויס אַ דעקרעט, אַז אַ פּאָסט־טרעגער דאַרף האַלטן עקזאַמענס. האָט ער געמוזט טוישן „ס׳פאַך״. ער איז געוואָרן אַ שמש אין דער „פּראָסטער שיל״. צו שרײַען פרײַטיק פאַרנאַכט „ייִדן, אין שיל אַרײַן״, צו קלאַפּן מיטן גראָבן שטעקן פאַרטאָג מיטן בלוי אין די לאָדנס „שטייט אויף צו סליחות״ — דאַרף מען נישט האַלטן קיין עקזאַמענס.

און נאָך וועגן איינעם אַ געצל וואַסערטרעגער זענען אומגעגאַנגען מעשׂיות: מיט די קעראַמיסלס אויף די אַקסלען און צוויי וויאַדרעס האָט ער פון איינציקן פּלומפּ אויפן מאַרק געטראָגן וואַסער צו די רײַכע באַלעבאַטים. ער האָט אויפן קאָפּ געפירט די חשבונות פון יעדערן באַזונדער. פרײַטיק געקומען אײַנמאָנען „פאַר דער וואָך וואַסער״. ער האָט געדענקט ווען יעדע באַלע־באָסטע וואַשט וועש און וויפל וואַסער מ׳דאַרף צום קאָכן. קיינער

האָט אים נישט נאָכגערעכנט. ער האָט קיינעם נישט אָפּגענאַרט. אַן אָרנטלעכער ייִד, געצל. ער׳ט נישט נעמען אומזיסט קיין איין גראָשן פאַר אַן איבעריקן עמער וואַסער. ער׳ט, חלילה, קיינעם נישט באַרייַסן.

גרויסע אומגליקן זענען אויף אים מיט אַמאָל געקומען. דרייַ זין און איין טאָכטער האָט ער געהאַט. איינער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין אַ פּאָגראָם. איינער איז געשטאָרבן אין פּריזיוור־עלטער. דער בכור האָט חתונה געהאַט און קיין טאַטע נישט געוואָרן. רבנים, דאָקטוירים — ס׳האָט נישט געהאָלפן. די טאָכ־טער איז געשטאָרבן אין קימפּעט.

אויף אַלע אומגליקן האָט ער געזאָגט: — מסתּם איז אַזוי באַשערט. אַזוי וויל דער וואָס לעבט אייביק.

✶

זכרונות גראָבן אויף קברים. שפּעט בייַנאַכט. הייס אין דער ליימקיביטקע. מ׳שפּרייט אַ קאָלדרע אין דרויסן, אויפן הייפל. איז הייסער אין דרויסן ווי אינעווייניק — הייבט מען זיך אויף און מ׳גייט צוריק. זי מיט פייגעלען אויף איין געלעגער. מיט פאַר־מאַכטע אויגן ליגט זי און ס׳נעמט נישט קיין שלאָף. ווי אַן אומ־היימלעך גרויס אויג, אַ טויט אויג, גלאָצט אַרייַן אַ לבנה אין אָפענעם פענצטער. „ס׳אויג״ האָט איר געדאַנקען־בליק אַריבער־געפירט ערגעץ ווייַט אויסערן הייפל, אויסער דער שטאָט. אַ ליידיק פעלד. זאַמדהיגלען. אין דער לבנה־שייַן האָט די באַהעלטע ליידיקייט אויסגעזען, ווי שניי. אַ בלענדיקער שניי. דאָרט אַהין איז פאַרפאָרן ס׳אייזעלע געשפּאַנט אין אַ וואָגן אויף צוויי רעדער. אויף דער לענג פון וואָגן איז אין ווייַסן געלעגן אייַנגעוויקלט עפּעס ענלעכס אויף אַ מענטש.

אַ לענגלעכער גרוב, ווי אַן אָפענער פּיסק פון אַ וואָלפיש, אַ זשיפּענדיקער אויף דער טרוקעניש. אַן אָנצייניקער, שוואַרצער פּיסק, וואָס האָט אַן שהיות פאַרשלונגען דאָס אין ווייַסן־געוויקלטע

ענלעך אויף אַ מענטש. תּיכּף איז דאָס „מויל" פאַרשטאָפּט געוואָרן. אַ בערגל זאַמד. אַ קבר. שטיל אויפן „שניי־פעלד". אין די טויט־לעבע, שטילע רגעס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אויך די לבנה קערט אָפּ איר פּנים. שווימט ווײַטער אַוועק פונעם געזעמל איבערן פרישן בערגל. אַ שטייגער זי וויל נישט צוקוקן, די לבנה, ס'קובר זײַן אַ מת, אַ ייִד אָן טהרה, אָן קדיש, אָן „אל־מלא־רחמים": אַ ייִד אויף פרעמדער, וויסטער ערד אָן צו טאָן אים ס'רעכט פון אַ מת. זי געדענקט נישט זי זאָל האָבן געוויינט. פאַרוואָס געדענקט זי נישט? — האָט עס איר געוווּנדערט. און אפשר דאַכט זיך איר דאָס אַלץ. ניין זי שלאָפט נישט. די אויגן פאַרמאַכט, אָבער זי איז וואַך.

פיר זענען זיי געווען: דער קברן, זי און פייגעלע, ס'אײַזעלע געשפּאַנט אין וואָגן.

מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז דאָס אײַזעלע געשטאַנען. מענ־טשלעכער טרויער האָט אַרויסגעקוקט פון די גרויסע בהמישע אויגן.

אַ ברעטל האָט דער קברן אַראָפּגענומען פון וואָגן. מיט אַ קויל, צי אַ גריפל אָנגעשריבן דעם פאַמיליען־נאָמען פון מת און נאָך צוויי ווערטער: „פּה נטמן".

האַלבע נאַכט און זי שלאָפט נישט. ווידער דאָס גרויסע טויטע אויג אין פענצטער. עס רירט זיך נישט פון אָרט, דאָס „אויג". שיטערע וואָלקנדלעך, ווי צעריסענע שטיקער וואַטע שווימען איר פאַרבײַ, שווימען איר אַריבער. אַן אויסגעשלאָפן, אויסגעוואַשן אויג. וואָס וויל עס פון איר, דאָס אויג? דערמאָנען וויל עס איר, האַ? דערמאָנען...

שטיל אויפן הייפל. אַרום אירע מידע, שלעפעריקע אויגן זאַמלען זיך שאָטנס. צוויי שאָטנס טיילן זיך אויס: אַ שלאַנקער און אַ קינדישער. אָט בייגט זיך דער שלאַנקער שאָטן אַריבער איבער איר. ווײַסע הענט. ניין, פליגל פון טויבן. זיי פאָכען, קרײַזן איבער איר קאָפּ, איבער איר פּנים. אָט־אָט פאַרטשעפּען זיי אירע

אויגן־לעדלער, מאַכן זיי צו. זי עפנט זיי און זיי קלעפּן זיך ווידער צו... ס'טונקלט.

אין דער טונקלעניש ווערן פון די פליגל הענט: ווידער הענט, ווײַסע, שלאַנקע פּרויען־הענט. זיי באַרירן איר פּנים. זי עפנט די אויגן און אַ באַקאַנט פּנים, ווי פון אַ וואַסער אַרויס, קוקט אויף איר. אוי, סאַניע! וואָס טוט זי דאָ! שימעלע לעם איר. אַ גרויס ייִנגעלע. ער טוליעט זיך צו דער מאַמען. וואָס וויל ער פון איר, שימעלע? אַ טעות. צו איר, צו דער שטיפמאַמע טוליעט ער זיך? אוי ווײ! — הערט זי זײַן קינדיש קולעכל. אַ, ניין. ס'איז פייגעלע. זי וויל זיך אויפזעצן, אויסדרייען מ'קאָפּ צו איר קינד. אַ געשריי טאָן וויל זי. פּלוצעם — סאַניעס קול הערט זי. אַ קול, ווי פון קבר אַרויס:

— ווו ס'פעלד? ווו איז בעניקס קבר?

שימעלע וויינט:

— ווו דער טאַטע? כ'האָב מורא, מאַמע.

אַ, ניין. נישט שימעלע, פייגעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין און זי איבערגעוועקט:

— אוי, אַ חלום. אַ וויסטער חלום.

# קאַפּיטל זיבן

אין דער פרי. ציפּעלע איז אין בית־ספר. פאַר האַלינען זענען דאָס פריַיע שעהען, וואָס זי קאָן עפּעס טאָן אין שטוב. אַכמעד שריַיט אַרויף צום אָפענעם פענצטער:

— גברת, גברת, בבקשה.

זי גייט צו. ער שטייט אָנגעשפּאַרט אין רידל ביַי אַביימל, פרעגט איר ווי אַזוי אַרומגראָבן די ערד, איבערוואַרפן אָדער טעלערמעסיק. זי ווייסט נישט וואָס צו זאָגן. זי האָט נישט קיין אַנונג אין די זאַכן. נישט געוווינט אין קיין אייגענער דירה, נישט אין רוסלאַנד, נישט אין פּוילן. אין דער אַלטער היים, פאַר דער מלחמה — אויך נישט. אַ גאָרטן? ווער האָט געוווּסט פון אַ ביימל, אַ בלום, אַ לעבעדיקן גדר? הייפן. שמיעטניקעס. קופּעס מיסט. ווילדע קראָפּעווע. שיסלען און פּאַמאַשאָפן, פּאַמעיעס האָט מען פון די טירן און פענצטער געגאָסן. אין ריַיכע הייזער, גע־דענקט זי, האָט מען אַמאָל געזען אַ וואַזאָנע אַ בלומענטאָפּ. אָן אייגענע דירה? אַ דאַך איבערן קאָפּ און — שוין.

זיי האָבן געוווינט אויף שׂכירות. געוואָרט אויף בעסערע ציַיטן. אויף משיחן האָט מען געוואָרט — האָט געזאָגט דער טאַטע.

ער, אַכמעד, איז אַ מומחה אין די זאַכן. זאָל ער מאַכן ווי ער פאַרשטייט — האָט זי אים געענטפערט.

— תודה, גברת.

ס'וויַיסע מויל ציין קוקט אַרויף און לאַכט. אַביסל לענגער ווי מ'דאַרף האַלט ער פאַרריסן דעם קאָפּ. וויל קאָנטיק עפּעס זאָגן און זאָגט נישט. סאָפּלעס שווייס אויפן שטערן. אַצינד זעט זי צום ערשטן מאָל דעם אויסגעווינקלטן שטערן, וואָס געפעלט אַזוי איר ציפּין. ריטשקעלעך שווייס שנירלען זיך פון געלן שויבער

אַראָפּ אויפֿן האַלדז און נאַקן. אַ האַלב־נאַקעטער. אין קורצע הייזעלער, אין שווערע שיך. אַן אָפּגעבערענטער האַלדז. בלויע אָדערן, ווי אָנגעצויגענער דינער שטריק לענגאויס די מוסקולירטע הענט. אַ דינגופיקער. אַ קרעפּטיקער, נישט קיין הויכער.

— אפשר אַ טרונק? אַ קאַלטן טרונק?

— תודה, גברת.

ער האָט נישט קיין צײַט. פֿון דאַנעט דאַרף ער גיין אין אַ צווייטן, דריטן גאָרטן, דאָ נישט ווײַט פֿון שיכּון. אַן אָנגעשפּאַרטער אין רידל ווערט ער דרײַסטער:

קיין מומחה אין די זאַכן, ווי זי מיינט, די גברת, איז ער נישט. ס׳איז נישט זײַן פֿאַך. איזן איז ער אַ סטודענט, אַ געוועזענער סטודענט. אָבער קאָן אויך גערטנערײַ. אַ סך זאַכן טוט ער. פּרנסה. אַרבעט בײַ זײַן פּראָפֿעסיע איז שווער צו קריגן.

— יאָ, געהערט פֿון ציפּין — רײַסט זיי אים איבער אין מיטן — B. A. אויף היסטאָריע, פּסיכאָלאָגיע, פֿילאָסאָפֿיע. נכון? אַ יאָ?

— תודה, גברת.

ער האָט נישט אויפֿגעהערט רעדן. יענעם אין דער פֿרי האָט זי פֿון אים געהערט אַלץ. אָבער קיין וואָרט נישט וועגן זײַן חברשאַפֿט מיט ציפּין.

זי האָט געדולדיק געהערט:

— אין לשכּת עבֿודה געווען. לויט די אַנאָנסן אין די צײַטונגען געזוכט — גאָרנישט. אויף איין אָרט האָט מען אים געהייסן קומען. אַ קוק געטאָן אויפֿן פּנים, אויפֿן דאָקומענט, **מצטער** — איז געווען די תּשובֿה. אַזוי אויך מיט אַ דירה, אַ נאַכטלעגער. מ׳קוקט אויף אים. מ׳קוקט אויפֿן פּאַפּירל אין האַנט און: — מצטער: (כ׳באַדויער).

וווינט ער ווײַט פֿון דאַנעט. בײַ אַ מומע וווינט ער. אין נײַנצן אַכט און פֿערציק זענען טאַטע־מאַמע, אַלע זיבן ברידער, צוויי

שוועסטער אַנטלאָפן. די מומע, אַן אַלמנה, אַן אַלטע שוואַכע — האָט נישט קיין כּוח געהאַט צו לויפן. אויך ער האָט דאָ געוואָלט בלײַבן. געלערנט דאָ. געוווינט מיט אַ חבר, אַ סטודענט, אַ ישׂראלי. אַ סך ישׂראלים, חברים פון די סטודענטישע יאָרן האָט ער דאָ.

פון דעסטוועגן אַ קאַלטער טרונק וועט נישט שאַטן — האָט זי אים געזאָגט — און איז אַראָפּ אין גאָרטן מיט אַ קריגל וואַסער.

— תודה, גברת.

ער האָט אָוועקגעלייגט דעם רידל. אויף איין פוס, ווי מ׳זאָגט, מיט אַ האַנט אויף אַ צווײַגל פון גדר, האָט ער ווי זײַן טבע זיך אויסגעהאַלטן מיט זײַן כּוח הדיבור. ער רעדט אַצינד מיט ציפּיס אמא. זאָל זי וויסן אַז ער איז נישט סתּם אַבי ווער. דאָ נישט ווײַט אין יפו געבוירן. זײַן טאַטע, דעם טאַטנס־טאַטע איז דאָ געבוירן. אַליין, מיט זיינע אייגענע הענט, האָט דער טאַטע אויסגעבויט די הײַזקע אין יפו. אַן אַסקעדיניע־ביימל געפּלאַנצט אין הייפל אַרום דער הײַזקע. פריִער האָט מען געוווינט אין אַ חירבה, אַ פּאַרלאָזט פישערשטיבל בײַם ברעג ים.

ביז שפּעט אין די אָוונטן, נעכט, בײַ אַ ליכט, בײַ אַ נאַפט־לאָמפּ, בײַ דער שײַן פון דער לבנה — האָט דער טאַטע געלייגט ציגל צו ציגל. די ברידער האָבן געהאָלפן. אויפגשטעלט פיר ווענט. אַן אַסבעסט־דעכל. אויפן אַסבעסט — אַלטע, פאַרזשאַווערטע בלעכן, וואָס האָבן זיך אין דרויסן געוואַלגערט. אויף די בלעכן — שטיינער, די ווינטן, רעגנס און שטורעמס זאָלן מ׳דאַך נישט אַראָפּ־וואַרפן. אַז די שטוב איז ענג געוואָרן: איטלעך יאָר־צוויי אַ קינד — האָט דער טאַטע צוגעבויט אַ מרפסת. פיר אײַזערנע רערן. אויף די רערן — אַן אַסבעסט־דעכל און פון דער מרפסת איז געוואָרן נאָך אַ שטוב. אַ פלויטל פון ליימבלאָקן — אַ הייפל.

אויפן פלויטל — קנאַפּע צוויי מעטער די הייך — קעסטעלער ערד. אַ ציבעלע, אַ פּיעטרעשקע, אַ רעטעכל, אויך אַ בלום. די

מאַמע באַשפּריצט, באַגיסט, פּיעלעט, רײַסט אויס אַ ווילד גרעזל, אַ פאַרוויאַנעטע בלום. אַ ביסעלע גרינס לעם דער שטוב — אַ חיוּת — האָט געזאָגט די מאַמע.

דער טאַטע האָט ליב דעם ים. עד היום בענקט ער אַהער. אויך ווען דער ים איז בייז — זאָגט דער טאַטע — ווען ער שטורעמט, האָט ער אים ליב. אין לאַנגע זומער־חדשים איז ער מילד דער ים, די כוואַליעס וואַרעמען, גלעטן עלעהיי אַ ווײַב. ערד און ווײַב — האָט געזאָגט דער טאַטע.

ווען זײַן נישט־הויכער וווקס דריקט אויף אים, דערמאָנט ער זיך אין טאַטנס ווערטער. אָבער דאָס מויל?... ער האָט אויך געדענקט, אַז ציפּי זייגט מיט די אויערן אויס זײַנע ווערטער. זאָל אויך איר מאַמע וויסן ווער ער איז.

אַ קליין יינגל איז ער געשלאָפן מיט זײַנע צוויי ברידערלעך אויף אַ שעניק נישט ווײַט פון בעט, וווּ טאַטע־מאַמע זענען געשלאָפן. אין מיטן נאַכט פלעגט ער הערן דער מאַמעס קרעכצן. אַ מאָדנע קרעכצן. דער טאַטע ליגט לעם איר און עס גייט אים נישט אָן? אפשר גאָר הייבט ער אַ האַנט אויף איר, אַ פויסט? ניין. דאָס נישט. נישט נאָר אַ האַנט, אויך זײַן קול הייבט דער טאַטע נישט אויף. פאַרדראָסן האָט אים, אומקלאָר איז אים די זאַך געווען — געדענקט ער. שפּעטער, אַז ער איז אונטערגעוואַקסן. שוין גע־גאַנגען מיטן טאַטן אויפן שוק הפשפשים (פליי־מאַרק) — דער טאַטע האָט געהאַנדלט מיט אַלטע זאַכן — האָט ער פאַרשטאַנען פאַר וואָס דווקא ווען דער טאַטע שלאָפט מיט דער מאַמען קרעכצט זי, די מאַמע... האָט אים שוין פאַרדראָסן פאַר וואָס ער האָט פריִער דאָס נישט געוווּסט. — אַ פאַרדראָס און אַ פאַרשעמונג אויף זיך אַליין.

ציפּי איז אַ גוטע אָפּנעמערין פון זײַנע רייד. אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף איר בשעת ער רעדט. ער דערציילט איר, אַז נאָך סטודענטן, לערער, אַראָבער מיט העברער בילדונג אַרבעטן בײַ

בנין, בײַ קטיף (אַראָפּנעמען פּרוכט פון דיביימער), בײַ וואָס עס לאָזט זיך אַרבעטן זיי.

— ס'אַ ליגן — האָט זי געפּרוווט דערווידערן.

— סליחה, ציפּי ס'אַן אמת.

אפשר אַ טעות געמאַכט מיטן שטודירן — האָט ער צו זיך געזאָגט. צו גרויסע פאַרלאַנגען, שטרעבונגען פאַר אַראַבער ישׂראל־בירגער. — מ'לעבט אונטער אַ מיליטערישן רעזשים. אין געשלאָסענע געגנטן לעבן דאָ די אַראַבער. גיסט זיך אַ ריר פון אָרט — דאַרפסטו אַ דערלויבעניש פון דער ישׂראלדיקער קאָמענ־דאַטור. אַן אָפּענע תּפיסה. אַ תּפיסה אָן קראַטן. יאָ קראַטן — די אַלטע און נײַע חוקים, אויסגעקלוגלטע, כיטרע: „געזעצלער" נעמט מען צו פון דיר די ערד, די מסורה, דעם כּבוד. פריִער האָבן עס געטאָן די טערקן, נאָך דעם — די ענגלענדער, אַצינד — די „דעמאָקראַטישע" ישׂראלים.

מוסאָליני האָט מיט אַ דור צוריק געוואָלט אַרײַנברענגען „סיוויליזאַציע" קיין אַביסיניע. — די ישׂראלים ווילן „קולטיווירן" די אַראַבער. לאָזט זיי זײַן דאָס וואָס זיי זענען. מוחל טובֿות. טאָמער וויניק, האָט ער מיט עטלעכע יאָר צוריק געלייענט אַן אַרטיקל פון אַ חשובֿן „טעאָרעטיקער", וואָס חלומט וועגן אַן ארץ ישׂראל ביזן בשן און גלעד פון יענער זײַט ירדן לויטן אַמאָל, אַמאָליקן „תּקון המשיחי" ווי ס'איז געווען דאָס מלכות ישׂראל. דאַרף מען דאָך אַוודאי צו דעם אַ גרויסע, שטאַרקע אַרמיי. אָך, די פאַרשאָל־טענע זעלנערײַ, וואָס מ'רופט דאָ צה"ל...

אַ קלוג פאָלק די ייִדן. קלוגע קעפּ. אָבער דער יצר פון הערשן פאַרדרייט זיי די קעפּ. — ווי זאָגן די סאַבּרעס. — משגע להם את השׂכל.

פאַרגעסן, מאַכן זיך פאַרגעסן, אַז העכער 11 פּראָצענט פון דער כּלל־באַפעלקערונג אין ישׂראל זענען אַראַבער.

אַ טעות. זײַנס אַ טעות, וואָס ער האָט דווקא געוואָלט לער־נען, דעראַבערן וויסן. מיטן וויסן — אַ פּאָזיציע. נישט קיין

פּאָליטישע, אַ בירגעלעכע פּאָזיציע, אַ מענטשלעכע. אַרבעטן, ציִען חיונה פון אַ פּאַר, וואָס אים איז צום האַרצן, וואָס ער האָט ליב.

★

אין איינעם אַ טאָג ווען ציפּי איז צוריקגעקומען פון שולע איז שוין האַלינאַ געהאַט אַוועק צו דער אַרבעט. אַכמעד איז געשטאַנען אין גאָרטן:

— שלום, ציפּי.

— שלום, אַכמעד.

— אַזוי פרי היינט?

— מאָרגן מאַכן מיר אַן אויספלוג, האָט די לערערין פון נאַטור־וויסנשאַפט געזאָגט, ערגעץ נישט ווייט פון דיין געגנט.

— איך וועל דיך אָפּוואַרטן צום אַהיימגיין.

— נישט פריִער, ווי פיר־פינעף אַזייגער. צוליב מאָרגן האָט מען היינט געענדיקט פרי די לימודים.

אַכמעד האָט איר אָפּגעוואָרט.

אַ צייט זענען זיי געגאַנגען אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן. ער האָט געפּרוּווט עפּעס זאָגן. די ווערטער זענען געפאַלן, ווי טראָפּנס פון אַ קראַן.

אַבו־כּביר. פון דרום תּל־אביב פירט אַ שאָסיי קיין ראשון לציון, לוד, רחובות. דרום־מערבדיק — סאַראַפענד, אַ געוועזענער ענגלישער קעמפּ, היינט — אַ מיליטערישע מחנה. נאָך מער אויף מערב — חולון, בת־ים. אַ קנאַפּ־באַוווינטע געגנט. זאַמד־בערג. אַן איינציקע פּאַלמע אַ פאַרשטעקטע אין זאַמד, זעט אויס ווי אַ גרויסער בעזעם, אַן איבערגעקערטער. ווינקלדיק ליגט תּל־זית. אַ פּוסט פעלד. עטלעכע צריפים. געווען דאָ אַ בית־עולים. אַ חירבה. אַן אַלטער שיקמה־בוים. אַ שטיינבאַרג אין שאָטן פון דער שיקמה. אַ גלאַטיקע פּלאַץ, אַוודאי געשוואַשן פון די רעגנס, פון די ים־כוואַליעס, וואָס זענען אַמאָל ביז אַהער דערגאַנגען.

אַ לייממויער, אַן אָפּריס די ברייט פון אַ טויער. אַ האַלב־רונדער צעפּ פון סאַברע־קוסטעס. אויף גרינע צווײַגלעך — סאַברע־קעפּעלעך. הינטער גראַבע בלעטער ווי אַ האַנטפלאַך באַדעקט זיי אַ האַריקע שאָל. די הערעלעך — נאָדעלעך. גרין־געלבלעכע, ווי קאַנאַריק־קאָליר, מיט פּאַררייטלטע בעקלעך — רײַסט מען זיי מיט פּושקעלעך צוגעטשעפּעטע צו שפּיצשטעקנס. אַ גוטע, בטעמטע פּרי: זיס, געשמאַק און שטעכיק. פון דאַנעט — דער נאָמען פון די הי־געבוירענע — די סאַברעס, די קינדער־לעך, די יוגנט — אויף רוילעך, שטעכיק האָבן אָבער אַ באַזונ־דערן טעם.

עטלעכע צענדליק מעטער פון כּביש — אַ שמאָל סטעזשקעלע. שפּאַנסט אַריבער דעם דורכריס און ביסט בײַ דער שיקמה, נישט ווײַט פון דער חירבה. די שטיינבאַנק, ווי אײַנגעזונקען אין דר׳ערד — פּאַרבעט דיך צוזעצן, אָפּרוען. ווער ווייסט וויפל וואַנדערער האָבן זיך דאָ צוגעזעצט. אפשר אויך אונטערגעלענט ס׳האַרץ מיט אַ פּרי, אַ ווילדע פּרי פון דער שיקמה, וואָס זי גיט פון זיך אַרויס — האַלברוי, האַלב־רייף. אין די פּרילינגען באַשיט דער שיקמה אַ בליעכץ. פון דער ווײַטנס זעט עס אויס, ווי ווײַסע טײַבעלעך וואָלטן דאָרטן זיצן.

ווי אַזוי, פון וואַנעט האָט זיך דער מידבר־בוים אַהער גענו־מען, איז אויך פאַר אַכמעדן אַ רעטעניש. ס׳קאָן זײַן פון אַ סאַמום־ווינט, וואָס האָט אַהער אַ זאָמען פאַרטראָגן.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויף דער באַנק.

אַכמעד האָט געוואָלט אויפלעבן דעם שמועס, וואָס האָט זיך אויפן וועג אַהער נישט געקלעפּט, האָט ער זיך צערעדט וועגן דער שיקמה. אייגנטלעך איז עס אַ מידבר־בוים אין נידער־לאַנד פון מידבר און צפון־נגב — איז ער תּמיד גרין. אין דער געגנט זענען זיי נישט בנמצא. אויך וועגן די סאַברעס האָט ער געהאַט וואָס צו דערציילן: ער פלעגט מיט נאָך יינגלעך פון זײַן שכונה, מיט אַ ברודערל, מיטן טאַטן, רײַסן זיי מיט שטעקנס און בלעכענע

פּושקעלער אין שפּיץ. אַרײַנלייגן זיי אין אַן עמער מיט שטיקלעך אײַז, זיי אײינציקווײַז פאַרקויפן בײַ דער צענטראַל־סטאַציע אין תל־אביב.

ציפּי האָט אים איבערגעשלאָגן. זי קומט, זאָגט זי, אַצינד פון אַ לעקציע נאַטור־וויסנשאַפט.

ער שווײַגט אַ ווײַלע. שמייכלט פאַרלעגן מיטן שמאָל־צעעפנטן ווײַסן צײנקעסטל. לאַנג קאָן ער נישט, טאָר ער נישט שווײַגן, אַבמעד:

— נכון, ריכטיק. איז וואָס האָסטו געזאָגט דער לערערין צום אַהיימגיין, ציפּי?

— אַ מומע מײַנע וווינט דאָ, וויל איך אָפּשטאַטן אַ וויזיט.

— בראַוואָ.

— וואָס איז דער בראַוואָ?

— נישט נאָר שיין ביסטו. ביסט אויך קלוג.

— האָב איך געזאָגט אַ ליגן?

— ניין. ניין. אמת. אַ מומע וווינט דאָ. אַ נפקא מינה וועמעס מומע?

אָט דער כּביש — מאַכט ער — איז פאַר די צײַטן פון טערק געווען אַ שמאָלע סטעזשקע, ווי די־אָ, וואָס פירט אַהער צו דער באַנק. פון ביידע זייטן — ראַוועס. אין די ווינטער־חדשים האָבן די שלאַקסרעגנס די ראַוועס טיפער געמאַכט. זאַמד, שליים און בלאָטע האָט דאָס שטעגל פאַרשוואַנקען, וואַסער־קאַלוזשעס האָבן זיך געזאַמלט. פאַרוואָס די מומע איז דאָ געבליבן, נישט אַנט־לאָפן — האָסטו מיך געפרעגט. נישט געוואָלט לויפן. אַן אַלטיטשקע. אַריבער די נײַנציק.

נישט געוואָלט לויפן — האָט ציפּי ווי פאַר זיך איבערגעחזרט. אירע ליפּעלעך האָבן געציטערט. דורך דער מאַטער שײַן פון דער לבֿנה, וואָס האָט דורך די שיטערע צווײַגן פון דער שיקמה אַדורכגעשלאָגן, האָט אַבמעד געזען איר פאַרציטערט אייבערשט ליפּעלע:

— וואָסי, ציפּי? — האָט ער אַ דערשראָקענער געפרעגט. זי לייכט אָנגענומען ביי די עלענבויגנס.

— צו אַלט צו לויפן האָסטו געזאָגט? — איז וואָס?

— מיין אמא זאָגט אויך אַזוי. איר טאַטע־מאַמע, באָבע־זיידע האָבן נישט געוואָלט לויפן.

— ווו זענען זיי אַצינד ,דיין סבא און סבתא?

— אין אויוון אַריין געגאַנגען.

— איך פאַרשטיי נישט.

— אַלע וואָס זענען דאָרטן געבליבן זענען אין אויוון אַריין געגאַנגען — אַזוי זאָגט דער דוד שמואל, מיין מאַמעס באַלעבאָס, אַזוי זאָגט די אמא.

— סליחה, ציפּי.

— איך קאָן נישט הערן די ווערטער. איך וויל נישט מער הערן די ווערטער.

— איך האָב דאָך דאָס נישט געזאָגט.

— זי איז אַלט און האָט נישט געוואָלט, נישט געהאַט קיין כּוח צו לויפן. אָט בין איך אויך געבליבן.

— איז וואָס פאַר אַ פאַרגלייך?

— סליחה, ציפּי, ניין. חלילה. דאָ גייט מען נישט אין אויוון אַריין. איך לעב. אָט זיצן מיר און שמועסן. אָבער... דו פאַר־שטייסט?...

— ניין. כ׳פאַרשטיי נישט.

— מיין אידענטיטעט ברענט...

— איך פאַרשטיי שוין גאָרנישט.

— איך בין אַ לעבעדיקער מת.

— רעד איך צו אַ מת?

— אוי, ציפּי, ציפּי, — האָט ער אַ וויסן לאַך געטאָן — דו ביסט דאָך אַ קלוגע. און שוין נישט קיין קליין מיידעלע ביסטו. נו, לאָמיר עס לאָזן אויף אַ צווייט מאָל.

— ניין. איך מוז פאַרשטיין, וואָס דו מיינסט, אַכמעד.

— איך מיין... איך מיין אַכיבע, אכיבע דער „אויוון" דאָהי; וועט אויסבאַקן — — — דער שמעלצטאָפּ דאָהי וועט אויסקאָכן אַ נײַעם מענטש, מענטש־מענטאַליטעט.

ביידע האָבן לאַנג געשוויגן.

— סליחה, ציפּי — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו איר פּנים אל פּנים. פאַרהויבן אַ האַנט צו איר גאָמבעלע און מיט אַ פינגער געוואָלט עס באַרירן.

ציפּי האָט אָפּגעבויגן איר קאָפּ.

— מאַדאַם? — האָט ער איר, מעשׂה גבר, שמייכלדיק־איראָניש אַרײַנגעקוקט אין די אויגן.

— פון ווען אָן מאַדאַם? — און נאָך מער אָפּגעבויגן איר קאָפּ — מאַדאַם איז מײַן אמא.

— אָ, דײַן אמא: אַנומלט גערעדט מיט איר. אַ סימפּאַטישע פרוי. אַ קאַלטן טרונק האָט זי מיר אַראָפּגעבראַכט.

— ווען איז דאָס געווען?

— אַ נפקא מינה?

טראָגט זיך אַרום מיט אַ נאָז, די אמא, „וואָס וויל ער פון דיר", „פאַרוואָס זאָל די מאַמע נישט וויסן דעם אמת?" און אַליין ברענגט זי אים אַראָפּ אַ טרונק, דעם „אַראַבטשיק"...

— אַ גוטע דײַן אמא, נכון?

ס'פּנים לאַכט אויף אים. זײַנע אויגן־ווייסלען ווערן גרע־סער, גלאַנציקער. אַ פּאַסיקל לבנה־שײַן באַלײַכט זײַן פעסטן קין, דעם טונקעלן האַלדז ביז אַראָפּ דער האָריקער ברוסט פון אונטערן צעשפּילעטן העמד. אַ ווײַס העמד. אַכמעד איז אַצינד שענער, ווי אין גאָרטן בעת פאָרען זיך אַרום גדר, אַרום אַ ביימל, אַ האַלב־נאַקעטער אָדער אין אַ ברודיק העמדל איבער די קורצע הויזן. די אַרבל פון העמד פאַרקאַטשעט ביז אַרויף די מוסקלען. אַ ברוין־אָפּגעברענטער קאַרק, בייניקע אַקסלען. זיי שפּאַרן אַרויס פון העמד.

— דו ביסט אַ קלוגער, האָט געזאָגט מײַן אמא.

— וואָס נאָך האָט זי געזאָגט?

— ווייניק?

— און דו ביזט קלוג און שיין.

ער פּרוווט צובייגן זײַן באַטשופּרינעטן קאָפּ צו אירן. אַ ווײַלע דויערט. ס׳שמאָלע פּאַסיקל לופט צווישןביידע קעפּ — עלעהיי אַ שויב. ער וועט נישט דורכברעכן די שויב, אַכמעד. ציפּי איז נישט זיכער צי ער וועט די „שויב" נישט דורכברעכן... זי בייגט אָפּ איר פּנים. זי וויל נישט פילן אויף אירע באַקן, אויף איר מויל זײַן הייסן אָטעם. הערט ס׳האַסטיקע קלאַפּן פון זײַן האַרץ אַזש די שיטערע, שוואַרצלעכע הערעלעך אויף זײַן ברוסט ציטערן, ווי אַ ווינטל וואָלט איבער זיי אַריבער.

זי נעמט אָן זײַן האַנט, אַ שווערע לאַפּע, נאָענט פון איר גאָמבעלע, און לייגט זי צוריק אויף זײַנע קני, ווו זיי זענען פריִער געלעגן. די קני ציטערן. ס׳גרינע פלעמל אין אירע אויגן וויל זאָגן:

— לאַט לך, פּאַוואָליע, יאַ חביבי.

ער בלײַבט זיצן אַביסעלע צעטומלט. דער קנאָפּ אויף זײַן האַלדז לויפט אַרויף און אַראָפּ, אַ שטייגער אַ ביינדל, אָדער אַ ביסן איז געבליבן שטעקן... נישט אַראָפּשלינגען און נישט אויס־שפּייען. זיצט ער, דער באַריידעוודיקער אַכמעד. שטומט. די אויגן פאַרקוקט אין ציפּיס ווײַסן האַלדז. אַ ווײַסקייט, וואָס פאַלט אַרײַן אין אַ לײַכטן בלוי, ווי אָקערשט געפאַלענער שניי. אַזוי זעט אויס אַ פריש־געפאַלענער שניי — ווייסט ער. געזען האָט ער נישט. עס האָט זיך אים אין די רגעס געבענקט נאָך שניי. אָ, די דאָרטיקע, די אשכנזים. אַזאַ ווײַסע גלאַטיקע הויט.

— אַזאַ יונגער האַלדז. ס׳שלאָגט פון אים אַן איידעלע וואַרעמקייט, ווי פון אַ היגן פרילינג־אָוונט. אויסקושן אַזאַ האַלדז — — — אין זײַן אור־אַראַבישער נשמה פון דורות לאַנג פאַרשטעקט און פאַרשטויבט, ווי אַ פאַרצײַטישער אוצר אונטער

זאַמדן און שטיינער — האָט עפּעס אויפגעציטערט: אַ ציטער וואָס זאָגט:

— אַזאַ האָלדז, אויסקושן אָדער — — — זיך איינבייסן אין אים.

ס׳ווײַסע קעסטל ציין זײַנס שײַנט אַרויס פון האַלב־צעעפנטן, קרומלעכן שמייכל. שוער צו וויסן: — אַ פאַרשעמט געלעכטערל אַזאַ, צי וויל דער צוק פון מויל ציפּין דערמאָנען, אַז די בלאַנקע ציין זענען אויך שאַרף.

ווערט זי אַ ביסעלע ווייכער, ציפּי, שמייכלט צו אים — אַ ווײַטלעך נאָענט שמייכעלע: — אַזוי־אַ, פּנים אל פּנים איז בעסער.

ער גלײַכט אויס דעם קאָפּ, די אַקסלען. זײַנע לאַנגע הענט, ווי פלינקע חיות ליגן אויף די קני ווי לעמעלעך.

ביידע שווײַגן. ביידע שאָטנס רירן זיך נישט פון אָרט. ס׳שווײַגט דער אַלטער שיקמה־בוים. ס׳שווײַגט די שטיינבאַנק. ס׳פאַרוואַר־לאָזטע פעלד, פאַרטונקלט פון אָוונטשאָטן, איז אַ שותּף צו דער שווײַגעניש. ס׳זעט אַצינד אויס ווײַט פון זיי ס׳פעלד, אַ שטייגער, ס׳וויל זיך אָפּרוקן, נישט זײַן קיין עדות פון דעם וואָס קאָן אַצינד געשען.

ס׳איז גאָרנישט געשען. דער סוד, וואָס ביידע טראָגן אין זיך ליגט באַהאַלטן, ווי אַ מײַזל אונטער אַ בעזעם.

— שפּעט, ווילסט אַהיימגיין?

ציפּי האָט געענטפערט מיט אַ קאָפּשאָקל אויף יאָ.

— איך וואָלט וועלן דיך נאָך אַמאָל זען — מאַכט ער — בוקרא? מאָרגן?

— ניין. נישט מאָרגן.

— ווען?

— איך וועל דיר צוּוויסן געבן.

אויפן וועג צוריק, ווי אַהער, זענען זיי געגאַנגען אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן. ס׳איז שוין געווען גוט טונקל. אַ זומערדיקער אָוונט. די קרומלעך־האַלבע לבנה איבער דער שיקמה, האָט זיי נאָכגע־

קוקט. דער באַלויכטענער וועג — אַ ברייטער נײַ־געפּלאַס־טערטער כּביש — האָט ווי אַ שוואַרצער טײַך זיך געשפּרייט. צו וואָס פֿאָרן אין אַזאַ אָוונט — האָט אַכמעד איבערגעריסן ס'שווײַגן. — אָט דער כּביש — הייבט ער אָן — איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען אַ שמאָל פּאַסיקל. אַז צוויי רײַטערס אויף אייזעלער, איינער קעגן אַנדערן האָבן זיך געטראָפֿן, האָט איינער געמוזט אָפּטרעטן, נעמען זײַטיקלעך לינקס אָדער רעכטס.

אָקערשט מיט אַ דרײַ, פֿיר יאָר צוריק האָבן בולדאָזערס, גראָב־מאַשינען מיט שווערע „מאַק"־רעדער די זאַמדבערג אָפּ־געשניטן, די טאָלן פֿאַרשיט, אויסגעגלײַכט. לאַסטאויטאָס, וועגע־נער האָבן געפֿירט זשוויר, כּורכּר, צעמענט און קאַלך, פֿונדאַמענטן אויף שיכּונים געלייגט, אין אײַלעניש וועגט, דעכער געגאָסן. די וויניק־פֿאַרבליבענע אַראַבישע הײַזקעס, מויערן, ליימפּאַרקנס, די גרין, ברוין, באָרדאָ־געפֿאַרבטע בלינדע ווענט פֿון אַלע הײַזער — ווי אײַנגעזונקענע אין דר'ערד, צעוואָרפֿן. הויכע, לאַנגע בלאָקן־הײַזער אויפֿגעשטעלט פֿון ביידע זײַטן כּביש. פֿענצטער, באַלקאָנען, באַלוסטראַדן.

דו זעסט דאָס לענדל וואָס איך האָב דיר צוגעגרייט ? — וויצלט ער זיך.

אַ ליכטיקער אָוונט. אַן אויסגעשטערנטער הימל. אָט איז טאָג און אָט — אָוונט. די זון פֿאַרגייט דאָ כּהרף־עין. ניין. זי פֿאַרגייט נישט. זי ווערט נעלם.

כּאָטש תּחילת־אָוונט, איז דאָ דער ראָדפּאַרקער אַ שוואַכער. אויך מענטשן זעט מען דאָ ווייניק. הינטער תּל־אביב דער רווישי־קער, פּלווישיקער, ווערט פּרי שטיל.

פֿון צײַט צו צײַט שנײַדט רווישיק אָדורך אַן אויטאָבוס פֿון און צו דער צענטראַלסטאַציע. אַכמעד איז צופֿרידן פֿון דער הײַנטיקער באַגעגעניש, כאָטש נישט ס'ערשטע מאָל, ווי זיי טרעפֿן זיך לעם שיכּון, כאַפּן אויף גיך איבער אַ וואָרט צוויי. עס וועט,

מיינט ער, נישט זײַן דאָס לעצטע מאָל. בוקראַ, מאָרגן. זי וועט אים צווויסן געבן.

אַ סך האָט ער געהאַט צו זאָגן ציפּין, אַכמעד. צופּיל אויף איין מאָל. ער האָט גערעדט צו זיך אַליין: טראָגן דאַרף אַלע בני־אָדם עמבריאָניש אַ געפּיל־נאָענטקייט צו איינאַנדער. עס צעטיילט זיי בלויז, ווי מ׳זאָגט, די פאַרב פון דער הויט, שפּראַך, רעליגיע. קולטור און — די אַפּריאָרי־פאַרניינונג, די געוווינשאַפט, וואָס איז געוואָרן אַ צווייטע נאַטור. פון וואַנעט די שׂינאה, די פעלקער־פײַנטשאַפט? ס׳קעגנזײַטיקע נישט לײַדן זיך פון ישׂראלים און אַראַבער? פעלט דאָ ערד, וואַסער? ער האָט ערגעץ געלייענט אַ באַריכט אַ פופצן יאָר פאַרן אויפקום פון דער מדינה, אַז לויט די ברונעם־אויסגראָבונגען קאָן מען פון די היגע תהום־וואַסערן באַפרוכפּערן דרײַ, פיר מאָל אַזויפיל נפשות וויפל אַט די קליינע ערד ציילט הײַנט. הײַנט, ס׳וואַסער אונטער די זאַמדן אין נגב?

אויף דער מידבר, דער הר סיני, למשל, קאָן געבן ברויט נישט נאָר די תּורה, די לוחות. די וואַסער־אָדערן, טיף אונטער די זאַמדן, אונטער די פעלדזן, קאָנען געבן ברויט. מ׳דאַרף דאָס וואַסער אַרויסבאַקומען. צו דעם האָבן ייִדן גוטע קעפּ. אַז מ׳וועט זיך אויפהערן הרגענען, שלאָגן איינער דעם אַנדערן — וועט מען אַרויסשלאָגן וואַסער, ווי דער לעגענדאַרער משה האָט אַרויס־געשלאָגן וואַסער פון שטיין.

און וויסן דאַרפן זיי, די ישׂראלים, אַז: נישט אַלע אַראַבער זענען פעלאַכן, אַנאַלפאַבעטן. קנעכט ווי די ייִדן אין מצרים. נישט קיין חמורים, וואָס מען רײַט אויף זיי, מ׳יאָגט אונטער, מ׳שטורקעט מיטן שטעקעלע צווישן די אויערן. מ׳פאַרגעסט, אַז אַראַבער זענען שכנים. ווי זאָגן די ישׂראלים: „טוב שכן קרוב מאח רחוק״.*
אַראַבער ווייסן שוין, אַז ייִדן האָבן נישט קיין הערנער.

אַ חלום האָט זיך אים די לעצטע נאַכט געחלומט, אַכמעדן.

---

* בעסער אַ נאָענטער שכן איידער אַ ווײַטער ברודער.

אויף אַ באַנק לעם ברעג־ים צווישן יפו—תל־אביב זיצט ער. לעם אים — ציפּי. ער אין באַדהייזעלער, זי — אין אַ ביקיני. איר ווײַסע, גלאַטע הויט, העלעהיי אַביימל נאָכן אָפּשיילן די קאָרע. אירע ווײַסע הענטלעך — צווײַגן. ער נייגט צו זײַן קאָפּ צו אירע האַלב־אָפּגעדעקטע בריסטלעך. עס שלאָגט פון זיי אַ שאַרפער, פרישער ריח. זי נעמט נישט אַוועק זײַן קאָפּ. זיי נעמען זיך, ווי קינדער, בײַ די הענט און — אַרײַן אין וואַסער. ס'וואַסער איז וואַרעם. ציפּיס פינגער זענען וואַרעם. די בריסטלעך — ריינע, לויטערע כוואַליעס. פּלוצעם גליטשן די בריסטלעך זיך אַרויס פון זײַנע הענט. ציפּי שווימט אַוועק. ער — נאָך איר. ער יאָגט זיך נאָך איר, דרייט אָפּ דעם קאָפּ און זעט: פון דערווײַטנס הייבט זיך פון וואַסער אַרויס אַ קאָפּ — אָ, זײַן טאַטע. וואָס נענטער ער שווימט צום טאַטן, אַלץ ווײַטער, ווײַטער ווערט דער קאָפּ. זײַנע גרויסע, פלינקע הענט לייגן קלאַפּטער, צעפּאַטשן די כוואַליעס. ער יאָגט זיך נאָכן טאַטן און קאָן אים נישט דערגרייכן.

טאַטע! — וויל ער שרײַען, קריכט אים ס'וואַסער אין מויל אַרײַן. עס שטיקט אין האַלדז.

אַכמעד, דער גוטער שווימער, פון קינדווייז אָן אויפן ים, נאָר די הענט, די פיס ווערן שווערער. ער פאַלט, פאַלט. ס'וואַסער איבער אים דריקט. ער נידערט, נידערט. אָ, ניין. עמעצער שלעפּט אים בײַ די האָר. אַרויס, אַרויף שלעפּט מען אים. ווער? ציפּי. אירע דינע הענטלעך, די פויסטלעך — צוואַנגען. ער עפנט ס'מויל, ווי אַ געשריי טאָן — ציפּי! און — כאַפּט זיך איבער.

— אַללאַ אַכבאַר! — דערהערט ער זײַן אייגן קול.

# קאַפּיטל אַכט

נאַכט. די שאָטנס פון די ווענט שאַרן זיך אַרײַן אין די אויגן. זי וויל זײַ אָפּיאָגן נחמה, זײַ לאָזן זיך נישט. נישט זי שלאָפט, נישט זי איז וואַך. שטיל. שפּעט. נישט געהערט ציפּיס קומען. אַוועק נאָך מיטאָג און מ׳זעט איר נישט. אַ שווערער אָוונט געוועזן אויפן זאַל. געגרייט די טישן. נאָך דעם — אַ קעלנערין. רעש. רייד. געלעכטערס. שרײַיקע מוזיק. ביז זי דערלעבט צו הערן די „התקווה״, ווי תמיד נאָך אַ חתונה — פאַלט זי פון די פיס.

נישט געהערט ציפּיס עפענען די טיר, ס׳אַראָפּשאָקלען אַ לעטשל פון פוס, דעם שאַרך פון די דזשינסהויזן צום אויסטאָן. זי גייט אַראָפּ פון בעט, שאַרט זיך שטיל אַרײַן אין האַלבן צימער. זי טאַפּט דאָס קישן, די קאָלדרע. מיט בלינדע, טאַפּנדיקע הענט, מיט פינצטערע הענט גייט זי צוריק.

אין דער פרי זעט זי ציפּיס פאַרשלאָפן פנים, רויטע ליאַמעווקעס אַרום די אויגן. אַ צעטומלטע, אַ צעטראָגענע טוט זי זיך אויף גיך אָן, ציפּי. אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן מאַכט זי זיך אַ סאַנדוויטש, אַרײַן אין ביכער־טאַש, די קאַיעטן, ביכלעך און אַרויס פון שטוב:

— שלום, אמא.

די מינוטן וואָס ביידע זענען אין קיך — שטייען זײַ פּלייצע צו פּלייצע. ברוגז? בייז? איר קינד. אַכמעד. ס׳ווײַסע געלעכטער זײַנס — אַ מעסער אין האַרץ. וואָס וויל ער פון איר? וואָס האָט זי אין אים געזען? פאַרוואָס שווײַגט זי? דאָס שווײַגן זעצט זיך אָפּ אויף איר אומעטיקן, אַנגעווייטיקטן געמיט, ווי קאַלך אויפן דנאָ פון אַ טשײַניק פון צופיל קאָכן. וואָס ווערט זיך פון דעם אויסקאָכן — ווייסט אײַן גאָט.

ווי שאָטנס פאַרנאַכטיקע אויף ווענט שפּרייט זיך די שווערע

שוויַיגעניש. אפשר איז זי, איר מאַמע, שולדיק? האָט נישט קיין צײַט, קיין געדולד צו׳ן איר. נעמט זיך נישט די מי צוקוקן זיך צום וואַקסן און רײַפן זיך פון איר טעכטערל? פּראָבלעמען פון אַ זעכצן־יעריק מיידעלע דאָהי — אַ נײַער דור, אַ נײַ לאַנד: ס׳פעלן פון אַ טאַטעשער האַנט, וואָס קערוועט. — די שטרענגקייט און די וואַכזאַמקייט פון אַ טאַטעשן בליק, אַ וואָרט.

שווײַגן איז די מאַמע פון שקר. אָט וואָס פאַרשאַטנט ס׳פּנים פון איר טעכטערל. אַ שיין פּנים האָט דײַן מאַמע, ציפּי.

מײַן ליבשאַפט צו דיר איז נאַקעט, ווי דער אמת. פילסט עס. ווייסט עס. צו שטאַרק ביסטו בײַ זיך אין דער שוואַכקייט מודה צו זײַן זיך. רעדסט נישט צו דער מאַמען. ווילסט מיר ווי טאָן. תּמיד איז מען פּוגע אין דעם וואָס מ׳האָט ליב.

איין מאָל האָט זי איבערגערעדט דערוועגן מיט רחלן, דער קעכין. אויך אַ מאַמע. צוויי מיידלעך, זעלנערקעס.

— זה הגיל, דאָס איז אַזאַ עלטער — מאַכט זי — טיפּש־עשׂרה: ווייסן נישט, וואָס זיי ווילן: מיינען, אַז זיי ווייסן אַלץ, די מאַמע — גאָרנישט.

שווער זענען פאַר נחמהן די שעהען נאָך דער אַרבעט ווען זי איז אַליין אין שטוב. ס׳קומט איר אויס, אַז אויך די ווענט ברוגזן זיך אויף דער ליידיקייט, וואָס זי לאָזט נאָך זיך צום אַרויסגיין אויף דער אַרבעט: אויף דער שטומקייט, וואָס זי און איר טעכטערל ברענגען מיטן אַרײַנקומען. זי דערמאָנט זיך אין שמואלס ווערטער: „אַ שטוב דאַרף אַ טאַטן, אַ מאַן". כאָטש זײַנע ווערטער האָבן אַ טאָפּלטן מיין, איז פאַראַן אין זיי אַ סך אמת.

זכרונות גראָבן אויף נישט נאָר קברים, אויך מתים: **בעניק**. תּמיד שטייט ער איר פאַר די אויגן: — אַ הויכלעכער, אַ העלער שאַטין. אַ שיטערלעך בינטל האָר אויפן קאָפּ איבערן שטערן. אַ פּריס פון אַן ערשטן שניי דעקט צו אַ קליין לבנהלע — סימנים פון אַ פליך. ניין, נישט קיין פליך — האָט ער שמייכלענדיק דערווידערט — אַן אויסגעווינקלטער שטערן.

אַ קערנדיק פּנים. אָוואַל און שאַרפע, ברייטלעכע קינען. אַ געמיט פון אַזיאַטיש־מאָנגאָליש און אַן אייראָפּעישקייט, האָט זײַן פּנים צוגעגעבן אַן אויסנעמלעכן חן, אַ באַזונדערן אויסדרוק, אַן עפּעס, וואָס איז דאָרט אין מיטלאַזיע געווען אַפילו אַ סגולה. דאָס נישט־ייִדישע פּנים האָט נושא־חן געווען בײַ די קאָזאַקן, בײַ די רוסן.

„טי ניע יעווריי" דו ביסט נישט קיין ייִד.

„אַ שטוב דאַרף אַ טאַטן, אַ מאַן". אַוודאי. ווו זאָל זי זיך אַהינטון נאָך דער אַרבעט? אַמאָל אַ שבת צונאַכטס ווען קיין שׂמחות זענען נישטאָ? אַ פרײַען טאָג, אַ יום־טוב?

איין מאָל פאַרנאַכט האָט זיך איר אויף דער רעשדיקער הויפּטגאַס פון תּל־אביב פאַרגלוסט אַ שפּאַציר צו טון. אַ געדיכט געגיי פון מענטשן. אַ דומפּיק־געפּרעסטע היג־זומערדיקע לופט. פּנימער אײַלן דורך מיט אַ מאָדנער אָפּגעפּרעמדקייט, דערווײַטע־רונג... הויך גערייד. געלעכטערס מישן זיך אויס מיט געפּײַף, געריטש און קוויטש פון אַהין־און־אַהער פאַרנדיקע אויטאָבוסן, טעקסיס, געטראַסק פון מאָטאָציקן. עס רוישט אין די אויערן פון אַ געפּליעסק אין סאָמע צענטער פון גאַס — אַ פאָנטאַן. וואַסער־רערלעך פאַרהייבן זיך, ברעכן זיך און פאַלן אַראָפּ אין באַסיין, וואָס שלאָגט צוריק מיט קאָליריקע ליכטער. און איר איז פּלוצעם אַן אומעט און אַן עלנט, אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט באַפאַלן. זי האָט מיט פאַמעלעכע טריט זיך אומגעקערט אַהיים.

ס'האָט לאַנג געדויערט ביז זי איז צו זיך געקומען. אין מבולבלן מוח האָבן זיך אָנגעהויבן אויסקלאָרן בילדער, פּנימער, געשטאַלטן, סטראָיען. אַזויפיל פּנימער און קיין איינס געדענקט זיך נישט. מטושטש. אַ שטייגער, מ'דרייט מיטן קאָפּ אויף לינקס און רעכטס קעגן אַ פאָטאָגראַפישן אַפּעראַט און ס'קומט אַרויס אַ מישמאַש, אין ערגעץ איז אַ מענטש נישט אַזוי איינזאַם, ווי צווישן מענטשן — איז איר אויפגעקומען אַ געדאַנק.

און אין שטוב, אין אַ פאַרנאַכט, אַ שבת נאָך מיטאָג אין

שיכּון? פּוסט. אַ פּוסטקייט, וואָס דערמאָנט אין דער אַלטער היים שבת נאָכן עסן, ווען אין אַלע שטובן שלאָפט מען.

איר היים: אָפּגעבענטשט. ס׳קליינוואַרג זיך צעפלויגן ווי די פייגל. די מאַמע נעמט אַראָפּ פון טיש. דער טאַטע ליגט אויף דער סאָפע. דרימלט. ס׳יִידישע היטעלע, ס׳שבתדיקע, פאַררוקט איבערן שטערן ביז די אויגן.ביידע שווערע הענט — אויפן ברוסט. אַ גרויסע בלווילער־פּעטע פליג זשומעט, קרײַזט אַרום און זעצט זיך אויפן טאַטנס נאָז. ער פאַרהייבט אַ האַנט און יאָגט זי אָפּ. און ווידער פליט זי אָן מיט אַ געררויש פון אַ קליין ערפּלאַנדל, זעצט זיך אים אויף אַן אויער. מ׳טאַטנס פאַרשלאָ־פענע האַנט הייבט זיך אויף און פאַכעט אַהין און אַ הער. אַ לאַנגע מלחמה פירט די האַנט מיט דער פליג און קאָן זי נישט ביַיקומען. די מאַמע לויפט צו מיט אַ האַנטער און גיט אין דער הייך אַ פאַכע — ווינטיק און שטאַרק — אַזש דער טאַטע וועקט זיך איבער אַ דערשראָקענער:

— האַ, וואָס?

— גאָרנישט, מענדל, שלאָף. אַ זלידנע פליג.

גיין אין „קלוב פון רווקים און רווקות" (פון נישט־פאַרהיי־ראַטע)? זי איז דאָך אַן אלמנה. האָט אַ טעכטערל אַ גימנאַזיסטין. וואָס האָט זי דאָרט צו זוכן? וואָס קאָן מען שוין דאָרט געפינען? איין מאָל דאָרט געווען. אַן ערשט און לעצט מאָל.

אַן אָנגעסטריאָעטע פרייִלעכקייט. אויפגעצווונגענע שמייכלען. טענץ. זי האָט זיי געגנוג אויפן חתונה־זאַל. אַן אויסגעפּוצטער אינדערוואָכן ווייעט פון די פּנימער. אַ פאַרשלייערטער אומעט, אַ לאַנגווייַל און אַן איינזאַמקייט. איינער קוקט אויפן צווייטנס פּנים, ווי אין אַ שפּיגל. — איינער קומט זיך וואַרעמען בייַם צווייטנס פייַער און ס׳פייַער איז קאַלט, ווי אַ האַרבסטיקע זון.

געווען אויף אַן אזכּרה. יאָר־יערלעך אַן אזכּרה. אַ באַלויכ־טענער זאַל. אַ טריבונע. זעקס ליכט. זעקס מיליאָן קדושים. אַן „אל־מלא־רחמים". אַ חזנ׳ס וויינענדיק קול. רעדעס. ווישט מען

די אויגן מיט פּאַטשיילעס און קאַפּיטלעך אויף די, וואָס זענען „געגאַנגען אין אויוון אַריַין" און — שוין. חילול מענטש, חילול המת, חילול השם. וואַכעדיק ווערט די קדושה. זעקס מיליאָן. אָן־בלאָק רעדט מען וועגן מענטשן, ייִדן, וואָס יעדער פאַר זיך איז אַ וועלט. זעקס מיליאָן איז דאָך אַ ציפער. וואָס זאָגט אַ ציפער? — ווען זאָגט עס? און ווער וויל עס וויסן? אַזוי אָפן, פריַי רעדט מען וועגן חורבן. יאָרצייַט־ליכט. אויך מאַרמאָרענע מצבות קאָנען נישט ליכטיקער מאַכן ס'געמיט: קאָנען נישט, וועלן נישט היילן קיין קראַנקע, צעריסענע הערצער.

זעקס מיליאָן איז דאָך סטאַטיסטיק. אויף קאָמפּיוטער־לשון רעדט מען. בלשון רבים רעדט מען וועגן לעבעדיק־אומגעבראַכטע מיט מיתה משונות. קאָמפּיוטער. עלעקטרישער מוח. אָבער שׂכל?

אַ ליד, עטלעכע שורות פון אַ ליד, וואָס עמעצער האָט אויף דער אזכּרה געלייענט איז איר געבליבן אין זיכּרון:

צו פרי צו פאַרגעסן.
צו פרי צו פאַרהיילן.
נישטאָ וואָס צו דערציילן,
נישטאָ קיין נאָמען.
גיב מיר כּוח, גאָט, צו שטומען.

און ווידער אַליין. נאַכט. ערשט אַצינד, וויַיט אין צייַט, אין שטח, ווערט ער איר נעענטער, כּעניק. פון דער נאָענט איז ער איר וויַיטלעך געווען. אַ שוויַיגער. און נישט תּמיד האָט זי פאַרשטאַנען דעם מיין פון זיַינע ווערטער. זי האָט אים איר גאַנץ לעבן געגעבן, ער האָט צוריקגעצאָלט מיט אַ שוויַיגן, מיט אַ סוד, וואָס איז פאַר איר קיין סוד נישט געווען — סאָניע, שימעלע.

זיַין פּנים — אַ שילד. הינטער דער שילד — זיַין לעבן, זיַין ערשטע ליבע. האָט זי אויך געשוויגן. געוואַרט. געדולדיק געוואַרט ביז ער וועט אינגאַנצן געהערן איר. אַ גאַנצן וויל זי אים. געמיינט, אַז נאָכן אַמפּוטירן מ'פוס וועט ער פאַר איר גאַנץ זיַין.

פון זײַן נאָענטקייט האָט אַ ליבע וואַרעם געשלאָגן. אַ וואַרעמקייט, ווי ס׳אַרײַנקומען אין אַ שטוב אַרײַן פון אַ קאַלטן דרויסן.

בעניק האָט נישט געהערט צו די מענער וואָס דער געשלעבט־אַקט איז פאַר זיי אַן אַקט פון גבורה, פון נצחון איבער דער פרוי, דער „פעסטונג״. אויך זי האָט ליב געהאַט דעם מענטש אין אים — מענטש־מאַן. ער איז נישטאָ. מיט זײַן נישטאָיִקייט איז פול איר לעבן, זענען פול אירע טעג און נעכט. ציפּי איז אַצינד איר איינציקע טרייסט. אויך זי שווײַגט. ווי זײַן שווײַגן וואָלט אין איר אַרײַן. זי איז אַצינד די ווידערגעבוירענע שרעק, דער אומרו, די שרעק פאַרן טאָג וואָס פאַלט אַרײַן אין שויב, וועקט די פריִע שעה, יאָגט פון בעט אַרויס, ווישט אָפּ ס׳פּנים פון שווערע נעכט, פון שלאָפלאָזע נעכט.

ציפּי לעבט־אויף מ׳טאַטנס געשטאַלט אין איר זיכּרון. זינט זײַן טויט — לעבט ער אין ציפּין.

ווי אַ הויכער בוים ציט צו זיך דעם בליץ, האָט אים געצויגן צו זײַן טויטער פרוי און קינד. און איך — זאָגט זי צו זיך — און מיך ציט נישט צום טויטן מאַן?

# קאַפּיטל נײַן

די באַן יאָגט. די דריטע װאָך אין װעג. װינטער. סוף נײַנצן צװײ און פערציק. שנייען. פרעסט. עסנדיקע װינטן. זאַװיערוכעס. פּאַרטאָג אויף אַ סטאַנציע. בעניק איז אויף ביידע קוליעס אַראָפּ פון װאַגאָן מיט אַ קעסעלע אין האַנט. צו צום מאַשיניסט אין לאָקאָמאָטיװ, געבעטן הייס װאַסער. אַ זעלנערישן שינעל האָט ער אויף זיך געטראָגן, אַ היטל מיט אַראָפּגעלאָזטע קלאַפּעס איבער די אויערן. דער מאַשיניסט קוקט אויף דעם סאָלדאַט, אינװאַליד, מיטן קעסעלע אין האַנט, װאָס בעט הייס װאַסער.

— פּאַרטאָג. דער שניי שמײַסט אין פּנים — שרײַט ער אויף אים — אַ טשטאָ טי, און דו װאָס? משוגע?!

— נישט משוגע, טאָװאַרישטש, הייס װאַסער פאַרן עלטסטן סאָװיעטישן בירגער אין װאַגאָן.

— ניע פּאָניעמאַיו, איך פאַרשטיי נישט.

— אַ קינד איז מיר געבוירן, אָטאָ איצט. אין װאַגאָן.

העכער פערציק קילאָמעטער אַ שעה יאָגט די באַן. אַ קאַלטע לבנה שלעפּט זיך אויף צוריק, װי זי װאָלט נישט װעלן זײַן דאָרט אין הייסן מיטלאַזיע, דאָרט װוּ זון געװעלטיקט זומער און װינטער. אַ שטייגער גאָטס װאָרט האָט זיך צו איר דערטראָגן:

— לכי ומעטי את עצמך. גיי און װער װייניקער. אי אפשר לשני מלכים (זון און לבנה) — שישתמשו בכתר אחד.

װאַגאָן אין געװאַקל. האַסטיקער רעדער־געראַיש. אַ הודזשען פון טעלעפאָן־סלופּעס, װאָס די באַן לאָזט הינטער זיך: זיי לויפן אָפּ, די טעלעפאָן־סלופּעס, דורך די קליינע, פאַרקראַטעװעטע װאַגאָן־פענצטערלעך. מיט זיי — ביימער, פעלדער, װעלדער פאַרשנייטער אין משוגענעם געדריי אויף הינטערװײַלעכץ.

אפנים צוליב דער טרײַסלעניש האָבן די געבורט־ווייען פון דער קימפעטאָרין פריִער אָנגעהויבן.

בײַ דער געווינערין פּאָרעט זיך אַן עלטערע פויערטע, אַן „עוואַקויִרטע״ פון ווײַסרוסלאַנד פון אַ דאָרף וואָס דער „גערמאַ־ניעץ״ האָט פאַרנומען. צוויי הענט פון אַ פויערטע, געוווינטע צו פעלד־און שטוב־אַרבעט, טרײַסלען זיך פון אומוויסן און שרעק. בע־ניק האַלט אַ שיסל וואַסער אין איין האַנט, אין דער צווייטער — אָנגעשפּאַרט אין אַ קוליע — אַ ליכט. ס׳ליכט צאַנקט. די ווייען ווערן אָפּטער, שטאַרקער. שאָטנס באַלעבאַטעווען אין וואַגאָן. די צאַנקענדיקע ליכט־פלעמלעך מאַכן געדיכטער די פינצטערניש. עמעצער פון די עטלעכע צוואַנציק מאַן אין וואַגאָן עפנט אַ פושקעלע קאָנסערווון אין חזיר־שמאַלץ, שלעפּט אַרויס אַ לאַנגן צויט פון אַ מיליטערישן שינעל, מאַכט אַ קנייטל, שטופּט אַרײַן ס׳קנייטל אין שמאַלץ־פושקעלע: אַ קוועטש אויף אַ צינדמאַשינ־קעלע, ווי צום פאַררייכערן און — ס׳ווערט ווידער ליכטיק.

אין דער קוים־קוימיקער שײַן פון צעפלעמלטן קנייטל זעען זיך דער פויערטעס קנאָביקע, אַלטע הענט, בעת די פינגער קלאַ־מערן זיך אין אַ שפּיץ קעפּל... אַ לאַנג־צעצויגענער, קרעכצנדי־קער ווײ, אוי, ווײַ, און אַ נאַס קעפּעלע מיט אַ בלאָנדן האָרשפּראָץ הענגט אַראָפּ פון דער אָפּנעמערינס הענט. אַ פּעטשל אין טעכעסל און אַ דין־דין פּישטשענדיק קולעכל צעטראָגט זיך איבערן וואַגאָן.

בעניק ווישט מיט אַ האַנטעך מ׳שווייס פון דער קימפּעטאָרינס פּנים, גלעט דעם נאַסן שטערן פאַרשאַרנדיק די צוגעקלעפּטע האָר אויף אַרויף. ס׳פּישטשען גייט איבער אין אַ געוויין: ס׳געוויין פון אַ מענטשעלע, אַ נײַגעבוירנס, אין לעבן אַרײַן.

ס׳לעבן גייט אָפּ אין בלוט, אין טויטאַנגסט. טויזנטער, צענטלי־קער טויזנטער, מיליאָנען מענטשן אויף די פראָנטן. טויטע. פאַר־וווּנדעטע אין די שפּיטעלער, אויף די וועגן, פעלדער, אין צערויִ־נירטע היימען פון שטעט, דערפער, פון אָקופּירטע געביטן פון גרויסן גראָען לאַנד. מענטשן פאַלן אין שלאַכטן פאַרן לעבן און —

אַ קינד איז געפאַלן אויף דער וועלט, אויף דער זינדיקער ערד, אַ פון גאָט פאַרגעסענע. אַזויפיל מענטשן, מיט יעדן מינוט, שעה, ווייניקער און איינס מער — פייגעלע.

קנאַפּע אַנדערהאַלבן יאָר אין מיטלאַזיע. באַלד אַ יאָר נאָך בעניקס טויט. די טעג האָבן זיך געצויגן ווי אַ קראַנקער קעמל אין מידבר. מידבר אין האַרץ פון נחמה גראַד ווען אין דרויסן האָט געפרילינגט. אַפּריל ניינצן פיר און פערציק. אַ מילדע וואַרעם. די בריענדיקע זון לײַכט אַצינד מיט אַ לויטערער קראַפט. קילע ווינטלעך בלאָזן, צעטראָגן יונגע ריחות.

אָפּן פאַר אַלעמענס אויגן קומט פאָר דער אייביקער, וווּנדער־לעכער אומבײַט פון צײַטן. דער ברייטער הויפּטוועג, אַ מין טראַקט, וואָס ציט זיך לענגאויס דער שטאָט צעטיילנדיק זי אויף צוויי — איז טרוקן, ריין. די רעגנס האָבן אָפּגעשווענקט די שטויביקייט פון די לייממויערן, ס׳קעמלמיסט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט. פון די שטרוי־דעכער מיט די נידעריקע שיפּועים. ער איז האַרטלעך, אײַנגעטראָטן דער באָדן, ער כאַפּט די מראה פון אַ גוט־אויסגע־וואַשענער ליימ־פּאָדלעגע אין דער אַלטער היים: אָן אויסגעקערטע און באַשיט מיט אַ ביסעלע זאַמד.

פון די פלאַכע בערג־הויכקייטן וואָס מיטן אויג צו דערגרייכן, גייט אין די פרימאָרגנס אויף אַ ווײַסער נעפּל. ער דעמפּט פּאַ־מעלעכקע אויס, צעגייט זיך ווי טוי אויף אַ שויב.

אַ דורכזיכטיקע לופט. וואָס העכער די זון — אַלץ קלאָרער דער גרין, די מאָכיקייט אויף די שפּיצבערג, עלעהיי הויקערס פון רוענדיקע קעמלען. צופוסנס פון געבערג — סימנים פון יונגן שפּראָץ, גוטע פּאַשע פאַר די שאָף, די היגע מיט די פעטע נאָכ־הענגענדיקע הינטנס, קורדזשוק רופט מען עס דאָ. אַ קעמל, אַן אייזעלע קאָן זיך אונטערלענען ס׳האַרץ.

פּאַוואָליע גייט אויף די זון. שעהען ציט זיך דער פרימאָרגן. פויל און פלעגמאַטיש איז די זון, ווי דער מענטש, דער באַבי (דער מאַן), די מאַרזשאַ (די פרוי), דער מזרח־מענטש.

מיט גבורה, מיט געדולדיקייט אָריענטאַלישער, מיט באַנײַ־טער רוּיִקייט אָטעמען די לענגן און ברייטן פונעם סובטראָפּישן טייל לאַנד, וואָס שפּרייט זיך ביז אַשכּאַבאַד, איראַן, איראַק, ווײַטן און מיטעלן מזרח.

די ביימער, סעקסאַוּל־ביימלער, דערנער, ווילגראַז אויסגע־מאַטערטע פון די חמימות — זייגן די פרישע זאַפטן פון דער ערד: טרינקען זיך אָן און שעפּן חיוּת אויף די לאַנגע זומערס.

אומגעענדערט ס׳פּנים פון היגן מענטש. שמאָלע־שפּעלטל־אייגעלער, ווי אַן אומגעזעענע האַנט וואָלט איבער זיי אַ היַיטל פאַרצויגן. טעמפּער גלאַנץ אין די אויגן: אויגן — אַ געמיש פון פוקסישער ביטרע און וועלפישער בייזקייט. ס׳באַוועגן זיך פון די באַקן־מוסקלען בעתן רעדן, עפענען די ברייטע מוילשניטן מיט אַ בלאַנק פון ווײַסע, געזונטע ציין — דערמאָנען אין אויס־געמאַגערטע, טרוקענע פערדישע פּנימער. פּנימער גערייצטע פון ביטערער דאָליע אונטערן דרוק און דראַונג פון אַ געהיימער, אײַזערנער פויסט. אַ פויסט איבער קעפּ פון געזונטע, האַלב־ווילדע מענטשן, און מאַכט זיי אוממעכטיק, אונטערטעניק אָבער נישט אומשעדלער. פאַלט אַרײַן אין זייערע הענט אַ „גנב" פון אַ פּענעץ ברויט, פון אַ לעפּיאָשקע, פון אַ ביסל פּראָסע — צינדט זיך אָן אין זיי די אַזיאַטישע יוכע. אַ ליאַדע טאָג — דאַכט זיך — וועט דער דין־דינער פאַדעם וואָס פאַרבינדט די היגע אַזיאַטישע פעל־קער מיטן צענטראַל־לאַנד איבערגעריסן ווערן. מיטלאַזיע וועט צוריקגעשטויסן ווערן צו די צײַטן פון דזשינגיס כאַן: ווידער נאָמאַדן, ענלעך צו זייערע אורפאָטערס טאַמוטשין און זון, ווו די נישט־ווײַטע סאַמאַרקאַנד איז געוועזן די הויפּט־שטאָט פון זייער אימפּעריע.

יענע צײַטן. ווען מען איז איינגעפאַלן, אַז ס׳וועלן זיך יאָוועץ נײַע זאַקאָנען. צײַטן פון דיוואַנבעט און נאַרגילע: אַוועק ערגעצווו מיט די רײַכע באַוואַדזשאַס, עפענדיס — „קולאַקן": אַוועק מיטן רויך פון דער נאַרגילע און מיט אַ חלום:

זאַמדיקע סטעפּעס,
ליימענע וועגן.
קיין פּיצעלע וואָלקן,
קיין טראָפּעלע רעגן.
ווײַסינקע הײַזקעס,
ליימענע פּלויטן,
ליימענע דעכער און שטרויענע צויטן.
און ס׳ציִען אויף מײַלן ווייצענע פּעלדער
און פּליינען נישט מיטן אויג צו דערגרייכן.
אויף שטענגעלעך דינינקע וויגן זיך קנאָספּן צעפּלאַצטע,
קעפּעלעך גרינע און ווײַסע —
דאָס רײַסט זיך די „פּאַכטע” אויף פּעלדער צו זוניקע הייכן.

ווי דער צי און רויכל פון מעשענער נאַרגילע
פּויל גייט אויף די זון אין פּלאַמען
הינטער בערג. לאַנגזאַם, זי וועט נישט פאַרזאַמען.
ס׳איז דער טאָג דאָ לאַנג און גרויס:
דיוואַנבעט, ווײַבער־שוויס
און הייסע ברוסט.
ווײַבער צוויי, ווײַבער דרײַ,
וויפל ווײַבער ס׳האַרץ נאָר גלוסט.
אַלע אונטערטעניק און געטרײַ,
ווי מוכאַמעד האָט געהייסן.
אַ שיין־געדעקטער טיש.
טרויבן — זאַפט, אורוק, קישמיש.
און אַרום אים — קינדער, שכנים, געסט;
אַ ניגון אויף אײַן סטרונעלע, אַ פײַקל
איינטאָניק, ווי ס׳רויכעלע וואָס קײַקלט
פון נאַרגילע. מ׳טרינקט, מ׳עסט.
און פון פּיאַלעס פּאָרצעלײַ

טרינקט מען „בוזאַ״,
שטאַרקע, ברוינע טיי.

פון אַ חלום אַנגעטרונקען,
ווי אין הינערפּלעט פאַרזונקען —
גייט נאַרגילע אום פון מויל צו מויל.
פּאָר די אויגן רק זיך מאָלט
שעפּסן, רינדער, „כלאָפּאָק״ — ווײַסער גאָלד.

און מ׳רייסט זיי אין די שויסן,
אויף די הויכע „אַרבאַ״־קוישן
פּוכיקע שנייווײַסקייט בלענדט.
אין אַמבאַרן רק מ׳פּירט,
מע רייניקט, מע סאָרטירט.
ווײַסער גאָלד אין קנוילן טאָנען
אויף די קעמלען צו וואַגאָנען.

און ס׳ציִען זיך וואַגאָנען־קייטן
איבער רוסלאַנדס לענגען, ברייטן,
איבער רוסלאַנדס ווײַטסטע שטרעקעס,
אַז עס זאָל קיין ווינט נישט רײַסן
שטיקער פון דעם גאָלד דעם ווײַסן.

✶

אַפּריל נײַנצן פיר און פערציק. יונגע ווינטלעך — גוטע פראָנט־נײַעס. מ׳יאָגט דעם גערמאַניעץ.

קנאַפּע פיר יאָר זינט יוני נײַנצן אײַן און פערציק. סוף נײַנצן אײַן און פערציק — אָפּגעקלאַפּט די אַטאַקעס פון די דײַטשישע אַנגריף־כוחות בײַ די טויערן פון מאָסקווע און פון לענינגראַד.

צוויי יאָר נאָכן היסטאָרישן זיג פון דער רויטער אַרמיי ביַי סטאַלינגראַד, וואָס האָט אַ קער געטאָן ס׳מלחמה־ראָד אויף צוריק.

העכער הונדערט און דריַיסיק יאָר זינט דעם ריקצוג פון דער נאַפּאָלעאָנישער „גראַנד־אַרמיי" פון דער צאַרישער הויפּט־שטאָט.

דריַי יאָר נאָכן „פּלאַנמעסיקן" פאַרויסמאַרש פון די היטלער־חיילות איבער כּמעט גאַנץ אייראָפּע ביז צפון־אַפריקע ביַי על־אַלמיין פון איַין זיַיט, פון דער צווייטער — קרים, ריַיך אין קוילנ־גראָבן, שווער־אינדוסטריע אויפן דוניעץ, נאַפט־קוואַלן פון קאַווקאַז, פופציק מיַיל סך־הכּל פונעם סאָוויעטישן נאַפט־צענטער, וואָס ליפערט צוויי און אַ האַלבן מיליאָן טאָן אַ יאָר.

הונדערט מיַיל פון קאַספּישן ים און פון די ווייצפעלדער פון קובאַנער קאַנט.

דעמאָלט, מיט הונדערט און דריַיסיק יאָר צוריק — דערציילט די געשיכטע — האָט אַ הייפל גענעראַלן, נאָך די לעצטע פאַרשפּיל־טע שלאַכטן הינטער מאָסקווע, זיך געבונטעוועט קעגן קליינעם־גרויסן קאָרסיקאַנער. מיט געלאָדענע ביקסן זיך געגרייט אים „מקבל פּנים" זיַין. — געזען אים אָנקומען ריַיטנדיק אויף זיַין פערד, שטיַיף און שטאָלץ מיט אַ פאַררייסענעם קאָפּ, בעת זיַינע שטרענגע בליקן שפּיזן זיי אַדורך — האָבן די בונטאָווטשיקעס, אַלע ווי איינער, פיַיערלעך סאַלוטירט, שטיַיף און שטום, מיט יראה און כּבוד אַראָפּגעלאָזט די ביקסן, זיך אויסגעדרייט און געגאַנגען נאָך די פוסטריט פון נאַפּאָלעאָנס פערד. די זעלנער — צוריק אין די קאַזאַרמעס און זייער הערשער — מיט ענגלאַנדס חסד — אויף סאַנט העלענאַ.

דאָס מאָל — סטאַלינגראַד. שנייפעלדער מיט בלוט־באַפּלעקטע און „פלעקן" פון הרוגים אין אַשיק־גראָע מונדירן. אַן עסנדיקע קעלט אין די ביינער. שניישטורעם אין פּנים. די אויגן — פאַר־ליאָפּעט פון בלינדקייט. פיַיער פון הימל און פון אַלע זיַיטן מאַכט

ציטערן די פּראַסטיקע ערד אונטער די פיס און פון די חורבות־איבערבלײַב.

רוסישער ווינטער — אַ מעסער אין לײַב פון דער „אומבאַזיגבאַרער" נאַצי־אַרמײ: — געפרוירענע, פאַרלוירענע אין די טיפע שנייען, פרעסט ביז איבער דרײַסיק גראַד אונטער נול. צעשמעטערטע טראַפּייען. צעקלאַפּטע, פאַרוווּנדעטע, אויסגעהונגערטע, שיטערע און דערשיטערטע מיליטערישע אײנהײטן קעגן נײַ־אויסגעשולטע, מוטיקע סאָלדאַטן: רעזערוויסטן, רויטאַרמייער, אָקטאָבער־קעמפער, באַקעמפער פון ווײַס־גוואַרדעיצעס און יונגע קאָמאַנדירן — אין די לעצטע פאַרשפּילטע שלאַכטן קעגן סאָוויעטישן, מיליטערישן ריז.

מיט העכער אַ מיליאָן זעלנער, געשלאָגענע, דערשלאָגענע איז דאָס מאָל פעלדמאַרשאַל פאָן פּאַולוס געגאַנגען פאַרויס און נאָך אים — צוויי און צוואַנציק דעוויזיעס, אין ווײַטער געפאַנגענשאַפט אין טיפן הינטערלאַנד פון די סאָוויעטן.

פרילינג נײַנצן פיר און פערציק. חרובע דײַטשישע שטעט. ביטערער טעם און אַ בהלהדיק אַנטלויפן פון דײַטשישע פרויען, קינדער, אַלטע לײַט — פון באָמבאַרדירטע הײַזער.

אָנהייב פון סוף. די דײַטשישע אַרמײ — אַ געיאָגטע צום־טויט־פאַרוווּנדעטע חיה. כּסדרדיקע אָנגריפן פון סאָוויעטישע און אַלייִרטע כּוחות אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופטן. ערב־סוף פון אַ פינצטערער נאַכט, וואָס איז אַראָפּ אויף אייראָפּע ביז די גרענעצן פון אַזיע בײַ דער וואָלגע און — אַפריקע, מצרים כּמעט ביזן נילוס. בלוט, שווייס און טויטאַנגסט איז נאָך דערווײַל דער גורל פון מיליאָנען מענטשן אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע. אַ סך בלוט וועט נאָך אָפּפליסן ביזן „הרגענען דעם וואָלף אין זײַן אייגענער נאָרע".

אין ווײַטן קאַזאַכסטאַן יאָגן נײַע ווינטן. בשׂורה־ווינטלעך צעבלאָזן דעם זשאַר פון האָפענונג. ריחות פון פריידיקע, דערוואַרטע טעג, וואָס קלאַפּן אין די טויערן פון הערצער.

און איר, האַלינאַן, איז שלעכט. גוט שלעכט. פייגעלע הייבט זיך אויף אין דער פרי — קנאַפּע צוויי יאָר ווי כעניק איז נישטאָ — ווערט נישט מיד צו פרעגן:

— ווו דער טאַטע?

— ער׳ט נישט קומען.

— פאַרוואָס קומט ער נישט? ער האָט מיך נישט ליב?

## קאַפּיטל צען

אויף נחמהס כּסדרדיקן פרעגן צי האָט ער, שמואל, גערעדט מיט ציפּין, האָט ער געהאַט איין ענטפער:

— נאַרישקייטן.

— זיך געטראָפן אויף אויסערן שיכּון, אדון שמואל, בעתן אויספלוג מיט דער לערערין פון נאַטור־וויסנשאַפט — האָט זי געהערט.

— נו, איז וואָס? עלטערן קענען נישט זייערע קינדער. ווילסט קענען דיין קינד — פרעג ביי אַנדערע.

— פרעג איך דאָך איַך.

— זאָג איך; זי איז אַ קלוג מיידל. האָט געדולד. מיר זענען אויך געווען קינדער — צעציט ער דעם מיר מיט אַ נאָענטן אַרייַנקוק אין אירע טרויעריקע אויגן — ווייניק צרות אָנגעטאָן די עלטערן?

— רעכט, אדון שמואל, וואָס זשע זאָל איך טאָן?

— גאָרנישט.

— וואָס הייסט גאָרנישט? אַן אַראָבער. אַן אַראַבער איז אויך אַ מענטש, זאָגט זי.

— אַ מיידלטשינע. יוגנט. אַ שיינע זאַך די יוגנט. אַ שאָד נאָר, וואָס זי שטייט איַין ביי יונגע — האָט געזאָגט אַ חכם.

— אין דעם גייט עס דאָך. ער איז שוין גראָד נישט קיין יונגער. און אַ פּיסק אויף שרויפן.

— „פון זאָגן ווערט מען נישט טראָגן".

— אדון שמואל — האָט זי אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, וואָס זאָגן: זי איז נישט קיין בעלן צו הערן אַזעלכע ווערטער.

ער האָט פון פאַרלעגנהייט געשמייכלט, ווי איינער, וואָס האָט

אָפּגעטאָן נישט קיין שיינע זאַך. אַרויסגעשטאַמלט, אַז אייגנטלעך האָט ער איבערגעחזרט אַ ווערטל פון זײַן גאָטזעליקער מאַמען. סך־הכּל איז עס עלעהיי אַ געשווילעכץ אַ בלאָטער, ס׳ציט אָן און פּלאַצט.

— דערווײַל פּלאַצט דער מאַמעס האַרץ.

— ניטע, חלילה, נחמה. אײַער טעכטערל דאַרף אַ געזונטע מאַמע. איכ׳ל איבעררעדן מיט איר. האָט געדולד. ער איז אַ קלוגער, זאָגט איר? אַ מויל אויף שרויפן? אדרבא: אַז מ׳רעדט — פאַררעדט מען זיך. זאָל זי וויסן, ציפּי, מיט וועמען זי האָט צו טאָן. ווער איז ער, פון וואַנען שטאַמט ער. קיין קראַסאַוויעץ איז ער נישט... און די קליינע איז אַ מבין אויף אים.

ער האָט זיך נאָך אַלץ געפּילט געטראָפן, שמואל, פאַרקערע־ווער דעם איבערשמועס אויף אַ זײַטיקן „רעלס״ אַבי אַרויפ־פאָרן אויף אַן אַנדער טעמע:

— די קינדער ווילן נישט לערנען פון די עלטערנס נסיון. לעבנס־פּראַקטיק גייט נישט איבער בירושה. צײַט, אַ סך צײַט פאָדערט זיך און — אַ טײַערן פּרײַז... ווער נאָך ווי מיר ווייסן דאָס? — האָט ער מיט אַ קוועטש צום צווייטן מאָל אויפן מיר געזאָגט:

— זי האָט אים ליב צו הערן — זאָגט זי. קיין פינגער האָט ער אויף איר נישט אַרויפגעלייגט. און איר גלייבט איר, אדון שמואל?

— פאַר וואָס נישט. זי איז נישט קיין ליגנערין, ציפּי. און ער איז דאָך אַ סטודענט. פילאָסאָפיע, שמילאָסאָפיע. ווייסעכוואָס. פאַרלאָזט אײַך אויף ציפּין.

— פאַרוואָס רעדט זי נישט מיט דער מאַמען? — לאָזט זי נישט נאָך, נחמה — זאָל זי זאָגן דער מאַמען, וואָס זי האָט אײַך געזאָגט. ס׳איז דאָך מײַן קינד. אונטער אײַן דאַך. נאָענט אײַן בעט פון אַנדערן. אַזוי נאָענט און אַזוי ווײַט. גיי ווייס, אַז יאָרן זענען אויך שטח. „זי האָט אים ליב צו הערן?״ רייד האָבן אַ טבע,

אדון שמואל, זיך אײַנבײַסן אין מענטשלעכן געביין. בפרט, ווי איר זאָגט, אַ מיידלטשינע:

— נחמהלעב, באַרויִקט אײַך.

— ס'איז דאָך מיט דער קליינער, ווי מ'זאָגט דאָ, אין רגע בלי פגע: נישט צו שטיין מיט איר אויף איין באַלאַטע. פלייצע צו פלייצע שטייט מען.

— איר, נחמה, זענט דאָך שוין געווען אין איר עלטער, ס'הייסט, פופצן, זעכצן יאָר. זי — אין אייער עלטער — נאָך נישט.

— נו, דעריבער?

אַ קעלנערין איז זי. אַ קעכין איז זי. אַ קראַנקן־שוועסטער געווען. קאָן מעסטן דעם בלוטדרוק, אײַנגעבן אַ רעצעפּט, באַנ־דאַזשירן אַ ווונד. צו אַזאַ ווונד — אַ פרישע ווונד — האָט זי נישט קיין רעצעפּט.

האַלב צוועלף בײַנאַכט. שטיל אין זאַל, ווי תמיד נאָך אַ שמחה. זי איז מיד. שלאָפן ווילט זיך איר. ווען זי קאָן זיך אַזוי אַוועקלייגן אין שלאָף אַרײַן: אַוועקלייגן און — שוין.

— אַזאַ שלאָף — האָט איר איין מאָל געזאָגט שמואל — קומט פון גאָט. ער דערמאָנט איר אַצינד, בײַם איבערשמועס, דעם זאָג און גיט צו:

— פאַר אַזאַ שיין, יונג ווײַבל איז צו פרי אַזאַ שלאָף...

ער איז אויך מיד, שמואל, זעט זי. עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד לויפט מען אום בעתן גרייטן די טישן, די עסנס, געטראַנקען. נאָכדעם — ס'אַראָפּנעמען פון די טישן. אויסשאָקלען די טישטע־כער, גרייטן, אָפּשיקן אין דער וועשערײַ. די געפעסן וואַשן, גלע־זער. לעפל, גאָפּל, מעסער. נישט פאַר איר. אויך נישט פאַר שמואלס כּוחות. הײַנט, די פאַדלעגעס וואַשן? מער ווי צוויי און מער ווי פיר הענט דאַרף מען. מאָרגן. מאָרגן וועלן אַלע דרײַ, אויך רחל די קעכין, מיט פרישע כּוחות זיך אַ נעם טאָן.

זיצט זי קעגן שמואלן, דעם מיד האַלב־פאַרשלאָפענעם, זיצט און טראַכט:

שׂמחות. באַלויכטענער זאַל. ס׳פּריילעכע געראַויש. זי וואָלט עס שוין געוווּנג געהאַט, וואָלט זי עס. נישט איין מאָל קומט איר פּאַר ס׳שפּילן פון די מוזיקאַנטן — אַ קלאַנג. דער קלאַרנעט פּאַרטויבט ס׳געוויין פון פידעלע, די קולות פון צימבל, — ס׳פּלויד־דערן, די געשרייען פון די געסט. טענץ. ווער דאַרף עס? ווייסע העמדער, האַרטע שניפּסן, בינדעס. קאַפּעליושן, יאַרמלקעס. אַ, די חתונה־סטראַיען. נאָכדעם — די פּלוצעמדיקע שטילקייט, וואָס רוישט אין די אויערן. אַ קלעמעניש אויף דער נשמה. קיינער הערט נישט דעם ווײ פון איר שווײַגן.

אַהיים. וואָס פריִער אין שטוב אַרײַן. אַוועקוואַרפן זיך אויפן בעט. אַליין מיט זיך. אמת, די בדידות פאַריאָגט דעם שלאָף פון די אויגן. אָבער זי ברענגט צוריק עפּעס אַזוינס, וואָס עס לאָזט זיך נישט, ווילט זיך נישט פאַרגעסן: **די היים**. היימבענקשאַפט. צוויי ייִנגערע שוועסטערלעך, דרײַ ברידערלעך. ווער ווייסט וואָס דאָרט איז געשען. דער טאַטע האָט באַזאָרגט די שטוב אויף אַ גאַנץ יאָר מיט אויבסטן. עפּל, באַרנעס, פלוימען מיט אַ לעבע־דיקער מראה. וועגנלאָקן האָט מען זיי גערופן. אין די ווינטערס — שמאַלץ מיט גריוון. חנוכה־לאַטקעס. דער טאַטע מיט די צוויי פעטערס — גבריאל און משה־חיים — „מאַכן אַ קערטל״. די ברידערלעך שפּילן אין דריידל. די מאַמע דערלאַנגט לאַטקעס צום טיש. די געוווינטע גראַשנס וואַרפט מען אין דער פּושקע פון ר׳ מאיר בעל נס מיט אַ ברכה: — איבער אַ יאָר, **בשנה הבאה בירושלים**.

זומער — אַ הייפטל פּוטער אין גרינע בלעטער געוויקלט. אַ גאַנץ יאָר איז אַ הילצערן פאַס געשטאַנען אין קעלער. אַ פאַס קרויט פאַרדעקט מיט אַ הילצערנער דעק, אויבן — אַ שטיין. קאַלט געווען ס׳קרויט, אויך אום זומער.

— אדון שמואל, הייבט אײַך אויף און גייט לייגט זיך — האָט נחמה מיט געמאַכטער פריילעכקייט אַ זאָג געטאָן — איך

זע איר זענט מיד. אויך זי האָט זיך אויפגעהויבן, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

אין דרויסן אויפן שטעגל, וואָס פירט צום זאַל, האָט זיך געדרייט אַ מענטש. ער האָט געקוקט אויף דער שילד. אַ הויכער מאַן, אייראָפּעיש געקליידט. אין דער שײַן פון דרויסנדיקן לאָמפּ האָט זי געזען זײַן פּנים, נישט קיין צײַט געהאַט זיך געגוי אײַנ־קוקן. זי האָט זיך געיאָגט אַהיים. ער האָט אויסגעזען אויף אַ יאָר אַכט און דרײַסיק, פערציק. זײַן שמייכלען צו איר און העפלעכן פרעגן זיך אויפן באַלעבאָס — מר שמואל שניצער — איז איר גראָד געפעלן.

זי האָט אים געוויזן די אַרײַנגאַנג־טיר.

## קאַפּיטל עלף

אין דער אויפגעעפנטער טיר שטייט אַ מענטש. שמואל קוקט אויף דעם שטאַלטנעם מאַן. מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ שטייט ער קעגן אים. און זײַנע קליינע אייגעלעך לויפן איבער יענעם פון אויבן אַראָפּ, פון אונטן אַרויף. עפּעס מורמלען זײַנע ליפּן. הויך אויפן קול אַרויסברענגען אַ וואָרט קאָן ער נישט. ער פילט, ווי אַ סקרוך וואַלט איבער אים אַריבער. אַ שטומער, אַן אומבאַוועגלע־כער שטייט ער קעגן אַרײַנגעקומענעם. זעט ער גוט? איז עס דאָס פּנים? ער נעמט אַראָפּ די ברילן, טוט זיי ווידער אָן. צי ס'מישעניש אין קאָפּ, צי אַ טרערן־הײַטל פאַרבלענדט אים די אויגן? אַ היץ און אַ שווידער נעמט אים אַדורך. די רגעס ציִען זיך ווי שעהען.

— יאָ, דאָס איז ער — זאָגט ער צו זיך — **סרוליק!** אוי, סרוליק! דו לעבסט?

ער הערט זײַן אייגן קול. נאָר אַ וואָרט אַרויסברענגען קאָן ער נישט. אין האַלדז — אַ טרוקעניש, די צונג — געליימט. שאָטנס שאַרן זיך אים אַרום די אויגן, קריכן אַרײַן אינעווייניק. ער וויל זיי אָפּיאָגן מיט דער האַנט. די האַנט פאַלט אין אָנמאַכט. ער פאַלט. אָ, ניין. פעסטע אָרעמס האַלטן אים, דריקן זײַן מבולבלן קאָפּ צו אַ ברוסט, צו אַ האַרץ, וואָס הייבט זיך האַסטיק. וועמענס האַרץ, וועמעס הענט האַלטן אים?

— סרוליק, זון מיינער! — פאַרהייבט ער דעם קאָפּ צום הויכן מאַן, וואָס דריקט אים צו זיך.

אַ קאַפּעליוש, ברילן וואַלגערן זיך בײַ די פיס. סרוליק בייגט זיך אַראָפּ, הייבט אויף דעם קאַפּעליוש, דעם טאַטנס ברילן. באַפרײַט פון דער אַרומקלעמונג קוקט איינער אויפן צווייטן.

שטייען אַזוי אַ ווײַלע פּנים אל פּנים און כאַפּן זיך ווידער אַרום. לאַנג, לאַנג, האַלטן זיי זיך פֿאַרשלאָסן אין די אָרעמס. קלעפּלען זיך אין די פּלייצעס. סרוליק פּילט דעם ציטער פֿון טאַטנס אַקסלען. ס׳פּנים, ס׳אײַנגעגניורעטע אין אים, הייבט זיך אַרויס, אַרויף. עס קוקט אויף אים און — הייסע קושן באַדעקןביידע פּנימער. דער טאַטע וויינט. ווי אַ קליין קינד וויינט ער. פֿאַרקוועטשט די אויגן און לאָזט רינען די טרערן: גרויסע רעגנטראָפּנס. אַ פֿרילינגס־רעגן אויף שמואלס פּנים.

ביידע האָבן זיך אָנגעזעגנט. האַלבע נאַכט. פֿאַר ביידע איז אַ נײַער טאָג אויפֿגעגאַנגען.

טאַטע און זון בײַם טיש מיט געטראַנקען, מיט פֿאַרבײַסעכץ.

— סרוליק־לעב, האָסט נאָך גאָרנישט פֿאַרזוכט.

— נישט הונגעריק, טאַטע.

— אַ טרונק?

— מיר׳ן מאַכן אַ לחיים.

ערשט ער גיט אויף זיך אַ קוק, שמואל. נישט באַוויזן אָראָפּ־ציִען פֿון זיך ס׳פֿאַרטעך, וואָס ער נעמט אויף זיך נאָכן אָפּקגיין פֿון די געסט, העלפֿט האַלינאַ און רחלען אָרדענונג מאַכן.

— געדענקסט סרוליק יענעם פּריַיטיק?

— צי איך געדענק? —

אָ, יענער פֿינצטערער פֿרײַטיק. אַלע „אַקציעס" האָבן די מערדער צוגעטראַכט אויף ערב־שבת, יום־טובים. פֿרײַטיק אין דער פֿרי. אַרײַנגעשטופּט אַ קענקאַרטע אין האַנט פֿונעם הויכן, שטושפּלע ייִנגל, זיבעצן, אין אַכצנטן יאָר, זיגמונט וואָלאָוועלסקי הייסטו, געדענק! — האָט ער זיך רעכט נישט געזעגנט מיט אים — גיי, לויף, ראַטעווע זיך!

אַלע גאַסן פֿון ייִדישן פֿערטל זענען אָפּגעשלאָסן. דײַטשישע, פּוילישע, אוקראַאינישע מחבלים. מונדירטע און נישט־מונדירטע. יונגען מיט פֿאַלקעס, שטעקנס אין די הענט. פֿון די טויערן, ראָגן־גאַסן שלעפּט מען מענער, פֿרויען, ייִנגלעך, מיידלעך, אַלטע לײַט.

קינדער, פעקלעך אויף די הענט. מ׳שלעפט. מ׳לויפט. מ׳שלאָגט. מ׳פּאַלט און מ׳הייבט זיך אויף. געשרייען, געוויינען, געוואַלדן.

אויפן מאַרקפּלאַץ. פּעשע, די מאַמע, שׂרהלע און יענקעלע צווישן אַלע. ער, שמואל, זעט זײַן ווײַב, זײַנע קינדער. ס׳האַרץ וויינט אין אים. נאָענט פון זיי איז ער און קאָן נישט צוגיין. ער קאָן נישט אײַנשטיין. ערשט אַצינד, פּנים אל פּנים מיט זײַן זון, דעם שטאָלטנעם מאַן, דערמאָנט ער זיך ווי אַזוי אים איז געלונגען אַרײַנשטופּן אין האַנט אַרײַן עטלעכע זהובים אַ פּוילישן פּאָליציאַנט, וואָס האָט אים געהיטן און — נעלם געוואָרן. ניין. נישט אַצינד איז די צײַט איבערדערציילן די נסים, נסים ונפלאות, וואָס האָבן אים געראַטעוועט פון די רוצחישע הענט.

אַ וואַכנאַכט. און אפשר האָט שוין געטאָגט. אַ דאָנערשטיק אויף פרײַטיק. אַ שׂמחה. אַ פריילעכער פרײַטיק אויף צו להכעיס יענעם פינצטערן פרײַטיק. מע וועט יום־טובן דעם נס.

— אַ טאָפּלטער נס, טאַטע.

— און דו, זון מײַנער, וועסט פון הײַנט אָן הייסן ישׂראל. אַ נײַ־געבוירענער ביסטו בײַ מיר: אויף דײַן אָפּגעפינען מיך, דײַן קומען דאָ אַ הער איז דאָך אַ נס.

— נו, און ישׂראל איז נישט קיין נס?

אַ טיפע פינצטערניש האָט זיך אין דרויסן געשפּרייט. דאָס זענען די לעצטע רגעס פון דער אויסגייענדיקער נאַכט, איידער ס׳נעמט שאַריען אויף טאָג. „ס׳ווערט נישט פריִער ליכטיק ביז עס ווערט נישט גוט פינצטער״.

גוט פינצטער איז שוין געווען, האָט שמואל געמורמלט צו זיך. זיי זענען אַרויף אַ שטאָק העכער אין דער וווינונג איבערן זאַל. דער טאַטע ווײַזט דעם זון די שטובן, ס׳מעבל, מ׳דיוואַן אויף דער פּאָדלאָגע אין סאַלאָן. וואַנט־שאַנק, זשיראַנדאָלן, בופעט. סערוויזן אויפן בופעט און גיט באַלד צו:

— נאַרישקייטן. שמאַטעס.

— אַליין, טאַטע, ביזט נאָך אַלץ אַליין?

— אַצינד זענען מיר צוויי. גלײַך געטראָפֿן אַהער?

— נישט לאַנג געזוכט. געזען אין דרויסן אַ פֿרוי האָט זי מיר אַרײַנגעוויזן.

— אַ, נחמה, די קעלנערין. אַ סימפּאַטישע פֿרוי.

— נישט אוספּעיעט זען.

אַ יונגע אלמנה. מאָרגן קלינג איך צו איר, פֿאַרבעטן זי און ס׳מיידעלע אירס אויף שבת. אַ ייִדישן שבת מיט פֿיש און פֿלייש, מיט וויַין אויף קידוש. נחמה וועט בענטשן ליכט. אפֿשר אויך ס׳מיידעלע, ציפּי.

דעם ערשטן טאָג פֿון באַפֿרײַונג, יולי נײַנצן פֿיר און פֿער־ציק, זענען אַריין די רוסן אין שטאָט. ער האָט זיך אויפֿגעהאַלטן בײַ אַ גויע, אַ וועלכע אַבצן קילאָמעטער פֿון דער היים. אין דער פֿרי. אַלע לויפֿן צום טײַכל. געדענקסט ס׳טייכל?

צי ער געדענקט. אַ ייִנגל אין סרוליקס עלטער, אפֿשר נאָך ייִנגער, פֿלעגט ער שבת אין דער פֿרי, פֿאַרן גיין אין שיל אַריין, מיטן טאַטן מאַכן אַ שפּאַציר צום טײַכל, אַראָפּוואַרפֿן ס׳אַנטאָן, אַ טובל טאָן זיך. צו שחרית זענען זיי שוין צוריק געווען.

פֿרײַטיק איז עס געווען. צו מאָרגנס האָט אים אַ רוסישער זעלנער אויף אַ מיליטערישן לאַסטאויטאָ מיטגענומען אין שטאָט אַרײַן. די שטוב — אַ הויפֿן שטיינער, גרוזן. אַ שכנטע האָט דער־ציילט: די עס עס האָבן געזוכט גאָלד. ייִדן באַהאַלטן גאָלד אין די ווענט. האָט מען אויפֿגעריסן די שטוב ביזן גרונט. די זעלבע שכנטע, אַ פּאָליציאַנטס אַ ווײַב, האָט געזאָגט:

— דיין טאַטן האָב איך געזען אויף אַ וואָגן מיט נאָך „אַנדערע". מ׳האָט זיי געפֿירט אין הרוביעשויווער וואַלד אַרײַן...

— טפֿו, טפֿו, אַ וויסטער חלום אויף איר קאָפּ.

ווי גייט מען נאָך אַזאַ חורבן פֿון אַ שטוב און אַזעלכע רייד? ער איז צוריק אַוועק צו דער גויע, זײַן באַלעבאָסטע. אַוועק צופֿוס. אויפֿן וועג, בײַ אַ גאַס־אויסבייג, ווער וועמען זעט ער? וואַצעקן

דעם מילנערס זון, זעט ער. ער קאָן אים נאָך פון שקאָלע. יענער גלאָצט אויס אַ פּאָר אויגן אויף אים, ווי אויף איינעם וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית המתים:

— דו לעבסט נאָך?

קיין ענטפער האָט ער נישט געהאַט פאַר אים. ווען ער האָט אַ מעסער — שעכט ער אים אויפן אָרט, ווי מ׳שעכט אַ חזיר. ווען ער האָט אַ האַמער — פּלעט ער אים דעם קאָפּ, אַ רעוואָל־ווער — שיסט ער אים ווי מ׳שיסט אַ משוגענעם הונט. אַ רוסישער זעלנער איז פאַרבײַגעגאַנגען. צוגיין ברײַען אַ מעשׂה. ווער איז ער, דער רוסישער זעלנער? אפשר אַ פּאָליאַק אין אַ רוסישן מונדיר? נישטאָ קיין צײַט. נישטאָ קיין צײַט אַפילו מורא צו האָבן. זאָל ער קומען אויף אַנדערע הענט.

— גוט האָסטו געטאָן, זון מײַנער.

— איך האָב דאָך גאָרנישט געטאָן.

— גאָט צו דאַנקען וואָס דו האָסט גאָרנישט געהאַט בײַ זיך. טאָמער יאָ — וואָלסטו דאָך געווען אַ מערדער. ניין. זון מײַנער. אַ ייִד קאָן נישט זײַן קיין מערדער. אַ נס ביסטו, זון מײַנער.

— טויזנט און איין נס זענען מיר, טאַטע.

# קאַפּיטל צוועלף

פּרײַטיק אין דער פרי. דער טעלעפאָן קלינגט. אַזוי פרי? — וווּנדערט זיך נחמה:

— אַ, אדון שמואל, שלום!

— אַ שׂמחה בײַ מיר.

— הײַנט, פרײַטיק?

— אַ גרויסע שׂמחה.

אַ מינוט שטיל. ס׳איז יאָ און נישט שמואלס קול. דאָס מאָל הערט זיך עס אַנדערש. פרײלעך־אויפגערעגט, איבערראַשנדיק. פרײַטיק צו נאַכטס — אַ שׂמחה? אפשר עפּעס פאַרגעסן צוגרייטן אויף אַ שבתצונאַכטיקער חתונה? וואָלט ער דאָך באַלד געזאָגט. ער רעדט דאָך וועגן „אַ גרויסע שׂמחה". שבת, אַ זייגער צוועלף וויל ער זי זאָל זײַן. זי האָט אים צוגעזאָגט קומען. נאָך אַ טעלעפאָן:

— ניין, נישט פרײַטיק. אויף שבת זענט איר פאַרבעטן צו קומען, נעמט מיט ציפּען.

— האַלאָ, אדון שמואל, איך דערקען נישט אײַער קול, וואָס עפּעס „אויף שבת פאַרבעטן", וואָסער שׂמחה?

— אַ גרויסע און אויך אַ כּוסה: מ׳עט זיך משׂמח זײַן.

און נחמהס געמיט איז גראָד נישט דערבײַ. די נאַכט איז זי שלעכט געשלאָפן. אַרום אַזייגער צען און ציפּי איז נאָך נישטאָ. זי האָט געקלונגען צו אײַן חברטע, צו אַ צווייטער — ווייסן נישט, נישט געזען זי. און אָט אַ סקריפּ פון גאָרטן־טירל, אַ סטוק אין דער טיר — ציפּי.

— מיידעלע, אַזוי שפּעט?

ציפּי מורמלט עפּעס ווי צו זיך אַליין. נישט געוואָלט איבער־פרעגן. סײַ ווי וועט זי פון איר קיין קלאָרן ענטפער נישט באַקומען.

לאַנגע שעהען אויף געווען. נאָכדעם — שלעבט געשלאָפן. ווידער אַ חלום, אַ מאָדנע חלום. אַכמעד. ער קוקט אַרויף צום פענצטער. זי פרעגט אים: „אַ קאַלטן טרונק"? „תודה, גברת", און שמייכלט. אויפן גאַנצן פּנים שמייכלט ער, דין און שאַרף — אַ מעסער. זי וויל מיט אים רעדן. עפּעס פרעגן וויל זי, זאָגן. פאַרגעסן. ער נעמט נישט אַראָפּ דעם קאָפּ פון פענצטער. דער־מאָנט זיך: ווײַנט ער נאָך דאָרט ביי דער מומע אין תל־זית — פרעגט זי אים:

— ווילסטו נישט קיין קאַלטן טרונק?

— תודה, גברת.

ער פאַרלייגט אויפן אַקסל די גראַבליע, דעם רידל און גייט אַרויס פון גערטנדל. ציפּי קומט אים אַנטקעגן:

— שלום, ציפּי.

— שלום, אַכמעד.

ביידע שמייכלען. עטלעכע ווערטער, שטילע, ווי אַ סוד וואָלט איינער אײַנגערוימט דעם צווייטן. אפשר באַשטימט אַ טרעפונג? אָט גייט ער און זי — נאָך אים. זי לויפט אַראָפּ פון בעט, כאַפּט אויף זיך דעם שלאָפראָק און — אַרויס פון שטוב. נאַכט. פינצטער. שטיל אַרום. קיין שאָרך הערט מען נישט. נעלם געוואָרן ביידע? טונקל אין שטוב און אַ מאָדנע ענגשאַפט. אַ גרויס, שווער שטיק אײַזן האָט זיך אײַנגעמאָסטעט פון דער פאָדלעגע ביזן סופיט. אַרויסשלעפן, אַרויסוואַרפן ס'שטיק אײַזן און ס'וועט ליכטיקער, לופטיקער ווערן.

— ציפּי, ציפּי! — הערט זי איר אייגן פאַרשטיקט געשריי.

ערשט, אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, געעפנט די אויגן האָט זי געזען אַז ס'איז נישט קיין שטיק אײַזן. עס איז ער, אַכמעד, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער לענג, און דער ברייט און פאַר־פינצטערט איר שטוב.

— אמא, וואָס איז געשען?

— ווו איז ער, ציפּי?

— ווער?

— אַכמעד.

— וואָסער אַכמעד. שטויות. נאַרישקייטן רעדסטו.

אַ האַלב־פאַרשלאָפענע איז זי ליגן געבליבן. געווישט, געריבן די אויגן, געזוכט אין אַלע ווינקלען פון שטוב...

— שלאָף, אמא. האָסט מיך איבערגעוועקט. שפּעט.

אַ מבולבלע איז זי אין דער פרי אויפגעשטאַנען. און נאָ דיר אַ טעלעפאָן. און נאָך אַמאָל: „אַ גרויסע שׂמחה״: „איר זענט פאַרבעטן צו קומען, נעמט מיט ציפּין״. נײַע ווערטער. אַ נײַ קול. דאַכט זיך ער האָט אַ גאַסט — האָט ער געזאָגט. אַכיבע, סײַדן נעבכטן צום אַהיימגיין האָט זיך אַ מאַן געדרייט אין דרויסן, געקוקט אויף דער שילד, זיך געפרעגט אויף מר שמואל שניצער. נו, איז וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט איר? זײַנס אַ גאַסט, אַ וויכטי־קער גאַסט. אַ גדולה האָט איר געטראָפן.

שבת פאַרטאָג. שמואל אויף דער קאַנאַפּע, אין בעט, שמואלס בעט, — ישׂראל. ערשט מיט אַ שעה־צוויי צוריק זיך צוגעלייגט. ביידע זענען נישט געשלאָפן. ווי קאָן מען שלאָפן אין אַזאַ נאַכט?

— איז וואָס מאַכסטו, טאַטע?

— קיין לעבן האָב איך נישט געמאַכט. אַביסל געלט — יאָ.

— געלט איז כּוח — האָסטו אַמאָל געזאָגט, אַ יאָ?

— האָסט אַ גוטן זיכּרון, מײַן זון. אמת. אָבער אַביסעלע צו שפּעט. מיט ניס, מיט האַרטע ניס ביסטו מיך מכבד — זאָגט זיך אַ ווערטל — און קיין ציין האָב איך נישט...

— אויך מיך פרייט נישט קיין געלט, טאַטע.

— זינדיק נישט, מײַן זון. ביסט יונג. ביסט שיין. אַז ווויל איז מיר דיך זען אַ לעבעדיקן.

— און איך האָב אָפּגעפונען אַ טאַטן. זעעסט אויס גוט, טאַטע. אַ סך יינגער ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט.

— האָסטו זיך פאַרגעשטעלט מיך זען אַ לעבעדיקן?

— איך האָב אַנדערש נישט געוואָלט טראַכטן. איך האָב דיך תּמיד געזען אַ לעבעדיקן.

— אויך ווען די גויע האָט דיר געזאָגט, אַז מ׳האָט מיך מיט אַנדערע ייִדן געפירט אין הרוביעשאָווער וואַלד אַריין?

— מאַלע וואָס אַ גויע זאָגט: מאַלע וואָס גויִים זאָגן. זיי האָבן טאַקע געהאָלפן באַגראָבן ייִדן, אָבער מיר האָבן זיי אין דר׳ערד.

— ווי אַזוי, ווען ס׳טו זיך דערוווּסט, אַז איך לעב, בין דאָ אין ישׂראל?

— אַ לאַנגע מעשׂה, טאַטע. אַ נס. ווי דער נס פון אונדזער אַרויס פון גיהנום. נישט אויף אַ צינד. אַ צווייט מאָל.

— יאָ, מײַן זון. מען לעבט מיט נסים. זאָל איך כאָטש זוכה זײַן שטאַרבן מיט ווידוי.

— דאָרטן, בײַ די מערדער, איז דאָס אויך געווען אַ ווינטשע־וואַניע. לאָמיר בעסער רעדן פון פריילעכע זאַכן, טאַטע.

— אַוודאי מעג מען זיך פרייען, זון, יורש מײַנער, קדיש מײַנער.

— איך דאַרף נישט דײַן ירושה. ביז הונדערט און צוואַנציק איז נאָך ווײַט, זעסט אויס שיין טאַטע.

— דאָס פּנים נאַרט. ס׳פּנים, ווי זאָגן מען — אַ ציפּערבלאַט. אינעווייניק, ס׳געווערק — נישט אַזוי אײַ, אײַ. האָסט געזען דעם גרויסן זייגער אויפן שפּיץ־קלויסטער, אויף דער „גורקי״?

— אָ, דער קלויסטער איז גאַנץ. דער זייגער גייט. די שיל, די „פּראָסטע שיל״, ווו דו האָסט געדאַוונט — נישט געבליבן קיין סימן. איך האָב דיר אונטערגעטראָגן ס׳טלית־זעקל. צו די יום־טובים האָב איך געטראָגן אַ שטול אויפן קאָפּ. נישט געווען ווו צו זיצן. ענג אין שילעכל. קיין סימן נישט געבליבן.

— זאָל פון זיי, די גויים, קיין סימן נישט בלײַבן. אָפּגעמעקט זאָלן זיי ווערן. אַקעגן דעם וואָס איך זאָג „זייגער״. דער זייגער גייט. די ווײַזערס רוקן זיך פּאַמעלעך, געגנוי צו דער סעקונדע.

מיט אַמאָל — פאַלט דער ווײַזער אויף פינעף מינוט. ער פאַלט מיט אַמאָל, אָבער אינעווייניק, ס׳געווערק, די מאַשינעריע, פאַר־שטייסטו מיך... אַזוי דער מענטש: ער גייט. זײַנע אויגן — די ווײַזערס — אָפן. ווי זאָגסטו, זון מײַנער, „זעסט אויס שיין״. אָבער די מאַשינעריע... אַ פאַל מיט איין מאָל — — — פינעף מינוט. פינעף מינוט איז פינעף יאָר. וויפל פינפער יאָרן האָט אַ מענטש אין מײַן עלטער? קאָן מען צוריקדרייען דעם זייגער פון לעבן?

— טאַטע, לאָז אָפּ מיטן זייגער. לאָמיר זיך בעסער פרייען.

— אַוודאי פריי איך זיך. כּל זמן, ווי מ׳זאָגט, שהנשמה בקרבי — אדם אַ מענטש, רעדעלע דריי זיך.

## קאַפּיטל דרייַצן

אַ שבתדיק-געשפּרייטער טיש. נחמה האָט פון זאַל אַרויפגעבּרענגט, ווי זאָגט שמואל, „אַ האַלבע חתונה". אַ האַלבע חתונה אויף אַ גאַנצער שׂמחה. פיש, פלייש, אַ יויך: אַ שבתדיקע יויך מיט לאָקשן. אַ טשאָלנט, אַזוי ווי אין דער היים. פאַר דעם — אַ לחיים: וויסקי, קאָניאַק, וואָדקאָ. אַ שטיקעלע הערינג. נאָך דעם — אַ קאַפע, אַ גוט שטיקעלע פלאָדן, קוכן.

יאָ, ציפּי איז אויך געווען. נאָכן עסן איז זי אַוועק פון טיש. זיך געזעצט אויפן פאָטעל לעם דער קאַנאַפּע מיט אַ זשורנאַל אין האַנט.

— מעג מען דיר שוין, זון מייַנער, זאָגן אשרי יושבי ביתך?

— יאָ, טאַטע. גענוג די פרעמד, די גוייִשע פרעמד.

— דרייַ זאַכן מאַכן ניחא ס׳לעבן פון אַ מאַן. געדענקסט נאָך דעם פּסוק?

— אַ שיינע דירה, ריינע כּלים, אַ שיין ווייַב.

— נו, נישט אומזיסט דער שׂכר-לימוד אין חדר מתוקן...

— בראַוואָ! — האָט נחמה אַן אויפגעהייַטערטע אויסגערופן.

נחמה האָט היינט מיטגעהאַלטן מיט אַ כּוסעלע. אַ גוט געמיט אויף איר. אַזוי אומגעריכט, אומדערוואַרט דער הייַנטיקער שבת. זי קוקט אויף ציפּעלען מיטן זשורנאַל אין האַנט; אויפן באַלעבאָס, וואָס זעט בייַ דעם טיש אויס אַנדערש ווי זינט זי קען אים, לאָזט נישט אַראָפּ די אויגן פון גאַסט.

— וואָס איז דער בראַוואָ? — פרעגט דער גאַסט.

— וואָס איר זענט נישט פאַרגרעבט געוואָרן.

— פאַרגויט, מיינט איר אַוודאי.

— אַ דאַנק, איר האָט עס שענער געזאָגט.

— צוויי פון די דרײַ זאַכן, מײַן זון, האָסטו שוין: אַ שיינע דירה און ריינע כּלים.

— און די דריטע?

נחמה און ישׂראל האָבן זיך איבערגעקוקט. פּאַראַן רגעס ווען בליקן פאַלן אויף אַ פּנים און די שפּירסט תּיכּף אַן אינערלעכע אויפרעגונג. אַ גוטע אויפרעגונג. ווערסט באַוועלטיקט פון אַ געהיימען כּוח און האָסט נישט קיין צײַט אַ טראַכט טאָן ווי אַזוי, ווען עס איז געשען. דער כּוח מאַכט דיך אי דערהויבן, אי נכנע.

פון דער ערשטער מינוט וואָס נחמה האָט געזען ס׳פּנים פון גאַסט, די צוויי לענגלעכע קאַרבן אַרום די פולבלעכע ליפּן, מענע־רישן מויל, די שאַטין־גרויע שלייפן, וואָס האָבן צוגעגעבן חשיבות און ערנסטן אויסדרוק זײַן פּנים, די ענערגישע הענט, וואָס גיסן אין די כּוסות (דער ערשטער צום פאַרהייבן און זיי אויסליידיקן) — האָט אין איר דערוועקט אָט די גוטע אויפרעגונג. זי האָט אויף ישׂראלס קוים־קוימיקן שמייכעלע און זײַטיקן היימישלעכן קוקעלע געענטפערט מיט אַ תּאווהדיק חנדל, וואָס האָט איר בגילופנדיקע מראה נאָך שענער געמאַכט.

נחמהן האָט זיך אין די רגעס, ברוכטיילן פון רגעס, אויסגע־וויזן, אַז זי קאָן דעם מאַן, ערגעץ האָט זי דאָס פּנים געזען, אַפילו דאָס קול געהערט.

אויך ער האָט זיך אויף אַ רגע פאַרטראַכט. ס׳איז ווי זײַן גאָטזעליקע מאַמע האָט געזאָגט — האָט ער צו זיך גערעדט — בשעת עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ „זיווג" אַ שידוך: „דער ערשטער בליק איז פון דער נשמה אַ קיק".

שמואל האָט געוואָרפן בליקן אויף ביידע. מער ווי פון זייער איבערקוקן זיך, פון די איינציקע ווערטער, וואָס זיי לאָזן פאַלן — זעט ער, הערט ער, פון זייער שווײַגן... ער פילט עס אין ריטעם פון פלוצעמדיקן אויפגערודערטן בלוט אַרויף, אַרויף צו די שלייפן. ער בייגט אָפּ דעם קאָפּ אַן אַ זײַט כּדי נישט צו הערן זייער שטומ־לשון. דורך פאַרמרוזשעטע אייגעלער, וואָס קוקן דאַכט זיך ערגעץ

ווײַט — זעט ער זײַערע פֿאַרליבטע בליקן. אוודאי טוט אים הנאה. וואָדען? אפשר נישט קיין שיין ווײַבל? דערצו אַזאַ גערעכטענע: אַן אָרנטלעכע יידישע טאָכטער. פּאַרוואָס זשע איז אים פּלוצעם אַן אומעט באַפאַלן? אַן אומעט — אַ גזלן. פֿאַרן האַלדז אים געכאַפּט. אַ גזלן אָן אַ פּנים, אָן אַ קאָפּ און אָן אַ געשטאַלט. אָבער זײַנע הענט דריקן אים. עס שטיקט. ער קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן. ער ווייסט, אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן און ער קאָן נישט. אַן אומעט און אַ פֿרייד ביז טרערן שטיקט אין האַלדז. אַ פֿאָטער־לעכע פֿרייד. זײַן געשענקטער זון. ווי שיין זײַן פּנים לאַכט אויף אים, לײַכט אויף אים. פֿון האַלינאַן, זײַן קעלנערין, לאָזט ער קיין אויג נישט אַראָפּ, שמואל. צוויי פּאָר פֿריילעכע, גליקלעכע אויגן — זעט ער. עס ווערט אים קלאָר, וואָס דאָ בײַ זײַן טיש, דעם פֿײַערלעכן שבתדיקן טיש, קומט פֿאָר. פּאַרוואָס פֿאַרציט די קלאָר־קייט איבער אים אַ נעפּל? — אַ פֿאַרטונקלונג, ווי ס'וואָלט נאַכט געוואָרן פּלוצעם? ער גיט אַ קוק אין פֿענצטער פֿון אַנטקעגן. ניין. ס'איז נאָך נישט נאַכט. נישט אַנדערש, די טונקלעניש איז אין אים, אין זײַן מוח, אין מבולבלן מוח. אַ חרפּה פֿאַר זיך אַליין. קנאה צו אַן אייגענעם זון, זײַן אָפּגעפּונענעם, געראַטעוועטן זון? ער וויל דערוואַרגן דעם געדאַנק. אויך געדאַנקען קאָנען באַגיין זעלבסט־מאָרד. ער שרעקט זיך, פֿאַר זיך אַליין שרעקט ער זיך. ווי שווער, מוראַדיק שווער איז צו זײַן אַ מענטש. ישראל. זײַן פּנים איז אַצינד באַלויכטן פֿון אַן אינערלעכער זון. אַ ליכטיקער אומרו האָט אים באַוועלטיקט. אַ מאָדנע שרעק. ער וויל זיך פֿון דער שרעק באַפֿרײַען. ער געדענקט נישט ער זאָל האָבן ווען ס אַזאַ מאָדנע שרעק איבערגעלעבט.

שמואל פֿאַרמרוזשעט די אויגן. אַ פֿרייד און אַן אומעט, אַ משונהדיק שדיש־פּאָרל טאַנצט אים פֿאַר די אויגן. פֿון טיפֿער פֿאַרבאָרגעניש קומט עס אַרויס, דאָס „פּאָרל", פֿאַרשטעקט זיך ערגעץ אין אַ ווינקל פֿון זײַן נשמה־פּאַרהאַנג.

וואָלט דער ענין געטראָפֿן מיט אַ פֿרעמדן יונגערמאַן. דער

שיינער קעלנער, וואָס קומט אַהער אין סעזאָן־צײַט פון אַ סך שׂמחות און כאַפּט אַמאָל אַ פלירט מיט נחמהן, דער בוכהאַלטער, אַ פּיפּיקער פאַרשוין, וואָס העלפט אים — פאַר געלט פאַרשטייט זיך — אין „אָרדענונג" ברענגען די ביכער צום יאָר־בילאַנס, אָדער סתּם איינער פון די געסט, אַ פאַצעט, וואָס פּרוּווט זיך חנדלען, פריַנטלען זיך צו נחמהן — אַ, דעמאָלט וואָלט ער געקאָנט האָבן טענות צו זיך, אַז די גאַנצע זאַך פאַלט אים אויס באַקאַם. איז עס דאָך אָבער זײַן זון, ביין פון זײַן ביין, אַ געוווּנענער אויף דער לאָטעריע.

טוט אים טאַקע הנאה, שמואלן, אויף נחמהס גוטן געמיט. זײַן קלעגעריז, די תּמיד־פאַרדאַגהטע, טרויעריקע, באַזאָרגטע נחמה. ס׳פּנים שיינט אויף איר. איר שבתדיק אָנטאָן מאַכט איר אַ סך יינגער, פרוייִשער. זי טראָגט אויף זיך אַ ליליע קליידל מיט קורצע אַרבעלער. אַ קייטעלע מיט אַ מעדאַליאָניקל אויפן האַלדז, וואָס ער זעט אויף איר צום ערשטן מאָל. אַ שפּאָגל־נײַע פריזור. שוואַרצער, גלאַנציקער ווי תּמיד, די האָר. און אַ ריח טראָגט זיך פון זיי, וואָס פאַרשמעקט די שטוב. הײַנט איר רעדן, אירע תּנועות בעתן דערלאַנגען צום טיש, אַרױפנעמען פון טיש — נישט די זעלבע נחמה די קעלנעריז. און דער גלאַנץ פון אירע אויגן! — צו ישׂראלן זענען זיי געווענדט — אַ גלאַנץ, ווי אַ בליץ טיף אין וואַלד וואָס שפּאַלט אַ דעמב...

לאַנג האָט געדויערט ביז שמואל האָט געפּועלט בײַ זיך צו עפענען ס׳מויל, צו געפינען אַ גוט וואָרט פאַרביידע, פאַר אַלע. אויך פאַר ציפּין וואָס איז פאַרטאָן מיט די אויגן אין זשורנאַל און מיט אַן אויער צום טיש...

דרײַ ווערטער האָט ער געפונען: — נחת פון קינדער.

ערשט נאָכן אַרויסזאָגן די דרײַ ווערטער האָט ער געהערט דעם פאַלשן קלאַנג, וואָס האָט זיך צו זײַנע אויערן דערטראָגן. אַ קלאַנג, ווי ס׳אָנקלאַפּן מיט אַ פינגער אין אַ געשפּאָלטענער כּלי. יאָ, אַ געשפּאָלטענע כּלי איז ער...

אַ רויט לעמפּעלע האָט זיך אָנגעצונדן אין זײַן מוח:

צי מערקן זיי נישט אַן אָפּשײַן פון יענעם רויטן לעמפּעלע, וואָס וואַרפט אַ פאַרנעפּלט ליכט אויף זײַן פּנים אַ צעפּלאָמטס פון בושה און כּעס; טוישט קאָלירן — פילט ער. אַ פּנים פון איינעם, וואָס איז באַגאַנגען אַן עבירה. דער געדאַנק, אַז אַרום טיש זיצן ישׂראל, נחמה, ציפּי, האָט אונטערן האַלדז־גריבל עפּעס אויפ־געציטערט, ווי עס וואָלט דאָרטן עפּעס שטעקן געבליבן — נישט אַראָפּשלינגען, נישט אויסשפּײַען.

אַ האַרבער פּאַרדראָס, אַ בושה און אַ טפּשות: ער איז דאָך שוין לאַנג אַריבער דעם עלטער, וואָס דאָס געווינען סימפּאַטיע בײַ פרויען קומט נישט אַן גרינג, קאָמיש־לעכערלעך קומט אים אַצינד אויס זײַן חנהדלען זיך תּמיד צו איר, זײַן שפּילן די ראָלע פון אַ יונגערמאַנטשיק.

אין זײַנע פרײַע און נישט־פרײַע שעהען, מערסטנס אין די נעכט, האָט ער געזוכט אין זײַנע יוגנט־און־ בחורישע יאָרן, אַ שטייגער איינער מישט, נישטערט די בלעטער פון אַ בוך אויף צוריק — צי האָט ער ווענס איבערגעלעבט אַזאַ ערלעך, טיף ליבע־געפיל. ער זעט באַשײַמפּערלעך, ווי נאַריש ס'איז געווען פון זײַן זײַט דערוואַרטן ליבע, סימפּאַטיע פון דעם יונגן, שיינעם ווײַבל, וואָס האָט דאָך געקאָנט זײַן זײַן טאָכטער.

אַ פאַרדראָס? ניין. אַ טרייסט. ס'וועט זײַן, ווי ס'ווערטל זאָגט: „סוף מעשׂה במחשבה תחילה". ער האָט געטראַכט און בײַ ישׂראלן איז עס געשען. נישט דער טאַטע, — איז עס דער זון. ס'עט בלײַבן אין דער משפּחה. אַ גלײַכע זאַך. אפשר טאַקע אַ באַשערטע זאַך. ניין. ער האָט נישט קיין חרטה; וואָס ער איז גוט געווען צו איר, זײַן קעלנערין, געהאָלפן איר אין אַ קריטישער לאַגע. אדרבא; אַ מצווה. „שלח לחמך על פני המים". אייגנטלעך קומט דאָך איצט בײַ זײַן טיש פאַר עפּעס אַזוינס וואָס דאַרף אים דערפרייען. אַ הילף דאַרף זי. די קליינע. אַכמעד. אַ סוף דאַרף מען מאַכן צו די צרות. הײַנט זײַן זון? אַ ווײַב. אַ כּשרה ייִדישע

טאָכטער. ציפּעלע דאַרף אַ טאַטן. אַ טאַטע וועט ער איר זײַן.

דער טיש איז שוין געווען אָפּגעליידיקט, אויסגעשאָקלט דעם סערוועט און צוריק פאַרשפּרייט. ציפּין איז, קאָנטיק, לאַנגווײַליק געוואָרן. זי האָט זיך אויפגעהויבן צוגעגאַן צום טיש מיטן אָפּענעם זשורנאַל אין די הענט:

— אמא, דוד שמואל (צום גאַסט האָט זי נישט געהאַט די דרײַסטקייט זיך צו ווענדן) בבקשה, צוויי אינטערעסאַנטע שורות פון אַן אינטערוויו מיט אַ דירעקטאָר פון אַ גימנאַזיע אין תל־אביב:

„אַ לערער איז נישט מקנא קיין שילער, אַ מאַמע, אַ טאַטע איז נישט מקנא זייער קינד".

— נכון. ריכטיק. — האָט דער ערשטער זיך אָנגערופן שמואל.

אוי, ווי דו האָסט אַצינד אַרײַנגעטראָפן, קינד — האָט נחמה געוואָלט זאָגן און נישט געזאָגט. ישׂראל האָט געקוקט אויף מאַמע און טאָכטער און געשוויגן. קלוג געשוויגן.

גוט, וואָס זי האָט איר געפאָלגט, ציפּי, הײַנט געקומען מיט איר אַהער — האָט זי געזאָגט צו זיך און צו שמואלן, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג: — גערעכט, אדון שמואל, נחת פון קינדער...

## קאַפּיטל פערצן

שפּעט בײַנאַכט. די אויגן קלעפּן זיך און ס'נעמט נישט קיין שלאָף. אירע געדאַנקען — צעוואָרפענע קליידער אין אַ שאַנק. פאַרקנוילטע, פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען, שווער אַ דרים צו כאַפּן. שמואל, ישׂראל, ציפּי מיטן זשורנאַל אין האַנט, דער אינטערוויו מיטן דירעקטאָר פון גימנאַזיע? — מיט אַ נײַעם, אַנדערשדיקן בליק זעט זי אַצינד שמואלן דעם נידעריקן, בײַכלדיקן מאַן מיטן נאַקעטן קאָפּ, קורצע הענט, קלוגע, טרויעריקע אייגעלער.

דאָס איז דער טאַטע פון אַפּגעפונענעם זון? — שמואל, איר באַלעבאָס? נישט איין מאָל נאָך אַ שׂמחה זיצן געבליבן אַן אײַנגעמידטער אויף אַ שטול אין קיך, אויפן זאַל, ווי ער וואָלט אַ גאַנצן טאָג האָלץ געהאַקט. די קורצע פיס הענגען אַראָפּ. צווישן די שפּיצשיך און דער פּאָדלאָגע בולט אַ היפּש פּאַסיקל לופט, וואָס מאַכט די אַראָפּגעלאָזטע פיס נאָך קירצער. דער קאָפּ פאַרוואָרפן אויף אַ הינטער, אַמאָל — פאַרנט פון זיך מיט אַ פאַרקוועטשטער גאָמבע אויפן ברוסט. אַ רוישיק עטעמען, אַ שנאָרכן, אַ כראָפּען און אַ סאָפּען ווי פון אַ לאָקאָמאָטיוו בעתן דערנענטערן זיך צו אַ סטאַציע. זיצט ער אַ וואַכעדיקער — סטאַרעט ער זיך, אַז די פיס זאָלן גרייכן צו דער פּאָדלאָגע. אומזיסטע באַמיִונגען. ס'פּאַ־סיקל לופט ווערט נישט נעלם. הלמאי האָט זי דאָס פריִער נישט געזען? און אַז זי האָט יאָ געזען? האָט ער דען מער ווי אַ ביסל סימפּאַטיע פאַר זײַן גוטסקייט אויסגעבעטלט? זי קאָן זיך פון דעסט־וועגן נישט שענקען. חידושט זיך אויף זיך אַליין. אַ חידוש און אַ צאַרן, וואָס גייט איבער אין אַ רחמנות: נעבעכדיקער שמואל. ער לײַדט אַוודאי אַצינד אַ שטיל לײַדן און אַ פאַרשעמונג. ליבע צו אַ זון, אַן איינציקן, אַן אַפּגעראַטעוועטן פון גיהנום און — אייפער. אייפער צו אַ קינד? — אַ זינד.

אומגליקלעכער שמואל. אויך דאָס קול — נישט זײַן קול — אין טעלעפאָן בעתן פאַרבעטן זי און ציפּין אויף שבת, יענע פריי־לעכע אויפגערעגטקייט — ווערט איר אַצינד פאַרשטענדלעך. קלאָר, אַז ער האָט געוואָלט זי זאָל זען זײַן שיינעם זון: קלאָר, אַז ער האָט אויך געוואָלט נישט פאַרלירן אין אירע אויגן ס׳ביסל דערראָבערטע סימפּאַטיע.

איז עס מעגלעך: שוין דעם ערשטן טאָג איז דער אומעט פאַרלאָפן די פרייד?

צום ווייפלטן מאָל שוין מעסטן אירע אויגן דעם איינציקן גרויסן צימער. ס׳עלעקטרישע לעמפּל אויפן סופיט, ווי עס וואָלט צונויפגעזאַמלט אַלע שאָטנס פון די ווענט. אַן עפענונג די הייך פון אַ טיר, אָן אַ פּוטרינע, פירט צו ציפּיס האַלבן צימער. יאָ. הײַנט פרי געקומען פון בית־ספר, פרי געגאַן שלאָפן. זי הערט איר געשמאַק, טיף אָטעמען.

יענער שבת. שמואל איז אַוועק כאַפּן זײַן נאָכמיטאָג־דרימל. ציפּי איז אַהיימגעגאַנגען. זיי ביידע זענען נאָך אונטערגעזעסן. ישׂראל האָט איר צוגעפירט אַהיים. דרויסן בײַם גערטנדל האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן.

— לאָמיר זיך טרעפן מאָרגן אָוונט אויף אַ קאַפע.

— ווייניק קאַפע, טיי דאָ אויפן זאַל?

— תל־אביב. מענטשן. ליכטער.

— אויך דאָס פעלט נישט אין זאַל, אָן תל־אביב.

— אַ ווײַל־טאָן זיך: קינאָ, טעאַטער?

— אַ ווײַל־טאָן זיך מיינט אַנטלויפן פון כעניקן.

— איך פאַרשטיי אײַך נישט, נחמה. מיר האָבן דאָך שוין גערעדט דערוועגן.

— איז וואָס? מיר קענען זיך דאָך אַזוי ווייניק.

— איז דאָך דאָס דער וועג פון באַקענען און דערקענען זיך.

— און מיר איז נאָך אַזוי שווער.

— וואָס שווער?

— אַנטלויפֿן אין לעבן אַרײַן.

ישׂראל איז מיט אַמאָל שטיל געבליבן — דערמאָנט זי זיך — ווײַטלעך אָפּגערוקט פֿון איר איז ער געשטאַנען אַ פּאַרטראַכטער, אַ פֿאַרקוקטער אין איר, צי איבער איר... ערשט צום צווייטן, דריטן מאָל טרעפֿן זיך און טאַקע בײַ אַ גלעזל טיי — האָט ער איר מגלה געווען, וואָס אים האָט געחידושט: —

אַ פֿרוי, קנאַפּע פֿופֿצן יאָר אָן אַ מאַן, אַ נײַע אין לאַנד, אַ נײַ לעבן, אַליין מיט אַ דערוואַקסן מיידעלע, און אַזאַ ענטפֿער? און געוווּסט האָט ער און זי, ביידע האָבן געוווּסט, אַז זיי געפֿעלן זיך.

ווען ער קען זי נישט, נישט געהערט פֿון זײַן טאַטן איר היסטאָריע, וואָלט ער אַזאַ שטייגער פֿרוי אָנגענומען פֿאַר... ווי זאָגט מען עס... פֿאַר עפּעס נישט מיט אַלעמען. יאָ, געווען אַזעלכע פֿאַלן: מענטשן זענען פֿון זינען אַראָפּ, אָדער קאָנען נישט צו זיך קומען. „אַנטלויפֿן פֿון כעניקן אין לעבן אַרײַן" — האָט ער נאָך אַמאָל איבערגעחזרט. ווי שיין, טרויעריק שיין דאָס איז געזאָגט געוואָרן. ער האָט אין די רגעס געטראַכט אַ טראַכטונג: דאָס איז די פֿרוי, די ייִדישע מאַמע, וואָס מיטן חתונה האָבן גיט זי זיך מיטן גאַנצן וועזן, מיט לײַב און לעבן, איבער אין רשות פֿון מאַן. אַ ייִדישע מידה, וואָס גייט איבער פֿון דור צו דור. אַזאַ שטייגער פֿרוי — האָט ער צו זיך געזאָגט — לעבט קודם כּל פֿאַרן מאַן און קינדער, אין זיי איז איר וועלט, בשעת בײַ אַנדערע איז פֿאַר־קערט: האָבן זייער וועלט און אין איר — דעם מאַן און די משפּחה.

דו ביסט געשטאַנען, — האָט ער געזאָגט מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און אים איז אויסגעקומען, אַז זי שטייט אַזוי איבערן קבר פֿון איר מאַן. נאָענט פֿון פֿענצטער זיך פֿאַרהאַלטן. ס'ליכטיקע שײַבל האָט געוואָרפֿן אַ שײַן אויף איר אומעטיק פּנים. דאָס פּנים, וואָס האָט בײַם טיש אַזוי חנעוודיק צו אים געשמייכלט. ווי אין טרויער־טיכער געוויקלט איז געווען איר קליין געשטאַלט.

אַ חרטה־געפּיל האָט אים אַרומגעכאַפּט. געוואָלט דאָס אומעטיקע פּנים צודריקן צו זיך און זאָגן:

ניין. נישט באַדאַרפט אַנביטן קינאָ, טעאַטער, אַ ווײַל־טון־זיך. צו פרי אויף אַן ערשט מאָל. אַ שאָד אויף איר, אויף זיך. ער איז נישט ווערט די ליבשאַפט אירע.

אַוודאי האָט זי באַמערקט זײַן פאַרלוירנקייט. אויך זי האָט חרטה געקראָגן אויף איר אָפּזאָג. אמת, שווער צו לעבן מיט זכרו־נות. זיי טוען איר וויי. דאָס איז איר ווייטיק. ווײַן. אַלטער ווײַן. אַ זיסער ווייטיק. אַרויסברענגען אים פאַר אַ מאַן בײַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפט: בכלל רעדן וועגן אַ געוועזענעם מאַן פּנים אל פּנים מיט אַ צווייטן מאַן — נישט טאַקטיש, נישט אָרנטלעך. עס ברענגט אין אַ פאַרלעגנהייט. נאַריש פון איר זײַט.

זי האָט אויפגעהויבן צו אים ס'פּנים — געדענקט זי — שולדיק געשמייכלט, אַ שטייגער, מע זאָגט:

— איך האָב נישט געוואָלט, נישט געמיינט, חלילה, אײַך... נו, באַליידיקן.

ער האָט געשמייכלט פאַרגעבן.

— אייגנטלעך — האָט זי געזאָגט ווי צו זיך אַליין — איז אונדזער לעבן דאָ, ווי אַ קראַנקער נאָך אַ טראַנספוזיע.

רעדט איר דאָך, ווי אַ קראַנקן־שוועסטער.

— אַ געוועזענע, אדון ישׂראל.

— זאָג מיר ישׂראל. נו, און אַ קאַפּע דאַרף הייסן טראַנספוזיע?

— איך האָב עס געזאָגט סתּם.

— אַ כינעזיש ווערטל זאָגט: יעדן ווײַטסטן וועג הייבט מען אָן פון אַן ערשטן טראָט. נישט געמיינט דווקא די קאַפּע. געמיינט, אַז עמעצער זאָל אײַך באַדינען, נישט ווי איר טוט עס אויפן חתונה־זאָל.

אַ צוק פון איר אייבערשטער ליפּ — ס'ליכטיקע פּענצטערל איז אַן עדות — האָט אָנגעזאָגט עפּעס אויף אַ שמייכל:

— אַ דאַנק פאַרן מיינען.

— נישטאָ פאַר וואָס.

האָט מען יענע ערשטע באַגעגעניש אָנגענומען פאַרן „ערשטן טראָט״. נישט נאָר ערשטער טראָט. אַ ליבע פון ערשטן בליק. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר רעכטער האַנט. די האַנט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זײַנער לענגער ווי מ׳באַדאַרף, און זי געדריקט אַזוי, אַז זי האָט זיך פון זיסן ווייטיק אַ בייג געטאָן צון אים.

ער האָט איר צוגעקלעפּט אַ קוש אין קאָפּ.

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט. להתראות.

אַ וואָך־נאַכט איז עס פאַר איר געווען, צו גליקלעך זי זאָל קאָנען אײַנשלאָפן.

## קאַפּיטל פופצן

שמואל. אַנטקעגן דעם, וואָס מ׳האָט גערעדט, נחמה — האָט ער געזאָגט צו ישׂראלן. זי האָט צרות פון דער קליינער. עפּעס אַן אַראַבער, אַ גערטנער, אַ סטודענט, אַ גאַנצער פילאָסאָף דרייט איר אַ קאָפּ, ציפּין. די קליינע זאָל זיך האָבן פאַרליאַפּעט אין אים. איך זאָל רעדן מיט דער קליינער. באשר מיט דער מאַמען וויל זי נישט רעדן. הײַנטיקע קינדער.

צו וואָס דאַרף ער דאָס וויסן — האָט עס ישׂראלן געוווּנדערט. איבערשלאָגן מ׳טאָטן אין מיטן האָט ער נישט געוואָלט. שמואל האָט זיך פאַררעדט:

— אַן עלטערער חברהמאַן, דער אַראַבער. עלטערע מענער. ווי זאָגט מען עס, שפּילן פאַר יונגע מיידלעך די ראָלע פון יונגע פאָצעטן. שפּילן זיך מיט שיינע ווערטער. מ׳וואַרעמט זיך בײַ יונג פײַער; צוויי מאָל פײַער: אַ שיין מיידעלע און אַ ייִדיש קינד. אַ רחמנות אויף איר מאַמען.

ישׂראל האָט געזען אויפן גלאַט־ראַזירטן פּנים פון טאָטן אַ צערייטלטקייט בעתן דערמאָנען נחמה׳ס נאָמען. אָט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דאָ אָנגעברײַעט, דער טאָטע, גייט אים אָן, ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי. מער ווי ער וויל אים דערציילן, זעט ער, וויל ער זיך אַליין איבערצײַגן, אײַנרעדן, אויסרעדן, אַ זאַך, וואָס איז אים גופא נישט קלאָר און אפשר — צופיל קלאָר... ס׳איז אַ רעדן ווי צו זיך אַליין, עלעהיי מ׳וויל פאַרווישן אַ טינט־פלעק אויף אַ ווײַס טישטעך: וואָס מער מ׳„ווישט" — אַלץ גרעסער ווערט דער פלעק... „עלטערע מענער וואַרעמען זיך בײַ יונג פײַער". הײַנט ס׳אויסלויבן זי: „אַ שיין געראָטן ווײַבל", אַ „רחמ־נות", אַ „נעבער". אויף וועמען אַ רחמנות, אַ נעבעך? — אַ

געזונט אויף אים, זײַן טאַטן. ער מיינט נאָך אוודאי, אַז ער רעדט צום פּופּצן, זעכצן יעריקן יינגל זיינעם, סרוליקן.

אים, ישׂראלן, ליגט דער ענין אַכמעד אין דער לינקער פּיאה. אַז עס וועט האַלטן דערבײַ — מאַכט ער צו דעם אַ גיכן סוף — גיט ער דערוויַיל אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי מ׳יאָגט אָפּ אַ פליג. מעגלעך, אַז דער גאַנצער ענין אַכמעד איז אַ פאַרבײַלויפּיקע זאַך, פאַר נחמהן — אַ פּראָבלעם. מ׳עט זיך אַן עצה געבן.

וואָס האָט ער דעם טאַטן געהאַט צו זאָגן?

— מ׳דאַרף — מאַכט ער — אַביסל ווייניקער אַרבעטן, טאַטע.

— נישט פאַר געלט, זון מײַנער, אַרבעט איך.

— פאַר וואָס דען?

— איך מוז עפּעס טאָן. פון ליידיק גיין ווערט מען קראַנק.

— דאַרפסט היטן ס׳געזונט.

— היטן ס׳געזונט. אַ קראַנק האַרץ. אַן אויג — שלאָפט. אַ האַנט, אַ פוס — רוט. דער קאָפּ, דער מוח, יעדער אבר האָט שעהען פון מנוחה. בלויז דאָס האַרץ קלאַפּט פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. דאָס איז דער איינציקער אבר, וואָס ער זאָל, חלילה, אויף אַ מינוט אויפהערן אַרבעטן. הײַנט, אַז מען איז איינער אַליין?

— אַצינד זענען מיר צוויי, טאַטע. צוויי פון אַ משפּחה איז הײַנט אַ סך.

— גערעכט, מײַן זון. הלוואי וואָלט די מאַמע געלעבט. שׂרהלע, יענקעלע. נו, לאָמיר דאַנקען גאָט דערפאַר. אַ געוווּנענער אויף דער לאַטעריע ביסטו בײַ מיר. אַ נײַע נשמה האָסטו מיר אַרײַנגעזעצט. „און אַ נײַ האַרץ וועל איך אײַך געבן". געדענקסט דעם פּסוק?

— יחזקאל.

— אַ כּוח אויף דיר. מאַלאַדיעץ. אָבער, ווי נעמט מען אַ געזונטן גוף דאָס נײַע האַרץ צו דערהאַלטן?

און שמואלן איז אויפן זינען געקומען אַ געדאַנק; אַ פּסוק,

וואָס פלאָנטערט זיך אין קאָפּ נאָך פון די חדר־יאָרן: „בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי". אלא מאי? די צווייטע טייל פון פסוק דאַרף ער לייענען אַנדערש, דהיינו? ער דאַרף לייענען: „ואני פשעתי בו..."

✶

שבת צונאַכטס. שמואל גרייט זיך אַראָפּכאַפּן אויפן זאַל, אַ קוק טאָן אין פרידזשידער. צוויי שׂמחות מאָרגן.

— צו וואָס ס'יאָגעניש, טאַטע? זיץ אונטער אַביסל. רו זיך אָפּ. כ'וויל דיר עפּעס דערציילן.

— יאָ, זון מײַנער, כ'הער.

— זעסט, טאַטע? — האָט ישׂראל צעעפנט די הענט, אַ קוק געטאָן אויף זיי, ווי אַ פרומער ייִד פאַר הבדלה מאַכן. ווען דו וואָלסט געוווּסט, ווי אַזוי די הענט האָבן מיך געראַטעוועט.

— גוט, אַז ווייל איז מיר צו זיצן דאָ און הערן פון דײַן מויל.

— שוין דערציילט, פאַרוואָס כ'האָב געמוזט אַוועק פון דער גויע ווו איך האָב זיך אויפגעהאַלטן?

אַרײַן אין הרוביעשויווער וואַלד. געטראָפן דאָרט אַ ייִנגל פון אַ יאָר זעכצן. אַ הויכער, שיינער יאַט. זײַן טאַטן, די מאַמען, דרײַ שוועסטערלעך, האָט מען פאַר זײַנע אויגן דערשאָסן. פריִער — האָט ער דערציילט — דעם טאַטן. בײַם הייסן דער מאַמען זיך אויסטאָן, האָט איינע פון די שוועסטערלעך, אסתרל, זיך געוואָרפן אויפן עס־עס מאַן, אַרײַן מיט אירע הענטלעך אין די אויגן, און אים צעדראַפּעט ס'פּנים. דער עס־עס־מאַן האָט איר אַ שלײַדער געטאָן פון זיך. דער קאַלטבלוטיקער מערדער האָט זיך נישט אויפגערעגט. געהייסן איר זיך אויסטאָן, באַפוילן צוגיין צו אַ בוים, צו וועלכן בוים זי וויל, ס'צווייטע שוועסטערל האָט איר צום בוים צוגעבונדן און ער האָט געשאָסן אין איר. געשאָסן נישט אויף צו דער הרגענען. זי איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין אַקסל. בלוט איז גערונען פון איר. ער האָט זי לאַנג געלאָזט וויינען און שרײַען. אַ האַלב־פאַרחלשטע, האָט ער זי אָפּגעבונדן פון בוים, און אַלע

דרײַ — דער מאַמען און די צוויי שוועסטערלעך — באַפוילן אויס־צוגראָבן אַ גרוב, אסתרקען די פּאַרוווּנדעטע צוגעשלעפּט צו זיי, אַלע דערשאָסן און אַרײַנגעשלײַדערט אין גרוב, מיטן שטיוול אַרײַנגעשאַרט דעם אויסקאָפּ.

ער, סך־הכּל עלטער פון אים מיט צוויי יאָר, איז געוואָרן זײַן טאַטע. ביידע זענען זיי איין מאָל אַרײַן צו אַ פּויער בעטן עסן. דער פּויער האָט זיי פרײַנטלעך אויפגענומען. מכבד געווען מיט ברויט, מיט מילך, געבראָטענע קאַרטאָפל. הונגעריק ווי די וועלף. האָט מען אויף גיך געשלונגען. געגרייט עפּעס מיטנעמען אויפן וועג. אין מיטן עסן קומען אָן צוויי דײַטשן. אַ מסירה. זיי באַפעלן אויפשטיין. מ׳הייבט זיך אויף און מ׳גייט פּאַרויס, דרײַ, פיר שפּאַן אויף אַהינטער — די דײַטשן. אַ פרײַ פעלד. נישט ווײַט מיטן אויג צו דערגרייכן — אַ בערגל. דאָרט ליגט — האָט מען געוווּסט — אַ דערשאָסענער ייִד. אויך אַ קרבן פון אַ פּויער, אַ מסור. פון הינטער־ווײַלעכץ הערן זיך זייערע פעסטע טריט, ס׳מאַנעווּרירן מיטן געווער. אָט איז דאָס בערגל. און באַלד דאַרף זײַן נאָך אַ בערגל פון צוויי... ניין, מ׳וועט נישט גיין צום אייגענעם קבר. איין אויג „מעסט״ די טריט פון די מחבלים, ס׳צווייטע „רעדט״ אויף שטום־לשון צום יאָט. ער פאַרשטייט, אַז דאָס זענען די לעצטע מינוטן, דער לעצטער שאַנס. ראַטעווען זיך, וואַרפן זיך אויף זיי מיט פויסטן, מיט די ציין זיך אײַנבײַסן. אין די לעצטע מינוטן צווישן לעבן און טויט האָבן די שוואַכע, פאַרמאַטערטע, אויסגעהונגערטע גופים זיך אָנגעגורט מיט לעבן, מיט כּוחות, וואָס ביז הײַנט צו טאָג ווייסט ער נישט, ווו זיי האָבן זיך גענומען. אַ סברה, אַז אַ מענטש האָט רעזערוו־כּוחות וואָס ער אַליין ווייסט נישט פון זיי. ערשט אין אַ סכּנה, אין אַ טויט־געפאַר, דערפילט ער זיי.

האָט מען זיך אַ וואָרף־געטאָן אויף די דײַטשן מיט פּלוצעמ־דיקער שנעלקייט. דער יאָטל האָט אַ כאַפּ געטאָן זײַן דײַטש פאַר די אויערן, גענומען רײַסן מיט אַ געוואַלדיקן כּוח. דער דײַטש, אַ פעסטער קערל, בייגט זיך אַראָפּ און גיט זיך אונטער. אַ קאַפּ

אין בויך אַרײַן און דער „גיבור" פּאַלט אום. דער יאָטל רײַסט אַראָפּ פון אים דעם רעוואָלווער און שיסט אין אים אַרײַן וויפל קוילן עס זענען געווען.

ער, סרוליק, כאַפּט אָן זײַנעם בײַם גאָרגל, בײַסט זיך אײַן אין אים מיט די ציין און נעגל. ביידע פאַלן אום. מיט אַט אַ די פויסטן — ווײַזט ישׂראל נאָך אַמאָל דעם טאַטן די הענט — האָט ער אים אַ האַלב־דערשטיקטן געלאָזט ליגן. ביידע נעמען לויפן. מ'לויפט נישט וויסנדיק וווּהין. דער צעהרגעטער דײַטש האָט זיך קאָנטיק אויסגעטשוכעט, גענומען נאָכיאָגן און שיסן. לויפנדיק הערט מען נאָך טריט, זעלנערישע טריט. אַ סברה, נישט געזען צוריקקומען די צוויי דײַטשן, איז מען אַרויס זיי זוכן. צום גליק זעט מען אַ וואַלד. אין זיגזאַגישן לויף דערנענטערט מען זיך צום וואַלד. די שאָסן הערן נישט אויף. די טריט ווערן ווײַטער. מן הסתּם מורא געהאַט לאָזן זיך טיף אין וואַלד, גרויסע גיבורים, געמיינט, אַז דאָרט זענען פאַראַן נאָך פּאַרטיזאַנער. אַ סערמאַשקע, אַ מין אוקראַיִנישן כאַלאַט האָט ער אויף זיך געטראָגן. בעתן לויפן זענען די פּאָלעס זיך צעפלויגן אין דער ברייט. די שאָסן שטעפּן די לופט. דער עכאָ פון די שאָסן קלינגט אָפּ מיט אַ פּאַרטויבנדיקן כּוח. מע לויפט און די פּאָלעס פון דער סערמאַשקע, זעט ער, זענען דורכגעשאָסן, צעלעכערט פון די קוילן, ווי אַ רעשעטע. מיטן דײַטשישן רעוואָלווער און מיט אָט די הענט, טאַטע, האָב איך און דאָס העלדישע ייִנגל זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. זיך געראַטעוועט און אַוועקגעלייגט אַ דײַטשישן מערדער. נקמה פאַר דער ייִדישער משפּחה, וואָס איז אַזוי אכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן.

## קאַפּיטל זעכצן

אַכמעדן האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט וווּנדערן פאַרוואָס ער פילט זיך אומבאַקוועם אין דער חבר'ה פון זײַנע אײַגענע אַראַבער. זיי לאַנגווײַליקן אים. זיי קוקן אויף אים מאָדנע־קאַלט, פרעמדלער. להיפוך צו זײַן כּוח הדיבור, איז ער צווישן זיי אַ שווײַגנדיקער. באַדאַרפט האָט דאָך אייגנטלעך זײַן פאַרקערט. ניין. מיט זײַנע אײַגענע האָט ער קנאַפּ וואָס צו רעדן. דווקא די פרײַנטלעכע באַציִונגען וואָס די ישׂראלים ווײַזן אַרויס, אים, אַכמעדן, וואָס געהערט צו אַן אַנדער ראַסע, אָט וואָס עס וועקט אין אים דעם כּוח־הדיבור, די מאָטיוואַציע, ס'גוטע געפיל — אַ גלײַכער מיט גלײַכע.

ער האָט ליב פאַר ציפּין, צום ווייפלסטן מאָל איבערצוחזרן וועגן זײַן היים, יפו, ווו זײַן טאַטע, טאַטנס טאַטע איז געבוירן געוואָרן. ווי אַזוי ער איז געקומען צו זײַן .B. A.

ציפּי, דאָס שיינע ייִדישע מיידעלע, די גימנאַזיסטין זייגט מיט די אויערן אויס זײַנע ווערטער. ער לייענט עס אַרויס פון אירע אַגרעס־אייגעלער. דאָס וועקט אין די אייגענע אויגן חשיבות, זעלבזיכערקייט. דאָס דאָזיקע געפיל דעקט זײַן צוריקגעהאַלטנ־קייט, ס'געהאַמעוועטע לשון בעתן ערשטן מאָל טרעפן זיך מיט פרעמדע, אומבאַקאַנטע מענטשן.

פון די נידעריקסטע שיכטן פון דער שיכחה שווימט עס אַרויס, דאָס געפיל פּײַניקט. אַ פּײַן און אַ שאָטן פון אַ טרייסט: אַן אינטע־לעקטואַל, אַ גײַסט־מענטש, וואָס זײַן אויסערלעכקייט איז נישט אַזוי אַקוראַטנע, ערשט אַז ער עפנט ס'מויל באַקומט זײַן פּנים אַ קראַפט, עס שטראַלט מיט אינערלעכן אויסדרוק. אויך דער אופן פון רעדן, די האַלטונג, העלפט שאַפן דעם אײַנדרוק. דער ערשטער אײַנדרוק

איז אויך דער לעצטער — ווייסט ער. עס געדענקט זיך אַ זאָג פון אַ פּראָפעסער: ס'אויג קאָן אַמאָל הערן בעסער ווי ס'אויער.

אָט ווי עס ליגט זײַן כּוח. אַכמעד איז דאַנקבאַר דער השגחה, אַללאַ אַכבאַר, פאַר אָט דער אייגנשאַפט. די נאַטור נעמט און גיט צוריק — זאָגט ערגעץ שפּינאָזאַ. רעקאָמפּענסאַטע.

✶

יפו. אַוונט. נישט אמת, אַז דאָ ווו ער דרייט זיך אַצינד, וואַרט אויף ציפּין לויט דער אָפּגערעדטער שעה; אַז אָט דער „שטח הגדול" (אַזוי האָט מען גערופן מיט אַ יאָר צען צוריק דאָס אָרט וואָס איז נישט ווײַט פון ברעג ים) — האָט אַ שלעכטן שם. ביליקע רעסטאָראַנען, קאַפעען. ביליקע פאַרווײַלונגס־ערטער. ביליקע פאַר־געניגנס. אָ, ניין. פון לאַנג שוין ליקווידירט. שיכּונים. פּריוואַט־הײַזער, הויכשטאָקיקע. טראָטואַרן. ביימלער. אַ פּאַרק. לעבעדיקע פלויטן.

אַוודאי וואָלט עס געפרייט זײַן טאַטע־מאַמע, זײַן גאַנצע משפּחה דאָס צו זען. נישט באַדאַרפט אַנטלויפן. פאַרוואָס מורא געהאַט פאַר די ייִדן? געמיינט, אַז ייִדן זענען מיט הערנער?... אַ מענטש ווערט נישט געבוירן קיין יאַהוד, נישט קיין אַראַבער, מאַכמעדאַנער אָדער קריסט — האָט ער צו זיך געזאָגט. אַ מענטש אַ פיזיש־גײַסטיק־געזונטער ווערט געבוירן — זאָגט ערגעץ שפּינאָזאַ — מיט אינטעלעקטועלער ליבע צו גאָט. רעליגיע, נאַציאָ־נאַלע צוגעהעריקייט איז, ווי אַן אידעע — אַ דעררעאַבערטע אָדער אַן אויפגעצוווּנגענע: אַ פּראָדוקט פון סביבה, צײַט און צײַט־גײַסט. און אויב שוין יאָ רעליגיע — איז ווי ס'זאָגט זיך אין „טראַקטאַט" פון שפּינאָזאַ — די רעליגיע פון שׂכל, ער גלייבט אין זײַן שׂכל. אַללאַ אַכבאַר.

יאָ, המוות והחיים ביד לשון, זאָגט ערגעץ אַ העברעיִש ספר, און לשון אין עברית איז אי שפּראַך, אי צונג.

אמת, אַן אָרעם לעבן. נו, איז וואָס? און דאָרט אין פּליטים־לאַגער? אַ מענטש קאָן בענקען צום אָרט אַפילו, ווו עס איז אים נישט אַזוי גוט געווען. ניט שוין זשע זענען נישטאָ קיין גוטע שכנים, אַן אַנגענעמע איבערלעבונג, אַ דערמאָנונג, אַ שטיק לאַנד־שאַפט פאַרקריצט אין זכרון? דער ריח פון אַ ציבעלע, אַ מייערל, אַ טאָמאָטע פון אייגענעם גערטנדל לעם דער שטוב, דער טעם פון אַ פּרי פון בוים, וואָס וואַקסט הינטערן פענצטער. אַ, די קעסטעלעך ערד מיט גרינוואַרג אויפן לײמפּאַרקנדל. דער מאָמעס הענט וואָס האָבן זיך דאָרט געפּאָרעט. גייסט פאַרבײַ דאָס אָרט ווו ביסט געבוירן און ס׳גיט דיר אַ צופּ בײַ דער נשמה. ס׳ציטערט אין דיר עפּעס אויף. אייגענע ערד גיט דעם מענטש צוריק דעם כבוד. ערד, היים זענען נישט סתּם קיין ווערטער. זיי זענען דער טעם פון לעבן.

מיטן געדאַנק איז ער אַצינד אינעווייניק, אין זייער הײַזקע, אָבער די פיס ווילן נישט גיין ווו די אויגן טראָגן. עס וווינען דאָרט נײַע עולים. ער זעט זיי אין דמיון. ער זעט זיי, די נײַע עולים, געקומענע פון „דאָרטן״, ווו מ׳האָט זיי געבערענט לעבעדיקערהייט. נשׂרפים. אומעטום טרעפט מען זיי. אין די שטעט, אין די הויכע הײַזער. אויפן דאָרף, אין פאַבריק, אין די ביוראָען, אין די קיבוצים. ער לייענט אָראָפּ זייער גורל פון די פּנימער, עלעהיי די שריפט אויף פאַרצײַטישע שטיינער. אויף אָט דער טעמע — סאָציאַלע ווויסנשאַפט — האָט ער בײַגעלייגט אַ גרעסערע אַרבעט צו די אוניווערסיטעט־עקזאַמענס.

ניין. ער באַדויערט נישט, וואָס ר׳איז נישט אַנטלאָפן. אָטאָ דאָס אָרט ווו ער דרייט זיך אַצינד איז דאָך זײַן ערד.

ערד און ווײַב — זײַן טאַטנס וואָרט.

ווי אַזוי קלערט מען דאָס אויף ציפּין? אַבמעד איבן כאַסאַן, אַן אַראַבער, אַ געוועזענער סטודענט, געענדיקט דעם פילאָסאָפיע־פאַקולטעט. אַן אַראַביש יינגל, וואָס האָט אַ גוט קעפּל, ווי די שכנים האָבן געזאָגט.

„דער דזשינדזשי וועט אויסוואַקסן אַז „עפּעס". דעם טאַטן זענען די ווערטער אַרײַן אין קאָפּ: — וועט מען עסן ווייניקער ברויט און שיקן ס'ייִנגל לערנען".

נאָכדעם — עקסטערנע. געלערנט און געאַרבעט. בנין. טעלער־וואַשן. מאַראַנצן־אַראָפּנעם. אַ לערער פון פּאַריז, אַן אַלזשירער ייִד, גרייט אים צו די עקזאַמענס. מצליח געווען. אַן אָרעמער סטודענט. אַ ליידיקער מאָגן. ליידיקע קעשענעס. אָרעם אָנגעטאָן. די ייִדישע סטודענטן זיצן שעהען אין דער קאַפּעטעריע. ער און נאָך צוויי, סך־הכל דרײַ סטודענטן אַראַבער אויפן קאַמפּוס, ירושלימער אוניווערסיטעט. אין דזשאַבעליע, הינטער יפו, וווינט ער. אויף אַהין און צוריק פאָרן האָט ער אַ דערלויבעניש מיט אַ חתימה פון דער אָרטיקער מיליטערישער קאָמענדאַנטור.

אַראַבער ישׂראל־בירגער לעבן אונטער אַ מיליטערישן רעזשים. העכער עלף פּראָצענט אַראַבער ישׂראל־בירגער. אָקערשט מיט צען יאָר צוריק זענען די הײַנטיקע מאַכטהאָבער געווען אונטערן ענגלישן רעזשים. „גאָרנישט גייט אין דער נאַטור פאַרלוירן". גאָרנישט גייט אין דער נאַטור פון מענטש פאַרלוירן — קאָן מען פּאַראַפראַזירן. עס ענדערט זיך נאָך דאָס „פּנים פון זאַכן"... ס'פּנים פון מענטש... ווי אַזוי קלערט מען דאָס אויף ציפּין? אַן אַראַבער און מיט בחורים פון זײַן סגאָל איז ער נישט צופיל פאַרהיימישט. אויך אים גופא איז די זאַך נישט קלאָר. אָבער אַזוי איז עס. ער איז פּאָרט נישט ווי זײַניקע: נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, אָדער נאָך לאַנג שעהען ליידיק גיין — אין אַ ווײַס העמדל און אַ סיגאַרעט אין ווינקל מויל. ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס. אפשר ווייסט ער יאָ. זיי לאַנגווײַליקן אים. כּמעט אויף אַלע פּנימער — מאַסקעס פון אומוויסן און אַפּאַטיע. טראָגן די „מאַסקעס" אַזוי לאַנג ביז זיי קריכן אַרײַן אין זייערע נשמות. פּחד און חנופה־שמייכעלעך אויף זייערע פּנימער. שמייכלען צו די ישׂראלים, צו די וואָס זיי האָבן פײַנט לאָזן הערן גנאַי־ווערטער אויפן אייגענעם אַדרעס: ווערטער, וואָס דער פײַנט וויל הערן. בײַ איינױקע איז עס אַזוי

ווײַט דערגאַנגען, אַז זיי גופא ווייסן שוין נישט דערפון. לאָכן אָפּ פון זיך אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט אַן אמת.

נישט איין מאָל קוקט ער אויף זיי, זײַנע ברידער, און ס׳וווּנ־דערט אויף דער גלײַכגילט צום אייגענעם גורל, צו דער פאַרלאָרנ־קייט, וואָס איז דער אמתן איז עס — אָנשטעל: מ׳וויל געפעלן דעם וואָס מ׳האָט פײַנט, הכנעה, זעלבסט־פאַרלייקענונג.

מיט ביטול־הנאה קוקט ער אויף זײַנע ברידער־אַראַבער. ווו איז דאָס אָריגינעלע, אַראַבישע פּנים? מ׳געוויינט זיך צו צום גורל פון אַ באַזיגטן, ווי עס וואָלט געקומען פון אַללאַ. ער ווייסט, אַז די טאָפּלט־פּנימדיקייט איז אַ מטבע, וואָס האָט אויך אַ צווייטע זײַט. כּײַ וואָלטן די ישׂראלים געזען די צווייטע זײַט...

איינע פון די דרײַ סטודענטן אויפן קאַמפּוס איז געווען אַ מיידל, אַ נאַריש מיידל, אַ טיפּשה. זי האָט אים דערציילט, אַז איר אמא האָט איר געשיקט אַהער לערנען, ווייל „דער אוניווער־סיטעט איז דער בעסטער שדכן״. — איז עס אַ טאָפּלטע טיפּשות, מחמת כּמעט אַלע סטודענטן זענען דאָך ישׂראלים, צווייטנס: איך בין געקומען אַהער שטודירן און נישט זוכן אַ כּלה — האָט ער איר געזאָגט. זי האָט נאַריש געלאַכט מיט נישט קיין שיינע ציין, געבלינצלט מיט די אויגן. זי האָט ליב געהאַט צו פּלאַפּלען: נאָכן אַנטלויפן פון דאָרף, ווו זיי האָבן געוווינט, הינטער רמלה האָט זי דערציילט, — אין נײַנצן אַכט און פערציק — האָבן זיי געוווינט בײַ אַ קרובה, אַן אלמנה מיט דרײַ טעכטער. עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד איז די אלמנה מיט די דרײַ טעכטער געקומען יעדן טאָג באַאַרבעטן זייער שטיקל פעלד. די ישׂראלים מיט די ביקסן אין די הענט האָבן דאָס געזען, זיך נישט ווויסנדיק געמאַכט. אויף צוריק האָבן זיי מורא געהאַט פאַר די יאַרדענער לעגיאָנערן פון יענער זייט ירושלימער מויער, אויך מיט ביקסן. אַן אמתע מעשׂה, שוין נישט קיין נאַרישע.

ציפּי איז אָנגעקומען. זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק בײַם ברעג־ים לענגאויס דער שפּאַציר־טעראַסע.

עטלעכע צענדליק מעטער ביז דער באַנק האָט אַכמעד צײַט געהאַט אָבסערווירן ציפּין, איר שטעל און גאַנג, כאָטש שוין נישט דאָס ערשטע מאָל טרעפן זיי זיך אויסערן שיכון. עפּעס איז געווען אין דעם שטעל און גאַנג אַן איידלקייט, וואָס ערשט דאָ, אויף דער שפּאַציר־גאַס, די באַלויכטענע פון אַלע זײַטן, האָט זיך עס אַזוי בולט אָנגעזען. חוץ דעם — די פּרעמדקייט: ווי אַ טויב, אַ ווײַס טײַבעלע פון ערגעץ וואָלט דאָ אַנגעפלויגן און מיט די דינע, גראַציעזע פיסלעך דאָ זיך אַראָפּגעלאָזט, פאַרבלאָנדזשעט. ניין, נישט פאַרבלאָנדזשעט. צו אים איז זי געקומען. צו דער אָפּגערעדטער שעה געקומען.

ציפּי איז אַצינד אין דעם עלטער, ווען ס׳דערוואַכטע בלוט ווערט ענג אין די געפעסן. עס איז נאָך נישט אומרויִק. עס קאָכט זיך, שטיל קאָכט עס זיך, און אויף אַ קליין פּײַערל. ער, אַכמעד, זעט עס אינעם גלאַנץ פונעם אַגרעס־גרין אין אירע אויגן. אין איר לײַכטן שמייכעלע בעתן אײַנהאָרכן זיך מיט אַן אָפּן מײַלעכל צו זײַנע רייד. פון איר צאַרט־פאַרשפּיצט גאָמבעלע איבער איר ווײַסן האַלדז צייכנט זיך אַ רײַפקייט און אַן עקשנות פון אַ מיידל־קינד אויף דער שוועל פון אַ פרוי: אַ פרויען־געשטאַלט: הויך, מיט אַ האַלבן קאָפּ העכער פון אים און גײַסטיק — אויפן שוועל פון וויסן איר ווערט. פון אונטער דער העל־בלוילעכער שול־בלוזקע הייבן זיך אַרויס צוויי געטאָקטע בריסטלעך. אַפּנים נאָך אין שטוב נישט געווען. זיכער בײַ אַ חברטע אונטערגעזעסן. שוין ס׳צווייטע מאָל אַזוי, גלײַך פון שול, די מאַמע זאָל נישט וויסן.

ווײַטלעך זיצן זיי איינער פון אַנדערן. ער האָט צײַט נאָך אַמאָל אָבסערווירן ציפּיס שמאָלע טאַליע, דעם דינעם בויכבעקן פון דער מאָרגנדיקער רײַפער פרוי. אַן אַראַביש מיידל אין איר עלטער איז אַ סך פולפלייישיקער, פעטלעכער. אויך די פּאָזיציע פון איר זיצן, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס — געפעלט אים.

אַ רויִקער ים, אַ צעשפּילטער, צעשפּיגלטער. די אייבערפלאַך — גלאַנציק ווי צעקנייטשטע בלעכן. פון דער לבנה־שײַן קומט

דער גלאַנץ. ווי אַ גרויסע לאַמטער, קײַלעכדיק, באַלאַנמעסיק הענגט זי, די לבנה. צוויי מעוועס, בײַכלדיק איבערן וואַסער מיט צעשפּרייטע פליגל, שנײַדן, שערן דעם בלווילער־לווילעכן „זײַדן־שטאָף" פון דער נאַכט.

נישט ווײַט פון מעטשעטל, פינקלען לעמפּעלער, ווי גרויסע שטערן פון הימל אַראָפּגעפּאַלענע און זיך פאַרטשעפּעט אויפן שפּיץ מעטשטעל. ס׳באַלקאָנדל, דער מינאַרעט, וואָס געדרייטע טרעפּן פירן אַהין אַרויף און דער גרויסער זייגער אָן ווײַזערס, ווי אַ פּנים אָן אַ נאָז — זענען אַצינד שטאַרק באַלויכטן. מיט יאָרן צוריק ווען דער זייגער איז געגאַנגען — איז ער אָן עדות געווען פון ווער ווייסט וויפל ראַנדעוווען זענען דאָרט פאַרגעקומען. אַצינד זעט דאָס מעטשעטל אויס ווי אַ ברייטלעכער פאַבריק־קוימען און דער זייגער — אַ טויט פּנים.

אַ מועדזין פלעגט אין די פּרײַטיקס און אין די חגאות זיך דאָרט אויפן באַלקאָנדל ווײַזן. אַ ווײַסער כאַלאַט, אַ שטײַפע, טערקישע פעסקע מיט טראָלדן אויפן קאָפּ, אַמאָל — אַ קעפּיִע. עטלעכע מינוט אונטערגעשטאַנען אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן. נאָכדעם מיט פאַרלייגטע הענט און אַ פרומער מינע עפענען אַ מויל:

דזשיהאַד, דזשיהאַד! (מלחמת מצווה).

אין די זונטיקס ווידער צעקלינגען זיך די גלעקער. פון דזשאַ־בעליער קלויסטער, נאָר פרייטיק קומט מען פון אַלע דערבײַיִקע מקו־מות, מען זאַמלט זיך אַרום מעטשטעל. מיט הכנעה אין די נאַקנס, פּחד אין די אַפּלען, פּנימער גרוי ווי די ערד — זיצט מען.

אַ מענטשן־סטאַדע, געוויקלט אין שווערע געוואַנטן, אין לײַוונטענע, ברייטע הויזן, לויזע, לאַנגע העמדער. מיט די פיס אונטער זיך זיצט מען, מ׳טוליעט זיך צו די אייגענע שאָטנס אונטערן הייסן הימל. כּפּייה׳ס. נאַקנס געבויגענע. פינגער האַרטע, קרומ־לעכע, שפּילן זיך מיט שנירלעך קאַליריקע קרעלן.

— דזשיהאַד!

דאָס איינציקע וואָרט — לאַנגע צעצויגענע — האָט זיי פון

אין דער פרי פון די ליימהײַזקעס, זאַמד־געלעגערס און געצעלטן אַרויסגערופן. ווי אַ שׂריפה כאַפּט אַרום אַ וואַלד, האָט דאָס קול פון פרומען מואַדזין זיי צו הייליקער מלחמה מיטן יאַהוד גערופן, אין זיי דעם צאָרן געצונדן.

אַ היפּשע שעה זיצן זיי דאָ, אַכמעד און ציפּי, ווייניק פאַרבײַגייער. ווען נישט ס'ליכט פון דער פולער לבנה וואָלט מען זיי קוים באַמערקט. אַכמעד איז דאָ געבוירן, געוואָקסן. מיטן טאַטן קליינערהייט אויפן פליימאַרק געגאַנגען. אויך דאָ צום מעטשעטל מיטן טאַטן געגאַנגען. זי מעג עס וויסן, זי דאַרף עס וויסן, ציפּי.

— איך האָב ליב דעם ים, ווי מײַן טאַטע האָט אים עד היום ליב.

— איך האָב נישט קיין טאַטן, נישטאָ קיין ים.

— אַ מאַמע, אַן אמא אַ שײַנע, האָסטו.

— די אמא מײַנע איז תּמיד טרויעריק. איר אומעטיק פּנים דענערווירט.

— און איך וועמען האָב ?

אַ שווײַגן. עס רעדט דער ים מיט זײַן סודותדיקן, שטילן גערויש.ביידע האָרכן זיך אײַן אינעם שטילן געפּליעסק פון געוואַסער. די טונקל־קנייטשנדיקע „בלעכן" — אַ צודעק אַ בלוילעכער, וואָס הייבט זיך און נידערט, אַ שטייגער אַ גרויסע וואַסערחיה אָטעמט הינטער איר שווער און האַסטיק.

אַכמעדס הענט, ווי אויפגערייצטע חיות, דראַפּען זיך צו ציפּיס אָרעמס ביז אַראָפּ די עלענבויגנס אירע. זײַנע פינגער פאַרטשעפּען זיך אין אירע, באַפרײַען זיך און נעמען גלעטן אירע הענט אַרויפצו, העכער און העכער גלעטן זיי מיט אַ ליַיכטקייט פון אַפּווישן אַ שטויב פון אַ פּאַליטורטער זאַך. אָט הייבט ער אירע הענטלעך אויף איבער זײַנע אַקסלען. נישט קיין הענטלעך זענען עס — פליגל, ווי פון זײַנע אַקסלען אַרויסגעוואַקסן. זיי שפּרייטן זיך אויס אין דער ברייט און פאַרהייבן זיך. עס רירט אים פון אָרט. ער פליט. ציפּי פליט זײַט בײַ זײַט פון אים. אַ פּאָרל פאַר־

ליבטע טויבן. עלעהיי די צוויי מעוועס, וואָס האָבן זיך פריִער געטראָגן איבערן ים־פלאַך.

אַ לײַכטער אָוונט־נעפּל ווי אַ רויכל, נייַן, אַ וואַרעמער ניגון הויערט איבערן וואַסער־דעק. אונטערן דעק צאַפּלט, ציטערט עפּעס לעבעדיקס עלעהיי מ׳פּראָוועט דאָרט ליבע־סצענעס. שוימיק־ווײַסע וואַסער־פּאַסן, ווי ליפּן, קושן דעם ים־ברעג. אַ קוש און אַ צי צוריק. אַכמעדס ליפּן באַרירן דעם ברעג פון ציפּיס שטערן. — און ווידער — אַ שמאָלינק פּאַסיקל בלויע לופט טיילט אָפּ אַכמעדס פּנים פון ציפּיס. זײַן הייסער אָטעם, ווי אַ מערב־ווינט וואָלט פּלוצעם אָנגעיאָגט. ציפּי דרייט אָפּ איר פּנים, נעמט אַראָפּ אירע הענט פון זײַנע אַקסלען:

— בבקשה, אַכמעד.

— אַכמעדס ווײַס קעסטל ציין איז אויסגעקרומט אין אַ פאַרשעמטן שמייכל. דער געלער שויבער, אַן אָנגעצונדענער, ווי אַ ברוינע, ווײַטע מזרח־זון, פּאַלט אים אין די אויגן אַרײַן.

אַכמעדס קלוגן קאָפּ העלפט אַרויס זײַן מויל:

— דו זעסט, ציפּי, די צוויי מעוועס, דאָרטן ווײַטלעך פון ברעג, אויף אַ טייטלבוים? ווי קומט אַהער אַ טייטלבוים וווּנדערסטו זיך אַוודאי. פאַריאָגט מסתּם פון יריחו, פון עמק הירדן.

ווייסט שוין ציפּי, אַז דאָס איז „אַ פאַררעדן די ציין”. זײַן קלוגער קאָפּ האָט געפונען אַן אויסגאַנג פון דער לאַגע. — זאָל אים ווויל באַקומען. זי קאָן זיך פון דעסטוועגן נישט אָפּוווּנדערן פון זײַן קול. מעטאַליק־ריין און קרעפּטיק קלינגט עס, ווי אַ פּרעמדס, אַן אויסגעליענס בײַ אַן עלטערן געוויקסיקן מאַן.

— נישט קיין שלעכטע לעקציע פון נאַטור־וויסנשאַפט, תודה, אַכמעד.

— תודה, גברת.

— אַזוי דאַנקסטו מײַן אמא פאַר אַ קאַלטן טרונק, נכון, ריכטיק?

— אַלץ דערציילט דיר די אמא?

— וואָסער נפקא מינה ?

— דו דערציילסט איר אויך אַלץ ?

— למשל ?

— וועגן אונדזערע באַגעגענישן ?

— ביסטו אַרויפגעקומען טאָן אַ טרונק ?

— זי האָט מיר אַראָפּגעבערענגט, איין מאָל סך־הכל, אַראָפּ־געברענגט אַ קאַלטן טרונק. רעדן רעד איך צו איר פון אונטן אַרויף.

— וואָס מיינסטו דערמיט ?

— כ׳מיין...

— ?

— כ׳מיין : אַ געדריקטער, דערנידעריקטער איז במילא קלע־נער — קוקט ער אַרויף.

— פילאָסאָפיע ?

— ניין. עלעהיי אַ קינד, וואָס קוקט אַרויף צום טאַטן.

— רעדסט מיט אַנצוהערענישן ?

— לאָ נכון. נישט אמת, ציפּי. איך רעד צו דער זאַך, לעניין. קינדער באַנעמען מיטן חוש, מיטן אינסטינקט מער ווי מיטן שׂכל, ווייסן ווען דער טאַטע, למשל, מיינט ערנסט די זאַך אָדער — מאַכט דעם אָנשטעל.

— אַ לעקציע פּסיכאָלאָגיע ?

— לאו דווקא. ניין. דער קלוגער טאַטע, דער שטאַרקער, וואָס וואַרפט אָפּט אַן אַ מורא אויפן קינד, כאַפּט זיך נישט, אַז די קליינע, קלוגע אייגעלער, די קינדישע, וואָס קוקן פון אונטן אַרויף — זעען בעסער ס׳פּנים פון זאַכן. ס׳קאָן אויך זיין, אַז דער טאַטע ווייסט עס און מאַכט זיך נישט וויסנדיק.

— יאָ. אַצינד האָב איך פאַרשטאַנען.

— בטח, זיכער. דו ביסט נישט נאָר שיין. ביסט אַ קלוגע, ציפּי.

— שפּעט. צייט אַהיימגיין. די אמא וועט איבערקלערן.

אויף צוריק האָט דער שמועס זיך נישט געקלעפּט. ביידע האָבן לאַנג געשוויגן. צופוס איז מען געגאַנגען. ביידע האָבן אַפּנים לענ־גער געוואָלט אויפהאַלטן די צוזאַמענדיקייט. אַכמעד האָט איט־לעכסמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק צו דער בוסטרוס־גאַס אין יפו. און אַריבערגעקוקט צום שטח.

יאָ. אַן אויסגעברענטער קוימען, דאָס מעטשעטל. שוואַרץ דער קופּאָל. דער טינק פון די ווענט אָפּגעקראַכן, אָפּגעשיילט. אויפן טויטן זייגער שטייט אַ ווראָנע. אַוועקגעשטעלט זיך אַוודאי אין דער פּאַרנאַכט־שעה. אין דער פינצטער פליט נישט קיין ווראָנע. אין דער טונקלעניש זענען די שמאָלע, זײַטיקע געסעלער, ווי צו־נויפגעגאָסן. אויך בײַטאָג גיט דער בלויער פּאַס הימל איבער אַזאַ טונקל געסל אַ פּלי פּאַרבײַ, ווי אַ שנעלצוג צווישן אַ זייגער צוועלף־איינס בײַטאָג. דאָ און דאָרט זעט מען נאָך ליידיקע פּלע־צער. הויפנס מיסט. ווילדגראָז. אַן איינציקן אָפּגעדאַרטן איילבירט־בוים, אַ קאַקטוס, אַ שטאַם פון אַן איבערגעגעבראָכענער פּאַלמע. דער אַספּאַלט־וועג איז דאָ אַן אַלטער מיט נײַע, געשטוקעוועטע לאַטעס. פון ביידע זײַטן כביש — זאַמדיק, שטייניק און גריביק.

אין יפו ווערט פרי נאַכט. די זון פאַרגייט נישט. זי ווערט נעלם. טונקעלער ווערן מיט אַמאָל די אַלטע ווענט. אייניקע בניינים פון די טערקישע צײַטן, צעוואָרפענע איבער ליידיקע שטחים, זעט מען נאָך דאָ. האַלב־צעשיטע ליימפּאַרקנס, בלינדע ווענט, אָפּ־געשלאָסענע און האַלב־אָפענע הייף, נידעריקע הײַזקעס — אַלץ זינקט טיף אין דער'ערד.

## קאַפּיטל זיבעצן

ישׂראל איז געוואָרן אַן אָפּטער גאַסט אין שטוב. נישט קיין גאַסט, אַ שטוב־מענטש. אַ געשמאַק גלעזל טיי אין די שעהען ווען נחמה איז אין דער היים. אַ היימישן ביס, כאָטש אין שטוב איבערן זאָל האָט נישט געפעלט. עס האָט געצויגן צו דער קליי־נינקער שיכּון־דירה, צו די אַנדערהאַלבן חדרימלעך. עס האָט געצויגן צו נחמהן. אונטערזיצן דאָרטן אַ נאָכמיטאָג־שעה, אַן אָוונט, אַ שבת.

ציפּעלעס אַגרעס־אייגעלעך זענען נישט איין מאָל געבליבן הענגען אויף ישׂראלן. נײַגער, וווּנדער און סתּם קוקן אויף אים וואָס לענגער האָט זיך איר פאַרגלוסט. אין דעם יונגן עלטער איז אַזאַ מיידל ווי ציפּי נאָך אַלץ שווער אונטערצושיידן דאָס וועזנט־לעכע צווישן אַן עלטערן מאַן, אַ בחורל אַ שול־חבר, און אַן אַכמעד. אַזוי, למשל, ווי עס איז אין אַ פרימאָרגן־שעה שווער אונטערשיידן פון אַ וואָלף ביז אַ הונט. אין דער פרימאָרגן־שעה פון ציפּעלעס רײַף ווערן, וועקט יעדער מאַן אינטערעס, נײַגער.

אַ שמייכל פון אַזאַ איינעם, ווי ישׂראל, אַ פאַרבײַלויפיקער בליק, כאָטש געוווּסט האָט זי, אַז ער מיינט דער מאַמען — האָט דאָך אַ ליכטיקייט, ווי נאָכן אָוועקשאָרן אַ פאָרהאַנג פון אַ פענצ־טער, פאַרבלענדט איר פנימל, דעם אַגרעס־גרין פון אירע טויבן־אייגעלעך.

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן נאָכן ערשטן קוק אויף איר פון אַכמעד איבן כאַסאַן. נאָך דעם — זײַן צודרינגלעכקייט, זײַן מויל, זײַן קול — אַכמעד האָט ווויל געוווּסט, אַז אויך ווערטער, רייד פון אַזאַ איינעם ווי ער צו אַ פרוי, צו ציפּין דער גימנאַזיסטין, האָבן אויך אין זיך אַ רייץ, קאָנען אינטריגירן. „גבר נחמד" —

(אַ סימפּאַטישער מאַנספּאַרשוין) האָט זי אים איינמאָל געזאָגט מיט דער תמימות פון אַ גימנאַזיסטין. איז דאָס קאָנטיק געווען פאַר אים אַ מין „אור ירוק״ (גרין ליכט) ווי די סאַברעס זאָגן.

דער קלוגער קאָפּ זײַנער האָט זיך דאָס מאָל באַנאַרישט: ער האָט „געשיקט״ הענט, און ס׳איז אים אויפן זינען נישט געקומען, אַז פון מויל־מלאכה ביז שיקן הענט איז אַ ווײַטער מהלך.

זינט יענעם אָוונט, אין יפו, בײַם ברעג־ים, האָט עס איר אָפּגעשטויסן, געעקלט. אויך זײַן קול, דאָס געזונטע, קרעפּטיקע, האָט אַנדערש געקלונגען איצט אין אירע אויערן. דער געלער שויבער, וואָס איז איר געקראָכן אין פּנים אַרײַן — אַ וואָלקן. אַ דומפּיק־שווייסיקער ריח האָט דער „וואָלקן״ אויף איר אָנגעיאָגט. אַ ריח פון אַ חאַמסין־טאָג, פון אַ מידבר. אויך זײַן פּנים האָט איר אויסגעזען אַנדערש. אַ פּנים פון איינעם, וואָס האָט פאַרוואָרפן אַ ווענדקע אין וואַסער און וואַרט געדולדיק אויפן פאַנג.

זי וויל אים מער נישט זען.

ציפּי איז געווען אַן עדות פון ישׂראלס אָפּטע קומען צו דער מאַמען. איז ווענס געפאַלן זײַן בליק אויף איר — אפשר האָט זיך איר בלויז אויסגעוויזן — האָט זי געפילט ווי אירע בעקעלער רייטלען זיך, אַ גרין פֿײַערל צינדט אָן אירע אויגן און נערוועז ציטערט־אונטער איר אייבערשט ליפּל.

האלינא האָט באַמערקט דעם דאָזיקן שינוי אויף ציפּיס פּנימל בעת ישׂראלס אַרײַנקומען, בעתן אָוועקזעצן זיך היימישלעך, שטור־ביק אויף דער סאָפקע, אויף אַ שטול לעם טיש. עס האָט איר אויך ערגעצווו אַ שטאָך געטאָן: אַ שטאָכעלע, ווי פון אַן אײַנשפּריץ־נאָדעלע. ס׳טוט וויי און — עס היילט.

— וואָדען? איר ציפּי, איר טרייסט.

ס׳איז נאַריש דערוועגן צו טראַכטן, האָט זי מיט אַ האַנטמאַך, ווי מ׳יאָגט אָפּ אַ זלידנע פליג, צו זיך געזאָגט. חוצדעם, צוריק־גערעדט, האָט איר אַפילו הנאה געטאָן. „זאָל זיך איר דאַכטן, אַז

אויך זי, די קליינע, האָט אַ חלק אין ישׂראלס צוגעבונדנקייט צו דער שטוב.ביידע גיבן אים דאָס וואָס אים פעלט — אַ היים".

ציפּי האָט פון דעסטוועגן געקוקט אויף ישׂראלן מיט אַ טאָפּלטן קוק. זי וואָלט געשווירן, אַז ער ווייסט וואָס זי פילט צו אים, וואָס זי טראַכט וועגן אים, דעם מאָרגנדיקן שטיפטאַטע. „אַ שיינער מאַן, אַ בראַווער — האָט זי צו זיך געזאָגט. זי ווייסט פון זײַן טאַטן וועגן זײַנע העלדישע מעשׂים אין וואַלד, אין פּאַרטיזאַנקע. אַפילו ווען זי וואָלט דאָס נישט געהערט, רעדט דאָס אַראָפּ פון זײַן שטאָלטנעם אויסזען, פון זײַנע ענערגישע הענט.

אַ פּאַרשעמטע איז זי יענעם שבת געזעסן מיטן זשורנאַל אין די הענט. גוט וואָס זי האָט געהאַט ווו די אויגן אַהינצוטאָן. מיט די אויערן איז זי געווען בײַם טיש... זי האָט געזען אויף דער מאַמעס פּנים, אַז ישׂראל געפעלט איר. אַ פריילעך פּנים ווי קיינ־מאָל נישט. איר פרייד, אויך זײַן, ישׂראלס, נאָענטקייט צו ביידע. עס פרײַט איר און ס׳מאַכט איר טרויעריק. פאַרוואָס רעדט ער נישט צו איר? טרעפט ער איר אַמאָל אַליין אין שטוב, פרעגט ער:

— ווו די אמא?

— זי איז אַוועק אין מכּלת. (שפּייז־קראָם).

— ווען קומט זי?

— באַלד קומט זי.

פאַרדריסט איר: מיט איר האָט ער שוין נישט וואָס צו רעדן?

האַלינא האָט זיך באַמיט צו פאַרגעסן, פּאַרווישן יעדן שפּור פון חשד, פון אייפערזוכט. טפו, טפו — זענען זיך די געדאַנקען צעפלויגן, ווי איבערגעשראָקענע פייגל. קינאה צו אַן אייגן קינד, צו ציפּילען?

זי האָט שוין אויך געוווּסט, האַלינאַ, אַז ציפּי טרעפט זיך נישט מיט אַכמעדן. אַ מאַמע ווייסט אומגעפרעגט. דאַרף נישט שפּיאָנירן, פּאַרשן. אַ מאַמע לייענט האַרצשריפט. זי האָט געפילט ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן: ווען ס׳פּײַערל האָט זיך צעזשאַרעט און ווען עס האָט זיך אויסגעלאָשן.

ציפּי האָט זיך אַפילו פֿאַר איר פּאָרטרעט :

אמת, אמא ? ער פֿרײַנדלט זיך מיט ישׂראלים, אַכמעד ? אַן אייגענער מענטש ? אויך אין חיתוך־הדיבור — אַ סאַברע. אָבער ווען ער רעדט וועגן אַראַבער, זעט זי אויף זײַן פּנים אַ מינע פֿון אַ באַהאַלטענער צערטלעכקייט. סענטימענטאַל ווערט פּלוצעם זײַן פּנים. אַ מיסכּן. אַ נעבעך. אַפילו דאָס וואָרט דיסקרימינאַציע וואָס ער דערמאָנט אָפֿט, זי פֿאַרשטייט עס נישט, בעט אים אויפֿקלערן דעם מיין דערפֿון — רעדט ער אַרויס מיט אַ מאָדנע שמייכעלע. אַ פֿאַלש שמייכעלע. כּיַ וואָלט ער זיך געבייזערט, אין כּעס געוואָרן אויף די עוולות, באמת עוולות, וואָס מ׳באַגייט קעגן זיי, די אַראַבער. ניין. ס׳שמייכעלע געפֿעלט איר נישט. אַ פֿוירהענגל. הינטערן „פֿויערהענגל" בלאָזט אַ ווינטעלע, אַ קאַלט ווינטל יאָגט פֿון דאָרטן אַזש אַ שוידער כאַפּט איר אַרום. נישט דער זעלבער אַכמעד. ווי זאָגן די חברטעס אירע : אחד בפּה, אחד בלב.*

אָווע־טאָווע, ס׳געמיט, האַלינאַס, האָט זיך געבעסערט. מע שטייט שוין נישט פּלייצע צו פּלייצע. אַ פֿריילעכע מינע אויפֿן פּנים וועקט אויפֿן צווייטן פּנים אַ שמייכל. מאַמע און טאָכטער פֿאַרשטייען זיך אויפֿן ווונק.

הײַנט ישׂראל צי זי געפֿעלט אים ? אַוודאי געפֿעלט זי אים. שוין בײַ דער ערשטער באַגעגעניש האָט ער נישט באַהאַלטן פֿאַר איר זײַן באַוווּנדערונג פֿון דאָס נושׂא־חן־זײַן אירס אין זײַנע אויגן. זי האָט אויף זײַן ערנסטן, נישט־יונגן פּנים געזען אַ קאַלירל פֿון אַ פֿאַרליבט בחורל אָדער פֿון איינעם, וואָס איז כּאילו פֿון אַ תּפֿיסה אַרויס און האָט קיין שענערע און יינגערע פֿון איר נישט געזען. און ער איר ? וואָדען ? — אַפּנים, אַ געשטאַלט פֿון אַ מאַן זאָל בײַ אַן ערשטער באַגעגעניש מיט אַזאַ קראַפֿט אַ שלאָג טאָן אין די שלייפֿן, אין איר גאַנץ וועזן ! אַ פּרווו, וואָס האָט ביז איצט, קאָן

* איינס אין מויל, עפּעס אַנדערש — אין האַרץ.

מען זאָגן, געוויַיכט פון מענער און אַזוי אומדערוואַרט אויפגע־וועקט, אויפגעטייַעט אין איר די סאַמע פאַרבאָרגנסטע געפילן.

אויך זי האָט נישט אָן פאַרשעמטקייט — אָן איבערבלייַב פון אירע יוגנט־יאָרן — זיך אין אים איַינגעקוקט מיט נייַגעריקע בליקן און מיט אַ סימפּאַטיע, וואָס איז פון רגע צו רגע געוואַקסן און זיך געשטאַרקט. אַלץ איז פאַרגעקומען מיט אַ שנעלקייט, אַז ס׳איז קיין צייַט נישט געווען אויף נאָכטראַכטן. למען האמת, האָט אויך זי געפילט, ווי איר יוגנטלעכע התלהבות האָט זיך צון איר צוריק־געקערט.

אַ געוויינטלעכער, מילדער פּנים־אויסדרוק. אָבער אַזאַ דורכ־דרינגלעכער בליק, אַזאַ אַנטשלאָסנקייט. טיף ביז דער נשמה איז זי גערירט פון זייַן נאָענטקייט. אמתע פרייד איז ווי ריין גאָלד. אויך ריין גאָלד איז געמישט מיט עפּעס, וואָס איז ווייניקער פון גאָלד. — זי ווייסט נישט, נחמה, ווי אַזוי די זאַך פאַר זיך אַליין אויפקלערן. ווי אַ שאָטן פון אַ פליענדיקן שוואַלב איבער אַ לאָנקע — שלעפּט זיך נאָך אַ פּחד, אַ מורא נאָך דער פרייד, נאָך דער פאַרליבטער גערירטקייט:

— זאָל ער, דער שטאַלטנער מאַן, דער זון פון אַ פאַרמעג־לעכן טאַטן, אַ קאַוואַליער, זיך פאַרליבן אין אַ פּשוטער קעלנערין, אַ מאַמע פון אַ דערוואַקסן מיידעלע?

זי געדענקט נישט ווען און ווי אַזוי, פאַרוואָס עס האָבן זיך פון איר מויל אַ גליטש אַרויס געטאָן עטלעכע ווערטער צו ישׂראלן וועגן זייַן טאַטן:

— דער מענטש דריקט אויף מיר מיט זייַן איידעלער גוטהאַר־ציקייט.

אַ לייַכט־פּקחותדיק שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אויף זייַנע ליפּן. אַ שאָטן פון אייַפערזיכט? ס׳פּנים איז אַ מסור — האָט זי צו זיך געזאָגט. אפשר טאַקע יאָ אייַפערזיכט? אדרבא; ס׳וועט נישט שאַטן צום שידוך...

און ווידער רעדט זי צו זיך, אַ שטייגער זי קוקט אַרייַן אין

שפּיגל און אַ פּנים רעדט אַרויס צו איר. אַ שיין, ברונעט פּנים. ברוינע אויגן. אַ זאַנפטיק שמייכעלע, חשק-ליפּן. ישׂראל איז אַ מבין אויף אַזאַ פּנים. כאַטש פון צופיל מענערישע לאַסקעס, האַלדזון, קושן האָט זי נישט געוווסט. פון קרישקעלער ליבע און ליבע־יסורים — האָט זי געוווסט.

נישט איין מאָל קומט איר פאָר, אַז דאָס געשטאַלט, וואָס קוקט פון שפּיגל אַרויס עלטערט זיך פאַר דער צײַט, איז איר אַ שׂונא, חוזקט פון איר. אירע טעג, חדשים, יאָרן רײַסן זיך, פאַלן פון איר, ווי בלעטער פון אַ בוים אין האַרבסט: ווי די בלעטער פון לוח אויפן טיש בײַ שמואלן, ווו ער נעמט אויף באַשטעלונגען אויף שׂמחות. אָט־אָט וועלן אירע יאָרן איר לייגן קישעלעך אונטער די אויגן, אָפּווישן די לעצטע סימנים פון קוים־קווימיקן שמייכל. הענגט נישט די מיטליאַריקייט אויף איר, ווי שפּינוועבס אין שטובן־ווינקלען?

און ער, ישׂראל, לאַכט אַזוי אָפּן, שיין.

— ווײַל איז דיר מיטן הומאָר — האָט זי אים איין מאָל געזאָגט.

— אָן הומאָר איז נישטאָ קיין לעבן — האָט ער ליב געהאַט איבערצוחזרן. ער האָט באַלד צוגעגעבן: וואָס איז דער **מותר האדם מן הבהמה**, אויב נישט דער הומאָר?

שוין דער זאָג אַליין איז דאָך הומאָר.

האָט געטראָפן: זי און ישׂראל זיצן אין אַן אינטימער פּאָזע. איינער נאָענט פון אַנדערן: אַקסל צו אַקסל זיצט מען. איין האַנט באַרירט די אַנדערע. די אויגן זייערע זענען פאַרקוקט אין זיך. ס'לײַכט אַרויס פון זיי אַזאַ גוטהאַרציקייט. ציפּי קומט אַן. זי פאַר־האַלט זיך אַ מינוט־צוויי לענגער אין דער אָפענער טיר. זאָל ער זען, ישׂראל, זאָל ער קוקן אין איר זײַט אַרײַן... אין שטוב קוקט ער אויף דער מאַמען. צו איר אין האַלבן צימער קומט ער נישט. זי איז דאָך שוין אַ גרויסע, העכער פון דער אמא. שטייט אונטער נאָך אַ סעקונדע־צוויי, קוקט מיט אײַפערזיכטיקן נײַגער פון אַן

אונטערוואַקסנדיקער. נחמה לאָזט איר לאַנג נישט וואַרטן, גיט איר אַ רוף מיט דער האַנט:

— קום אַריין, ציפּי, וואָס גאַפּיעסטע זיך?

זי שמייכלט, נחמה, שטעלט זיך אויף, נעמט צו פון איר די שול־טעקע, גיט אַ פיר מיט די פינגער איבער איר קעפל, ווי ציפּי וואָלט נאָך גאָר אַ קליינע געווען. טוט אַ פאַרטײַעטן קוק אין מיידלס אויגן, אַ שטייגער זי וויל אַרויסלייענען פון זיי, וואָס טראַכט זי אַצינד וועגן איר, ציפּי.

נחמה האָט מיט מוטערלעכער זאָרג און דינער שפּירעוודי־קייט נאָכגעפאָלגט ציפּיס יעדן קער און ווענד: איר שעמעוודיקייט, איר תּמימות, איר אומדערוואַרטע דרײַסטקייט. פון וואַנעט אָט דאָס לעצטע האָט זיך צו איר גענומען — ווייסט איין גאָט.

די זאָרג נישט פּוגע צו זײַן די געפילן פון איר קינד, האָט אין איר אויפגעוועקט אַ רחמים־געפיל צו זיך אַליין, צו איר אייגענער יוגנט. דאַכט זיך ערשט נעכטן איז עס געווען. אין די רגעס זעט זי זיך שטיין ווי איבער אַ טיפן ברונעם. ס'קוקט אַרויס פון דאָרט אַ געשטאַלט — חומהלע. אַזוי האָט איר די מאַמע גערופן.

אָרעמע מאַמע. איין גרויסע שטוב. פינעף קינדער. צוויי בעטן. אַ שעניק — נאָכטלעגער פאַר די צוויי ברידערלעך. די שוועס־טערלעך זענען געשלאָפן מיט איר אויף אַ טאַפּטשאַן. אין אַן ענגער שטײַג געראָטן די גענדז — פלעגט די מאַמע זאָגן. וואָס האָט זי פון איר געראָטנקייט?

די מלחמה האָט איר פאַריאָגט קיין גאָראַדיע. אַ טיר קעגן אַ טיר פון בעניקן, סאָניע און קינד. נישט איין מאָל אַ כאַפּ געטאָן ס'קינד פון זײַנע הענט און עס גענומען קושן. מיט די ליפּן אויפן קינדס פּנימל — האָט זי געקושט זײַן טאַטן, בעניקן, דעם שיינעם מאַן, וואָס זי האָט געליבט. סאָניע האָט געזען? איז וואָס? טאָר מען שוין נישט אַ קוש טאָן אַ שיין ייִנגעלע אויפן טאַטנס הענט?

זעכצן אין זיבעצנטן יאָר איז זי דעמאָלט אַלט געווען. אַצינד איז זי אַ מאַמע פון אַ מיידעלע אין די יאָרן. מער ווי מיטן שׂכל

האָט נחמה מיט סבלנות פון אַ מאַמע־נאַטור אַצינד אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס עס לעבט איבער איר קינד, איר מיידל־קינד.

איז וואָס, אַז ציפּי דערמאָנט אַמאָל דעם „אָפּטן גאַסט", דעם „שיינעם, סימפּאַטישן מאַן?" וואָסי? — האָט זי צו זיך גערעדט אויפן קול, אַ שטייגער איינער גייט אַליין אין דער פינצטער, אין אַ וואַלד און פייפט זיך צו, כלומרשט זי איז נישט אַליין. — איז וואָס? שוין געהערט אַזעלכע זאַכן: קומט אַריין אין שטוב און זעט צוויי פרויען, ווייסטו נישט צי רעדט ער מיט דער מאַמען און מיינט די טאָכטער, צי רעדט ער מיטן טעכטערל און מיינט די מאַמען. ניין. נישט ישׂראל. אַ מענטש אַן ערנסטער, אַ שטילער, אַ געליטענער, אַ בעל־נסיון. אַ מענטש מיט יאָהנדעס. און בכלל — אַ קנאַפּער רעדער. און דאָס וואָרט וואָס קומט אַרויס פון זיין מויל איז באַזאָכט און באַטראַכט, ווערט צוטרוי. ניין. ס'איז נישט אין זיין כאַראַקטער, אין זיין התנהגות. זי וויל נישט טראַכטן דערוועגן. דווקא דאָס נישט וועלן טראַכטן — דערמאָנט איר... אין אַזעלכע רגעס באַוועלטיקט איר אי אַ פאַרלוירנקייט, אי אַ בשׂורה, אַן אָנגעזאָגטע וועגן עפּעס אויף וואָס זי האָט זיך נישט־וואַרטנדיק דערוואַרט.

אַ מאָדנע געפיל: אייגנטלעך אַ טאָפּלט געפיל, וואָס זינט זי געדענקט זיך גייט עס איר נאָך ווי אַ שאָטן. זי איז איינגעגלייבט אין איר גורל. עפּעס גוטס, דערפרייענדיקס וועט סוף־כל־סוף קומען, מוז קומען. און טאָמער קומט עס — וועקט זיך אין איר די מורא, דער ספק און ס'נישט־פאַרגינען זיך: ס'וועט איר טייער קאָסטן. דער גורל איז אַן אַכזר. ער וועט איינמאָנען דעם „חוב". זי וועט באַצאָלן, טייער באַצאָלן, ווייל דאָס גוטע איז קורץ, פאַר־גענגלעך. אייביק איז דאָס שלעכטס.

ישׂראל. ביזן קומען אַהער איז אַ העלפט פון זיין לעבן, ווי אַ וואַסער פאַרסמט פון שלאַנגען, געפלאָסן אין דער וויסטער פרעמד. אַצינד, גערייניקט פון דער צייט און דער לאַנגער בענק־שאַפט — טרינקט ער פון פרישן קוואַל, וואָס ער האָט דערשמעקט,

ווי אַ קעמל אין מידבר דערשמעקט פון מרחקים דעם ריח פון אַ קוואַל־וואַסער אונטער די זאַמדן.

ער גלייבט נישט אין נסים. אָבער יעדער אויסמײַד פון טויט איז דאָך נס. און וויפל מאָל האָט עס מיט אים געטראָפן? איז דאָס טרעפן דאָ נחמהן נישט נס? האָט זי נישט אַ האַלב לעבן דאָ אָפּגעוואָלקנט, נחמה? האָט זי נישט דערפּאַר זיך אָנגעצונדן, ווי אַ בליץ? האָט זי דאָך אים אָנומלט געזאָגט: „ס'ווערט נישט פריִער ליכטיק ביז ס'איז נישט גוט פינצטער". ניין, אים זענען נישט פרעמד די געפילן סײַ פון דער מאַמען, סײַ פון איר טעכטערל. אַ טאַטע וועט ער זײַן פאַר ציפּין. ער האָט ליב די מאַמען. ער האָט ליב די שטוב. ביידע גיבן אים דאָס וואָס אים האָט געפעלט — אַ היים.

און ער האָט זיך געפרייט, ווי עס פרייט זיך אַ האַרץ מיטן סוד פון אַן ערשטער ליבע.

אויך פאַר די שכנים פון שיכּון איז זײַן אַרײַנקומען קיין סוד נישט — ווייסט ער. שכנים האָבן נישט נאָר אויגן, אויערן, אויך צינגער: מ'מורמלט, מ'פּלעטשעט, מ'פּלאַטקעוועט:

— נחמה, אויפגעלעבט, אויפגעריכט געוואָרן.

— געזען ס'נײַע קלייד, די עלעגאַנטע לעטשלער אויף הויכע קנאַפּעלער?

— און ישׂראלן דעם שטאָלטנעם מאַן, דעם גבר?

און וויצן:

— טאַטע און זון וועלן נאָך גיין אויף אַ דועל ווי אין די אַמאָליקע ריטערלעכע צײַטן איבער אַ פרוי, אַ געליבטע.

— ביידע וועלן נאָך דעם אַלטן טאַטן ירשענען בײַם לעבן.

אַז די פּלאָטקעס זענען דערגאַנגען צו שמואלן, האָט ער געענטפערט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— כ'האָב זיי אין לוויוויטש: מקנא, וואָס ער מאַכט דעם פּיאַסטער.

ישׂראל איז ווי אַ בן־בית געקומען און אַוועקגעגאַנגען. האָט

זיך אים געגלוסט איז ער געבליבן. זיך צוגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע, אַפּגערוט, געוואַרט. זיך נישט דערוואַרט — האָט ער געוווּסט, ווו מ׳לייגט אַוועק דעם שליסל, אַז נחמה אָדער ציפּי זאָלן אים געפינען.

זענען אַלע אין שטוב, זיצט ער ווי אַ שטוביקער, אַ פּוס אויף אַ פּוס פאַרלייגט. שוויַיגט. און אַז ער רעדט — קלײַבט ער נישט די ווערטער, ווי אַ גאַסט אויף אַ ווײַל, אויף אַ וויזיט, וואָס וויל געפעלן. אָן אָנשטעל, אָן ווענלן נושא־חן־זײַן אין די אויגן פון די געסט־געבער. שוין געפעלן געוואָרן. ער ווייסט עס. די מאַמע און די טאַכטער וויסן עס.

נחמה האָט מיט שטילער פרייד און מיט אַן אינעווייניקסטן ניגון, וואָס זי אַליין נאָר קאָן אים הערן — געטראָגן אין זיך דעם סוד.

אין אַזעלכע מינוטן נעמט די ליבע צוהילף די שטילקייט. צוויי הערצער פאַרלירן זיך און געפינען זיך אָפּ אין טולעניש פון צוויי גופים. איינער איז פאַרהאַרכט אין גליקלעכן קלאַפּן פון צווייטנס האַרץ. האָט איר שוין נישט געאַרט, אַז ציפּי האָט אַ חלק אין דעם וואָס צווישן איר און ישׂראל קומט פאָר. ישׂראל ווידער האָט מיט פאַטערלעכער דאגה אָבסערווירט און באַוווּנדערט מיט וואָס פאַר אַ חוש פון אַ פרוי, אַ מאַמע, נחמה איז אײַנגעהערט אין דופק פון דער אינטענסיווער געפילן־וועלט פון איר אונטער־וואַקסנדיק טעכטערל.

צוויי פרויען. דאָס זעלבע בלוט אין די אָדערן. פון דער קלענערס בליקן קוקט אַרויס די מאָרגנפרוי. אין דער מאַמעס תנועות — זעט ער דאָס יונגע מיידעלע פון נעכטן, אייערנעכטן, חומה. אין ביידנס אויגן — צעזשאַרעטע פײַערלעך. דער טאָכ־טערס — לויטער, קלאָר, דער מאַמעס — פאַרטונקלט, טרויעריק. ערשט נאָך דעם ווי זי האָט אים דערקענט — ברענען זיי מיט יונגן פײַער.

ציפּיס וועלט — אַן אויסגעדמיונטע, רויע — אַן עופהלע

אָקערשט אויסגעפּיקט פון דער איי. האַלינאַס — אַ חרובה נעסט אויף אַן אָפּגעשרפהטן בוים.

ליבשאַפט. פאַר איינער — אַ שיף אויף קלאָרע וואַסערן. זי שווימט צו אַן אויסגעטרוימטן, אומבאַקאַנטן ברעג. פאַר דער צווייטער — אַ שיף ווײַט פון האַפן. פון הינטן — אַ צעשטורעמ־טער ים: ים פון לעבן. אַ צירונג וועט זי זײַן אין שטוב, ציפּי, האָט ער צו זיך געזאָגט. גערעכט דער טאַטע: „אַ שטוב דאַרף אַ מאַן, אַ טאַטן". נאָענט און אייגן זענען נחמה און ציפּי אים געוואָרן. אַ נײַ געפיל, וואָס איז אים ביז איצט פרעמד געווען, האָט זיך אין אים געוועקט.

און האַלינאַ האָט דאָס אַלץ אַרויסגעלייענט פון זײַן פּנים: זײַן ערנסט, שווײַגנדיק פּנים. אַ נשמה־נאָענטקייט האָט זי צו אים געפילט. אַ באַלזאַם פאַר איר אָנגעווייטיקט האַרץ. עס ציט איר צו אים, ווי ס'ציט אַ בלאָנדזשענדיקן אין וואַלד צו אַ ליכטפּונקט.

פאַר ישׂראלן איז אַ ליכטפּונקט אין טונעל פון לעבן דאָס נײַע געפיל — „וואָלט וועלט געווען וועלט — האָט ער צו זיך געזאָגט — וואָלט אַזאַ שטייגער מיידעלע, אָדער בחורל פליש פון זײַן פליש, ביין פון זײַן ביין געווען".

איין מאָל האָט ער ציפּין אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס אירצסטו מיך?

— איר זענט טאַקע נאָך נישט אַזוי אַלט שוין אָבער נישט אַזוי יונג — איז דער ענטפער געווען אַ שנעלער, אַ שטייגער זי האָט געוואַרט אויף דער פראַגע.

— און דו ביזט יונג, שיין און קלוג. זאָג מיר „דו".

העכער אַ יאָר זעט מען זיך טאָגטעגלער. יעדער איבערגע־היפּערטער טאָג צוליב עפּעס אַ נישט־פאַרויסגעזעענע סיבה — אַ גזלן וואָס רויבט צו איר געדולד, צעטומלט אירע חושים. נחמה האָט אין דער צײַט זיך אָנגעהערט פון אים אַלץ, כּמעט אַלץ וואָס מיט אים איז „דאָרטן" געשען. מער ווי ער האָט דערציילט, האָט זי אַרויסגעלייענט פון די דינינקע קנייטשעלער אַרום זײַנע אויגן:

אויסגעליכטיקטע קנייטשעלער — אַ שריפט, וואָס נאָר זי קאָן לייענען.

אַן איינאיינציק מאָל זיצנדיק בײַם טיש האָט ער געזאָגט:

מע וועט זי נאָך לייענען און לייענען אָט די „שריפט". שפּע־טער, דורות שפּעטער. שרײַבער. היסטאָריקער. אַרכעאָלאָגן וועלן אויפגראָבן דאָס פאַרשאָטענע, צעאָשטע לעבן. גראָבן טיפער און טיפער, זוכן שפורן, ביינער, קוואַלן טויטאַנגסט פון אונטער דער ערד. אויפרײַסן פונדאַמענטן פון הויכשטאָקיקע הײַזער, אויפברעכן שאָסייען נײַ־געפלאַסטערטע. צעגראָבן בליִענדיקע גערטנער, פּאַרקנס. אויסגראָבן ס'פאַרשטיקטע געשריי פון די גאַזאויוונס, ס'פאַרחלשטע געבעט פון דער שוואַנגערפרוי מיט די הענט אויפן נאַקעטן בויך: די שטומע שרעק פון קינד, די תּפילה פון זקן אַ געוויקלטער אין טלית — תּכריכים מיט שוואַרצע שלאַנגען אויף זײַן קאָפּ און נאַקן — בײַ די אָפענע מאַסן־קברים אונטער שטומע הימלען קעגן אויסגעשטרעקטע לופעס אין רוצחישע הענט.

ער איז נישט קיין פּאָעט. קיינמאָל אין זײַן לעבן קיין איינציקע שורה נישט געשריבן. אָבער עס בעטן זיך רייסן זיך ווערטער ווי פײַערצונגען פון זײַן ברענענדיק האַרץ.

אויסגראָבן די שאָטנס פון די לעבעדיק־באַגראָבענע, די בערג פּרויענהאָר — אַ צעבוואַליעטער טײַך — צעקעמט פון ווינט.

די ערד אונטער דעם גרינס פון די ברויטפעלדער: אונטער די בלימעלעך „פאַרגעס מיך נישט", וואָס שמייכלען צו דער זון.

אויפגראָבן די האַק און דעם האַקנקרייץ, וואָס האָבן ווילד געהוליעט איבער יִידיש לײַב און לעבן.

געלערנטע, אַנטראָפּאָלאָגן, וועלן פּרוּוון דעשיפרירן די רעשט־לעך, די שרידים פון מענטש, פון די מענטש־איבערבלײַבענישן, וואָס דער „דאָרטן" איז עד היום נגלה אויף זייערע פּני־מער און געמיטער. און ווײַל ס'איז נגלה, נאָענט פאַרן אויג — לייענט מען נישט. ס'געלייענטע פאַרשטייט מען נישט, מ'גלייבט

נישט... די פאַרברעכנס האָבן נישט קיין פּרעצעדענס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. מיושבדיקע מענטשן, געזונטע, קלוגע קעפּ, מיט נאָרמאַלן שכל, קאָנען נישט משיג זײַן. ס'איז פּסיכאָלאָגיש אוממעגלעך צו באַנעמען דעם סוד — געטלער־טייוולאָנישער סוד — פון יענער משוגענער צײַט, וואָס האָט אַלע נאָרמאַלע יסודות פון לעבן צעטרייסלט. האָט אַן אַנטלאָפענער פון אַ טויטן־לאַגער, אַ געראַטעוועטער פון אונטער אַ באַרג מתים פון אַ מאַסן־קבר דערציילט, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען — האָט מען אויף אַזאַ איינעם געקוקט מיט רחמנות: — נעבעך אַ געריר־טער, אַ קראַנקע פאַנטאַזיע...

די מערב־וועלט האָט אַזעלכע ידיעות, אויף וויפל זיי זענען אָהין דערגאַנגען, געסטעמפּלט, ווי איבערגעטריבענע אַנטי־נאַצי פּראָפּאַגאַנדע.

אַ לעבעדיקער פון אַ מאַסן־שחיטה האָט דערציילט:

„אַ פאָטער האַלט אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר צען בײַם הענטל, רעדט צו אים. ס'ייִנגעלע האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן פון וויינען. דער פאָטער ווײַזט אים מיטן פינגער אויפן הימל: דאָרטן, דאָרטן... אַלץ קומט פון הימל — — — שוויַיג! — רייסט אים איבער דער עס־עס־מאַן אין מיטן. דער ייִד הייבט אויף דעם קאָפּ צום אים און זאָגט:

— איך האָב סײַ־ווי געענדיקט, קאָנסט טאָן דײַן מלאכה.

ער איז שטיל געבליבן אַ ווײַלע. פאַרקוקט זיך אַריבער נחמהן און געזאָגט, ווי צו קיינעם נישט:

— די וואָס זענען דאָרטן געווען, וועלן קיינמאָל נישט אַרויס: די פון דרויסן — וועלן קיינמאָל נישט אַרײַן...

און ווידער מיטן פּנים צו נחמהן:

אָפּט קומט אים אויס, אַז נישט מיט אים איז עס געשען. נישט ער איז „דאָרט" געווען. אַן אַנדערער, אַ זיבעצניאָריקער בחור איז דאָרט געווען. איינער אַליין אויף אַ פעלד אַרומגעכאַפּט פון אַ פײַער. אַ פײַערדיקע שווערד האָט פראַנק און פרײַ,

אין מיטן העלן טאָג און אין די ליכטיק-פינצטערע נעכט גע־קאָסעט ס׳גרינע פעלד פון לעבן. איבער זײַן יונגן קאָפּ איז די שווערד פאַרהויבן געוואָרן איין מאָל, הונדערט-טויזנט און אײַן מאָל, און אים אויסגעמיטן. אַ העלד? אָ, ניין. ער איז נישט קיין העלד. נישט געווען דאָרט קיין העלדן און נישט קיין פּחדנים. מענטשן זענען געווען: מענטש און — מענטש־חיה.

ער דערציילט אַ פּאַל:

עטלעכע חדשים נאָך דער באַפרײַונג איז ער געפאָרן אויף קבר־אבות אין זײַן שטעטל. אַרײַן אין „קאָמיטעט״. ער האָט גע־הערט וועגן אַ פרוי פון אַ באַקאַנטן, אַ שטאָטישן, וואָס איז דאָ צווישן די לעבעדיקע. מ׳האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ דירה בשכנות. אַ מאָן פופצן זענען דאָרט געווען. אַ דאַמען־צושנײַדערין איז די פרוי, אַ פרימיסטן. זי איז געווען, געבליבן די איינציקע אין געטאָ וואָס האָט גענייט קאָסטיומען, קליידער, סטראָיען לעצטע מאָדע פאַר פרוי און טאָכטער פון אַ הויכראַנגיקן עס־עס־מאָן — דער „באַלעבאָס״ פון שטאָט. גענייט פאַר זיי לויט די קאַפּריזן און גלוסטעניש פון מאַמע און טאָכטער.

דער דאָזיקער „זכות״ איז איר בײַגעשטאַנען בײַ אַלע „אַק־ציעס״ און כאַפּעניש. אַ זכות פאַר איר און איר זון, אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן. בײַ דער לעצטער „אַקציע״, אַ פינצטערער פרײַטיק אין דער פרי: אויפן מאַרקפּלאַץ — צוויי טויזנט צוזאַמענגעטרי־בענע ייִדן: מענער, פרויען, קינדער. לעצטער טראַנספּאָרט קיין סאָביבאָר. מ׳קומט נעמען איר זון. די מאַמע הייבט זיך אויף פון בענקל לעם דער ניימאַשין. זי אַרבעט, זאָגט זי, פאַר דער פרוי און טאָכטער פון הער אויבערשטורמפירער.

— מען איז געקומען נעמען איר זון, נישט איר.

— אויב אַזוי — גייט זי אויך.

— שווײַגן, דרעקיקע ייִדין!

האָט זי זיך אַ שווײַגנדיקע געשטעלט פּנים אל פּנים צום מלאך־המוות׳ שליחים און געזאָגט נאָך אַמאָל:

— אויב אַזוי — גיי איך אויך. אָנעם זון האָט זי נישט וואָס צו לעבן. דעם מאַן מיט צוויי קינדער האָט מען פון איר שוין צוגענומען.

אַ שטאַפּעט איז אַוועק צום אויבערשטורמפירער. די פרוי און די טאָכטער האָבן געוויינט מיט ביטערע טרערן און זיך געבעטן בײַם הער פּאַטער און מאַן: „אָן דער ייִדישקע, דער ספּעציאַ־ליסטן בלײַבן מיר הווילנאַקעט”. וואָס טוט נישט אַ געליבטער מאַן פאַר פרוי און טאָכטער? אפשר האָט ער אויך אַ ווייך האַרץ?...

די גזרה איז אָפּגערופן געוואָרן. די נייטאָרין איז געבליבן און איר זון איז מיט איר געבליבן.

ער האָט געקוקט אויף דער פרוי, וואָס זיצט נאָך אַלץ אַזוי אײַנגעבויגן איבער דער ניימאַשין. מיט איר אַרבעטן אַצינד נאָך עלעף פּערזאָן. נאָך דער באַפרײַונג דאַרף מען אויך לעבן. מען האָט געשאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוו. די מאַמע, דער זון און נאָך אַכט גערעטעוועטע ייִדן אַרבעטן שנײַדערײַ. אָט וואָס הייסט אַ העלדיש־קייט, אַ גבוראַגטקייט פון אַ ייִדישער מאַמע. אַ קליין מאַמעלע מיט גרויסע, טרויעריקע אויגן. ליכטיקע הענט, מסוגלדיקע. דאַרע, קנאָכיקע פינגער. מיט אָט די פינגער אַרויסגעריסן פון מלאך־המוות לאַפּעס צוויי לעבנס.

אַ שעה־צוויי האָט ער זיך דאָרט פאַרהאַלטן. געקוקט אויף די געבויגענע רוקנס — אַ מאַן צוועלף — איבער די ניי־מאַשינען: זיצנדיקע, שטייענדיקע בײַ וואַרשטאַט־טישן מיט שניט־אָנוואָרף און שנײַדער־צודאַטן. אויף זייערע פּנימער — נישט קיין תשוקה, נישט קיין עצבות, נישט קיין שׂמחה. אַפּאַטיע. געהיימער פּחד האָט אַרויסגעקוקט פון זייערע אויגן. ניין. עפּעס מער און עפּעס ווייניקער פון פּחד. אַ לאַמעבגעמאַכטיקייט. אַ גרין־גראָ הײַטל האָט די אויגן פאַרצויגן, ווי די אויבערפלאַך פון אַ שטייענדיק וואַסערל. אויגן, וואָס קוקן אין ערגעץ נישט און זעען אַלץ: ווייניק זיך אָנגעזען גרוליקע בילדער, האַרצרײַסנדיקע, שווידערלעכע סצע־נעס: מאַסן־און גאַסן־מאָרד. אַקציעס. אַ יאָגן און טרײַבן מיט

ווילד געשריי, ביקסן, קאַלבעס, שטעקנס און ראַפּניקעס. מענער, פרויען, קינדער, יונג און אַלט.

מיט גלײַכגילט אויפגעהויבן די קעפּ צו זײַן אַרײַנקומען, און באַלד זיי אַראָפּגעלאָזט צו די מעבאַניש־פּאַרטוענע הענט. נישט געאײַלט זיך פרעגן פון וואַנעט קומט ער, ווו איז ער געווען, וויאַזוי איז ער אַרויס אַ לעבעדיקער. און וואָס האָט זיי שוין געקאָנט אינטערעסירן איבערדערציילן פון דער פרוי ס׳ראַטעווען אירס און דעם זונס לעבן פון די רוצחישע לאַפּעס.

ווייניק זיך אָנגעהערט, אַליין איבערגעלעבט און איבערגעשטאָרבן טויזנט און אײַן מאָל העכער דרײַ יאָר זינט געסטאַפּאָ האָט זיי — פּופּצן מאָן, דרײַ זענען אין צווישן אויסגעגאַנגען פון הונגער און קראַנקייטן — אײַנגעשפּאַרט אין אַ תפיסה־קאַמער, אַ שנײַדער־וואַרשטאַט פאַר די פינצטערע מחבלים־צוועקן. קנעכטישע אַרבעט. הונגער. אַנגסטיקער פּחד. מערדערלעכע קלעפּ.

וואָס האָט שוין די צוועלף שׂרידים פון אַן אויסגעהרגעטע שטאָט יידן, געטריבענע אין די ערגעצן פון וואַנעט מ׳קומט נישט צוריק, געקאָנט אויפהייבן, אַרויסהייבן פון דער סטאַגנאַציע: איבעררעאַשן צום גוטן, צי צום שלעכטן, דערפרייען אָדער מצער זײַן נאָכן צונעמען פון זיי ווײַב און קינד, צעראַבירן זייערע היימען?

וואָס קאָן זיי שוין ברענגען די שעה פון באַפרײַונג נאָכן פאַרלירן יעדן געפיל פון מורא פאַרן הײַנט, אַ פאַרפעסטעטן פון יידן־שׂנאה, וואָס באַדראָט זייער שארית לעבן און פאַרן האָפענונגסלאָזן מאָרגן און איבערמאָרגן, וואָס קלאַפּט אין די טויערן פון טעג און אין די טויערן פון די הערצער און זאָגט קיין גוטס נישט אָן?

# קאַפּיטל אַכצן

אַכמעד — אַ גערטנער. אַרבעט אין ייִדישע גערטנער. באַדינט ייִדישע הײַזער, הייף. כמעט אַן איינגייער אין די שטובן. אויך אין די סטודענטישע יאָרן זיך געחברט מיט ישׂראלים־סטודענטן. נישט געחברט, געווען נאָענט פון ייִדישן הויף, קאָן מען זאָגן. ייִדישע סטודענטן אין די קאַמפּוסן — שיין געקליידטע, מיט די טעקעס „דזשעמס באָנד" אין די הענט. אויף מאָטאָציקן, אייגענע מאַשינד־לער. טאַטעס, האָט ער געזען, טראָגן זיי אונטער די טעקעס ביזן קאַמפּוס. איינציקע און פּעקעלער לירות גייען איבער פון האַנט צו האַנט. באַזאָרגט מיט אַלעם גוטן קומען זיי, זאַטע, אויסגע־רוטע, אָפּגעפרישטע.

אַ סך פון זיי האָבן זיך געניייטיקט אין זײַן חברשאַפט. „אַ גוטן קאַפּ דער דזשינדזשי". אַ קלעפּל גוטברודעריש אין פּלייצע. מ׳פאַרבעט אים אויף אַ קאַפּע, אַמאָל — אַ לײַכטן ביס אין דער קאַפעטעריע. ער העלפט אַרויס מיט אַ שאלה, מיט אַ לעקציע מאַכן, גרייטן זיך צו עקזאַמענס.

אַ מאָדנע פאָלק די ייִדן. ער איז היימיש מיט זיי, אָפּט באַ־וווּנדערט ער זיי און — האָט פאַר זיי מורא. גיבורים. פאַרטריבן די אַראַבער פון זייער ערד, פון די היימען. צוריק אָפּגענומען האַלב ירושלים. אויף דרום, ביז אילת, וואָס האָט געהייסן אום ראַשראַש. (די מאַמע פון ווילדע ווינטן). דערגאַנגען, און טענהן אַז מ׳וויל זיי אַרײַנוואַרפן אין ים. אַ מיסטעריעז פאָלק. אים קומט אויס, אַז טאָמער וואָלט דאָס אמת געווען — וואָלטן זיי פון ים אַרויס קאַפּויער געקומען.

אין מצרים — קנעכט. בײַטשן האָבן געטאַנצט אויף זייערע נאַקנס, לײַבער. לעבעדיקערהייט זיי פאַרמויערט אין די פּיראַמידן. אַ

לעגענדאַרער העלד, אַ משה, זאָל זײַ האָבן פֿון דאָרט אַרויסגעפֿירט: באַפֿוילן די וואַסערן פֿון ים־סוף שטיינבלײַבן, ווי ווענט. אַן אײַנרעדעניש, אַז על פּי צדק, איז דאָס לאַנד, אַט די קליינע ערד זייער קנין. פֿאַרבלענדעניש, צי פֿאַנטאַסטישע אמונה?

אינקוויזיציע. טאָרקוועמאַדאָס. גאַזאויוונס. און אַרויס לעבעדיקע. אַ סאַלאַמאַנדרע.

אַ קאָמיש־טראַגיש פֿאָלק. לעבן מיט אַ לעגענדע פֿון צוועלף שבטים, פֿון אַלע וועלט־ווינקלען אָנגעלאָפֿן דאָ אַהער. אַנגעפֿלויגן. פֿייגל מיט אָפּגעשרפֿהטע פֿליגל. וואָס זוכן זיי דאָ? אַ זשאַרנע פֿאָטערלאַנד. די רעשטן פֿון צען שבטים זוכן זיי. דאָרטן אין דער פֿינצטערניש פֿון „סיוויליזירטן" אייראָפּע אַלץ פֿאַרלאָרן. זוכט מען דאָ אויף דער קליינער ערד, ווו די זון לײַכט אַ גאַנץ יאָר.

אַן עם־עולם. אַן עם־עולים און יורדים אויפֿן לעבן פֿון אַנדערע.

אַכמעד איבן כאַסאַן — רעדט ער צו זיך — האַ? לעבסט דאָ מיט זיי, צווישן זיי די ישׂראלים, קוקסט אויף זיי מיט פֿאַרוווּנדערונג און פּחד. קיין ברויט אויף די פֿעלדער וואַקסט נישט בײַ זיי. מ׳ברענגט מעל, ווייץ, קאָרן פֿון אַמעריקא. פֿלייש ברענגט מען פֿון היילי סילאַסי־לאַנד, נאַפֿט — פֿון רײַכן איראַנישן שכן. אַ פֿאַרקערטע פּיראַמידע: לאַנדווירטשאַפֿט דער שטיץ — אין דער ברייט, אין דער הייך, אין דער לופֿטן, שווערראינדוסטריע — אין דר׳ערד. און ס׳מערן זיך, וואַקסן הויכשטאָקיקע בנינים אין תל־אביב, אין חיפֿה, אין ירושלים. קליין־אַמעריקע אין מיטעלן מזרח, פֿאָדער־אַזיע. ווי האָט געזאָגט זײַן לערער פֿון פּאַריז, דער אַלזשיריער ייִד: „סיוויליזאַסיאָן". ער האָט גערעדט אַ פּליסיקן פֿראַנצויזיש מיט אַ היגער אײַלעניש און אַריענטאַלישער היץ.

ער לעבט מיט זיי, צווישן זיי. זינט ער געדענקט זיך, צום שׂכל געקומען, זעט ער אין דעם קאָמיש־טראַגישן פֿאָלק סײַ דעם מלאך, סײַ דעם טײַוול. אַ ספֿינקס. הייליק. אידעאַליסטיש. גאולה־

באַגריפן און — טונקעלע כּוחות שטייגן פון תהומען אַרויף, אַרויף, ווילן הערשן, געוועלטיקן.

שווער אים צו באַשליסן: צי זענען זיי צעצווייטע, צעהאַלבטע, צי — צוויי גאַנצע, אַ צווילינג.

און זע אַ וווּנדער: ישׂראלים מיט אַן אייגענער אַלטער און באַנײַטער קולטור, שפּראַך, אַזאַ גרויסער היסטאָריע און ווי פּײַן עס האָבן זיך אײַנגעבירגערט אין עברית אַראַבישע ווערטער, אויסדרוקן:

בוקראַ, חאַלאַס, פּאַלאַר, באַקשיש, מאַליעש, אַללאַ, אינשאַ־ללאַ, יעני, חאַנטאַריש, שוואַיע, מאַסאַרי, וואַללאַ. סאַכטען, ט׳פּאַדאַל, און נאָך און נאָך אויך — קללות אַראַבישע. עברית, בייבל־לשון — צו יום־טובדיק פאַר קללות.

נישט צופעליק האָט ער זײַן .B. A געמאַכט אויף דער טעמע: „הומאָר ווי אַ מיטל אויסצודריקן אַנגריף". מ׳קאָן עס, זעט ער אַצינד, אויך ניצן פאַרקערט: הומאָר — אַ מיטל, אַ פּאַנצער קעגן אַנגריף..."

מיט ציפּין רעדט ער נישט דערוועגן. געפּרוּווט בײַ אַ געלעגנ־הייט אַרײַנוואַרפן עטלעכע ווערטער — נישט פאַרשטאַנען. אפשר זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין. אָבער, ער פילט אַז זײַנע ווערטער פאַלן אויף גוטן באָדן... ווערטער — זוימען, קערנער פון ליב־שאַפט, פון אמתער ליבשאַפט. אויף איר פרי־צעאַקערט פעלד צעוואַרפט ער די קערנער. וואַרט געדולדיק ביז, די „זריעה" וועט אויפגיין. אַזוי האָט אים זײַן טאַטע געלערנט: ערד און ווײַב. יאָ. זײַנע ווערטער, פילט ער, קלאַפּן שטיל אַן אין טירל פון איר פאַר־שלאָסן האַרץ, פאַרשלאָסענעם גאָרטן, אין איר געפילנוועלט.

אַז די „זריעה" וועט אויפגיין, רײַף ווערן, וועט ער שנײַדן די פּרוכט פון זײַן זיסער מי. ער האָט צײַט. אַראַבער האָבן צײַט. אײַנגנטלעך דרײַ זאַכן האָבן די אַראַבער, וואָס יידן האָבן נישט: צײַט. געדולד. ערד.

טאַקע געזייט, ווי עס שרײַבט זיך אין די „פּסאַלמען", מיט

טרערן, דערפֿאַר וועט ער שנײַדן מיט פֿרייד. איין מאָל גיט אַ מענטש אָפּ זײַן נשמה — שרײַבט זיך אין די ראָמאַנען, לידער. בײַ אים איז עס געשען אויף אַן אמת: זײַן לעבנס־אמת. די קליינע האָט בײַ אים די נשמה אָפּגענומען מיט אַ קוש. מיט אַ קוש, וואָס ער האָט געוואָלט טאָן. זי האָט אים אָפּגעשטויסן. אַראָפּ־געהויבן אירע הענטלעך פֿון זײַנע אַקסלען. הענט — פֿליגל. זי האָט אים פֿליגל אָנגעטאָן און זי האָט זיי פֿון אים אָפּגעריסן.

אָט דער פּחד, דער מתיקותדיקער פּחד פֿון יונגן, שיינעם ייִדישן מיידל: דווקא דאָס וועלן און מורא האָבן — ציט אים צון איר, ווי אַ נאָדעלע צום מאַגנעט.

## קאַפּיטל נײַנצן

נחמה. זי איז הײַנטיקן אָוונט אין דער היים. נאָך מיטאָג האָט זי זיך צוגעלייגט אָפּרוען אַביסל. כּמעט יעדן טאָג אין דער שעה, איז זי אויפן חתונה־זאַל. זי ווייסט נישט פאַרוואָס גראָד אַצינד זיך דערמאָנט אין יענעם אָוונט, די ערשטע פאַרבעטונג אויף אַ קאַפע: אַרויסגיין פון שטוב, זיצן בײַ אַ טישל, עמעצער זאָל צום טישל דערלאַנגען. גאַרנישט קיין שלעכטער מיין פון זײַן זײַט, ישׂראלס. אַן אַנדער אַטמאָספער, אַן אַנדער טעם האָט דאָס גלאָז קאַפע. ניין. נישט געמיינט קיין שלעכטס. און זי האָט אָפּגעזאָגט. נישט שיין פון איר זײַט. נאָך הײַנט, ווען זי דערמאָנט זיך אין דעם — פאַרדריסט. אויף זיך אַליין פאַרדריסט איר.

נאַרישקייטן. אַלץ שוין הינטער זיך. ניין. זי איז נישט אַליין מער. זי איז מיט אים. ער איז מיט איר. סאַראַ מהלך אין צײַט, אין אָרט ביז די־אָ גליקלעכע טעג.

העכער צען יאָר אָן כעניקן. צוועלף יאָר זינט דער רעפּאַטרי־אַציע. ס׳געדענקט זיך נאָך גוט דער „קבלת פּנים" פון די פוילישע פּאַטריאָטן: Witajcie Rodacy! Witajcie Brodacy!

קיינעם אין דער היים נישט געטראָפן. ווישקאָוו, איר געבוירן־שטאָט, ווי אַלע שטעט, שטעטלעך — אָן ייִדן. וואַרשע — איר צווייטע היים — אַ פרעמדקייט. אַ לויערנדיקע פרעמדקייט. פּני־מער מיט פאַרשעדישע בליקן, בײַסיקע שמייכעלעך.

רעפּאַטריאַציע. פרילינג נײַנצן הונדערט זעקס און פערציק. נישט מער ווי אײַן וואָך זיך פאַרהאַלטן. זיבן טעג. זיבן זונאויפגענג פוילישע, גרינגאַלדענע האָבן באַלויכטן שטאָק און שטיין, ווו ס׳איז געווען ס׳ייִדן־פערטל אין וואַרשע.

זיבן זונפאַרגענג האָט היטלערס שאָטן זיך צעלייגט אויף די

חורבות, הויפנס גרוז און שוואַרצע, סטאַרטשנדיקע קוימענס — מצבות אויף אָפּגעמעקטע היימען. זיבן זונפאַרגענג קעגן אונטער־גייענדיקער זון פון ייִדישן לעבן.

פּוילנס זין און טעכטער, יוגנט און עלטערע פון די גוישע גאַסן האָבן געלעבט און געלאַכט אין העלן טאָג אַריַין.

פון די הויכע פענצטער פון מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס, קרולע־ווסקי, יעראָזאָלימסקי־אַלייע האָבן זיך געהערט שאָפּענישע עטיודן, נאָקטורן. אויך פריילעכע מאַזורקעס. קלאַנגען פון אַנדערע גרויסע מוזיק־מײַסטערס פון אייראָפּע האָבן אָפּגעהילכט אין די גאַסן. אָפענע רעסטאָראַנען, קאַפעען. באַלויכטענע וויסטאַוועס. וואַרשע — ריין פון ייִדן. אויף עטלעכע שעה ווידער, צום געזעגענען זיך, אַראָפּגעכאַפּט אַ היים, כאַטש געוווּסט, אַז זי וועט קיינעם נישט טרעפן. געזעגנט זיך מיט די שטיינער און ביינער אונטער די חורבות.

זיבן טעג. זיבן טעג שבעה אויף איר היים, אויף אַלע ייִדישע היימען. מיט אומלעגאַלן וועג זענען זיי אַריבער די פּויליש־דײַטשישע גרענעץ.

דײַטשלאַנד. אַ „די־פּי״־לאַגער. פּליטים. אַ קאָמפּאַקט לאַגער־לעבן אויף אונר״אַ־קעסט. אַ זומער און אַ ווינטער אויף דײַטשי־שער ערד. די האַרבסטן זענען דאָרט שיין, דערמאָנען אין פּוילישן גאָלדענעם האַרבסט. דער ווינטער יאָגט דאָרט אָן מיט פּוכיקע, דינינקע שנייעלעך, וואָס לייגן זיך גרינג אויף די רויטע דעכער און דעכלעך פון איין און צוויי־שטאָקיקע הײַזער. פּרעסטלעך אויף די שויבן, אויף די ברייטע אַספאַלט־שאָסייען, בלײַבן הענגען אויף דיביימער, ווי אַקאַציע. שליטנס. גלעקלעך. פערד מיט צעפּאַרעטע נאָזדרעס, הינטנס. קוטשמעס איבער די שטערנס. אָקערשט האַרבסט האָבן וואַרעמע רעגנס מיט ליכטיקע פינגער געפּויקט אין די שויבן. אַ קילע זון. אַן אויסגעלײַטערטער הימל.

אין די אינדערפריִען און אין די נאָכמיטאָג־שעהען טרעפט מען זיי, די יעקעס, אין די ביר־האַלעס, רעסטאָראַנען. זיצן אַרום לאַנגע,

ברייטע טישן, זופּן נחתדיק פון הויכע קופלעס שוימיקן ביר. רויִקע תנועות. האַרטע, טרוקענע געלעכטערס. „גריס־גאָט" טראָגט מען אַנטקעגן. פון די פנימער ווייעט מיט פאַרטײַעטער שׂנאה, מיט קעלט ווי פון די סקולפּטורן צעשטעלטע אויף ראָגן און גאַסן.

דײַטשישע מכלומרשטע פאַרלאַרנקייט — אַ חנופה־מאַנטעלע. פרעך און מיט ווילגעבאָוועטער געדולדיקייט, ברוגזלעך קלאָגט מען זיך אויפן גורל פון „באַזיגטע".

די קינדער לערנט מען רחמנות־פּנימער מאַכן און אויף פּאַרקנס און ווענט שרײַבן: „יודע פּעררעקע".

אַ געמיטלעכע לאַנדשאַפט. אַ ווייטיקלעכע שיינקייט. אויף מײַלן ווײַט און ברייט קייטלען זיך בײַערישע אַלפּן העט־ווײַט ביז די פּירינעען. ווי מאַמוטן ליגן זיי באַוואַקסן מיט וואַלד און גראָז.

די פרילינגס זענען דאָ לויטערע, לופטיקע. אין די פרימאָרגנס — בלוי־פיאָלעט דער קאָליר פון געבערג. בײַטאָג, אונטערן קילן, פײַנלער־אומבאַפלעקטן הימל זעט מען די שטייניקע, שאַרפע אַראָפּ־האַנגען: פלאַכע און קאַנטיקע הויקערדיקע פעלדזן מיט טיפע ריסן און תהומען.

אין די פאַרנאַכטן, איידער זונפאַרגאַנג, בלײַבט נישט איין מאָל גלײַיקער זונקאָפּ ליגן אויפן שטייניקן קאַרק, ווי אויף אַ קאָוואַדלע. רויטע פונקענשפּריצן פון צעבראַזגעטער זון מישן זיך אויס מיטן פיאָלעט פון די שאָטנס.

טיף אין די בערג, אין די שטיינערנע געדערעם פון די אַלפּן האָט גענעסטיקט — זאָגט מען — די שלאַנג: היטלער זאָל דאָרט האָבן אויסגעבויט זײַן אונטערערדישן פּאַלאַץ (דאָרט איז זײַן פאַרסמטער גוף און טייוולאַנישע נשמה אויסגעגאַנגען אין פלאַמען).

קינדער — נעגערלעך בלויאויגיקע. קעפּלעך — בלאָנדהאָריקע, געקרייזלטע האָבן געזוועט היימלאָז אין די גאַסן, גערטענער, עפּנטלעכע פּלעצער — אַן אויסשיטעכץ פון יאַדעשליווע, אַריש בלוט און בלוט פון נעגערס — רעשטלעך פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי נאָכן נצחון איבערן „הערן־פאָלק".

אַ „די־פּי״ לאַגער אין אַמעריקאַנער זאָנע. פון דאָנעט — מיט אומלעגאַלער עליה קיין ארץ ישׂראל. זי וווינט מיט דער קליינער אין אַ האַלבן צימער. פון דער צווייטער זייַט איבער אַ דיקטן ווענטל — אַ צווייטע משפחה.

— מאַמע, אמת, אַז עס וועלן שוין מער קיין מלחמות נישט זייַן — האָט געפרעגט פייגעלע.

— הלוואי.

און צו זיך האָט זי געזאָגט: — פאַרוואָס קומט זיי אַזאַ שיינע לאַנדשאַפט?

אויף די וואַליזקעס איז מען געזעסן אַ קנאַפּ יאָר. אויף „קעסט״ פון „אונרא״ און „דזשאָינט״ איז מען געזעסן. די טויערן פון ארץ־ישׂראל — געשלאָסן. איין שיף מעפּילים האָט מען אומגעקערט קיין האַמבורג. נאָענט פון ישׂראל־ברעג געכאַפּט פון אַן ענגלישע ים־בלאָקאַדע און צוריקגעשיקט קיין דייַטשלאַנד.

פון „די־פּי״ לאַגער, פון אַנדערע פּליטים־לאַגערן אין דייַטשלאַנד האָט אַ מחנה פון עטלעכע הונדערט יונגעלייט זיך אַ לאָז געטאָן צום האַמבורגער פּאָרט דערמוטיקן די צוריקגעשיקטע, נישט צו פאַרלאָזן די שיף. ווען נישט פייגעלע וואָלט זי געוועזן מיט זיי, מיט דער מחנה יונגעלייט. מיט דער נשמה, מיטן האַרץ איז זי דאָרט געוועזן. זי דערמאָנט זיך, וואָס זי האָט אין פּליטים־לאַגער געהערט פון אַ ייִד, זיך איר אייַנגעקריצט אין זכרון. ער האָט פאַרייִדישט אַ פּסוק פון תהילים: על נהרות בבל — בייַ די טייַכן פון בבל זענען מיר געזעסן און געוויינט דערמאָנענדיק זיך אין ציון...

★

די שנעלסטע חיה אויף דער וועלט איז דער געדאַנק.

פּוילן. דייַטשלאַנד. דאָ. זכרונות, געדאַנקען לויפן אום אין קאָפּ, שפּרינגען ווי וועווערקעס פון צווייַג אויף צווייַג. ביזן אָוונט האָט זיך דער נאָכמיטאָג־שלאָף פאַרצויגן. עטלעכע מאָל אייַנגעדרעמלט און איבערגעכאַפּט זיך. פון די „וועווערקעס״ ווערן

שאָטנס. זיי צעוואַקסן זיך, שפּרייטן זיך אויף די ווענט, אויפן סופיט. אַ טומאַן. שוין לאַנגע יאָרן ווי זי שלאָפט נישט קיין טיפן, געזונטן שלאָף. ניין. נישט קראַנק. אַן אומרו, אַ פּחד, אַ שפּירעוו־דיקייט וועקן אין איר די נעכט. אַזוי זינט דעם מלחמה־אויסברוך. אַ ביעזשענצע אין גאַראַדיע. אין קאַלכאַז ביי דער וואָלגע — אַן „עוואַקווירטע". מיטלאַזיע. אויך דאָ — אַ נייע עולה.

אַ פרייע, ניי לעבן. זי לעבט נאָך אַלץ מיטן דאָרטן. מיט איר טויטן בעניק לעבט זי — קעגן איר ווילן, קעגן אירע מחשבות. אַט האָבן זיך אויסגעפלאָנטערט, אַריינגעפלאָנטערט אין קאָפּ עט־לעכע לאַטיינישע ווערטער, וואָס בעניק האָט זיי פאַרטייטשט אויף יידיש. ווערטער פון דעם פראַנצויזישן פילאָסאָף, דעקאַרט Cogito ergo sum — „איך טראַכט — אַ סימן אַז איך לעב". זענען די טראַכטענישן אירע אין די נעכט, די שלאָפלאָזע נעכט — דער איינציקער סימן אַז זי לעבט? ביי אַנדערע פרויען, פאַרלער, זענען די נעכט רייטוואַגנס, קאַטשן, שיפן, וואָס לאָדן אויס די בענקשאַפט און קרענקשאַפט ביי רויקע האָפנס פון מענערישע אָרעמס און פאַרליבטע פינגער: פירן צו ברעגן פון שטילער פאַר־געסנקייט, פון גוטן שלאָף, פון זיסער מידקייט נאָך מינוטן פון שמחת־בשׂרים, וואָס ציען זיך ווי שעהען...

אויפגעלייזטע, אויסגעלייזטע לעבט מען נאָך אַמאָל איבער די צערטלעכקייטן, די קושן און גלעטן פון יענער איידער־אַקט־שפּיל אין פאַרשיכורטע רגעס. אין דער פרי שטייט מען אויף מיט צעלויכטענע פּנימער עלעהיי יונגעביימער קעגן מאָרגנשטערן נאָך אַ נאַכטיקן שטורעם. פון זייערע געמיטער, ווי פון ביימער־קרוינען אויסגעצוואָגענע, זינגען פייגעלער שירה. און די פרייד גיסט זיך אין זייערע אֵברים, ווי בוימל אין געפעסן. דער טאָג איז ווי אַ מילגראָם פול מיט המשך־חלום.

גאָר אַנדערש טייטשט זי אויס פאַר זיך דעם לאַטיינישן Cogito ergo sum. איך טראַכט — אַ סימן, אַז איך קאָן נישט שלאָפן...

אירע נעכט — אַ נאַיעניש אין געדעכעניש, וואָס נעמט קיין סוף נישט. האַלב־שלאָף, האַלב־וואָר. האַלוצינאַציע. אַ ליידיק בעט. טונקעלע ווענט. אַ בלאַסע לבנה דורכן קליינעם פענצטערל, וואָס האָט נישט גענוג כּוח צו פאַרטרייַבן די פינצטערניש, צייכנט אויף די ווענט, אויפן סופיט גרויע שאָטנס. און אָט שיילט זיך פון די שאָטנס אויס אַ געשטאַלט. אַן איבערגעבויגנס איבערן בעט שטייט עס דאָס געשטאַלט. הענט, דאַרע, בלאַסע בלאַנדזשען אַרום איר קאָפּ, אויגן. אויגן גוססדיקע, קײַלעכדיקע פיש־אויגן קוקן אויף איר. אָט בייגט עס זיך נענטער צון איר. מויל צו מויל. אַ שטייגער עס וויל טרינקען איר אָטעם.

די דאַרע, ווײַסע הענט גלעטן איר פּנים. שמאָלע, לענגלעכע פינגער מיט שוואַרצלעכע, דינינקע הערעלעך באַדעקט, צוגע־פּלאַטשטע, ווי געיאָגט פון אַ ווינטל. באַקאַנטע פינגער. זיי פּלעגן איר ביַי יעדער געלעגנהייט, די פינגער, אויף אַ שטיקל פּאַפּיר פון טיש אַנוואַרפן ליניעס, פּונקטן, צייכענען ווינקלען פון אַ בנין־פּלאַן. איידעלע פינגער פון אַ בוי־אינזשינער. זיי ציִען זיך צו איר האַלדז, צו די אַקסלען. נעמען אַרום איר נאַקעטקייט. זי פילט זײַן הײַסן גוף:

— נו, העלף מיר. רוק זיך צו אַביסעלע. נענטער, נענטער. ווו די פּראָטעזע?

— מיט דער פּראָטעזע האָסטו צו מיר די ערשטע טריט געמאַכט, מיר אַ קוש געטאָן. דעם ערשטן קוש דעם אויסגעבענקטן.

— האַנקאַ, הער אויף מיט דעם וואָס איז געווען...

— פּרווו אײַן מאָל אָן דער פּראָטעזע: אָן דער פּראָטעזע ט'דיר גרינגער זײַן...

און אָט הייבט ער זיך איבער איר אַריבער. שפּאַרט זיך אָן אויף די עלענבויגנס, קוקט איר אין פּנים אַרײַן:

— ביסט נאָך אַלץ אַזוי שיין, העליוש. ס'שמעקט פון דיר מיט פרישן לײַלעך און נאַקעטן לײַב.

— און דו ביסט ווי געווען: אַ שטאַרקער מאַן. איך האָב

דיך אַזוי ליב, כעניוש. דו האָסט מיך, ווי אין אַ בלאָקאָדע אַרײַנ־געגומען. איך קאָן נישט אַרויס.

— דו ווילסט נישט אַרויס, טײַערע, איך האָב דיך ליב.

זי געדענקט נישט ער זאָל איר אַמאָל האָבן געזאָגט: „איך האָב דיך ליב״. אַזוי קלאָר אַרויסגערעדט די פיר ווערטער.

און ווידער שטיל. טונקל. ס׳עלעקטרישע לעמפל אויפן סופיט, וואָס זי האָט צום שלאָפן גיין פאַרגעסן אויסצולעשן, מאַכט נאָך געדיכטער די טונקלעניש. שעה פון שוין נישט נאַכט און נאָך נישט טאָג. דאָס איז די פינצטערע שעה איידער עס ווערט ליכטיק. די גרענעץ איז אָפּגעווישט. אָפּגעווישט די גרענעץ צווישן וואָר און חלום, צווישן לעבעדיקע און טויטע. אָט שטייט ער, כעניק. אַ געשטאַלט אָן וואָג, אָן אַ פּנים. אַסטראַל־לײַדיק. דין־וויברירנדיקע כוואַליעס. לופטיקע קרײַזן. אַ קרײַז אין אַ קרײַז.

זי הערט זײַן האַסטיק אָטעמען, ווי געקומען צולויפן פון ערגעץ ווײַט. ווי פון ערגעץ ווײַט הערט זיך זײַן קול — שוואַכער, דומפּי־קער, ווי פריִער ווי פון אַן אָפּגרונט, פון אַ קבר אַרויס הערט עס זיך. עס שרעקט. זי עפנט דאָס מויל. שרײַט.

פלוצעם — אַ שטיקעניש אין קעל. זי קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן. זי עפנט די אויגן מיט אַ... געוואַלד!

לעם איר בעט שטייט ציפּי:

— וואָס איז דיר, אמא?

— גאָרנישט, קינד מײַנס. אַ חלום. אַ נאַרישער חלום.

אָפן די אויגן. דער עכאָ פון איר אייגן קול קלינגט איר אין די אויערן. נאָך ווערטער, אָפּגעריסענע, קלינגען איר אין די אויערן: כעניקס ווערטער אויפן טויטן בעט:

„אַז דער טויט ווערט געבוירן שטאַרבן אָפּ אַלע האָפענונגען. דער טויט, אַה? טויט איז אַזאַ זאַך... אַ זאַך, וואָס מ׳קאָן מער נישט טויטן... אַנטלויף! אַנטלויף פון כעניקן אין לעבן אַרײַן!״

נחמה זיצט אויפן בעט אָנגעלענט אין אַ קישן. ציפּי האָט צוגעברענגט אַ גלאָז טיי:

— לילה טוב, אמא. (אַ גוטע נאַכט, מאַמע).

ציפּי איז צוריק אין איר בעט. זי איז אַליין. אַליין מיט זיך. מיטביידע הענט האַלט זי דאָס גלאָז טיי. זופּט. אַ זופּ און אַ פּויזע. קלאָר און דײַטלעך קומען פון אירע ממעקים אַרויף כעניקס ווער־טער. אַט דער שוויַיגער, דער שטילער געניסער, האָט זיך איין מאָל פאַר איר צערעדט. נישט ווי אַ בוי־אינזשינער האָט ער גע־רעדט. אַ פּאָעט. נישט גערעדט. ווי אַרויסגעלייענט די ווערטער פון אַ געשריפטס:

„פרוי איז פאַר אים נישט דווקא אַן אָביעקט פון פאַרגעניגן. פרוי איז אַ מין באַשעפעניש, וואָס טראָגט די וועלט אונטער אירע ריפּן. דער מאַן יאָגט זיך נאָך איר, וויל צוריק זיַין ריפּ. ער וויל זיך דערגאַנצן. פרוי איז ליד און לעבן. זי קאָן ליַידן און ליבן. זי איז פּעוּקער פון מאַן איבערצוטראָגן יסורים און פרייד. אַ מוטער־פייגעלע איז זי. איר שטוב איז די נעסט און איר פלי — ביזן הימל”.

פרויען פאַרשטייען מער, ווי זיי ווייסן — האָט זי זיך נאָך אַמאָל דערמאָנט זיַין זאָג. אַ חוש איבער, אָדער אונטער, זייער באַוווסטזיַין געוועלטיקט: אַ זעקסטער, אפשר אַן ערשטער־אור־ערשטער חוש, אַ שׂכלדיק געפיל. עפּעס חיהשעס. יאָ, אַ חיה. דערפאַר זענען זיי אַזוי מענטשלעך. אַן אַבסורד, אַ פּאַראַדאָקס. אַן אמת. דער אמת פון פּאַראַדאָקס.

## קאַפּיטל צוואַנציק

סוף זומער. ווי ס׳טרעפט דאָ אָפט גיבן זיך, אָן איבערגאַנגען, אַ רוק אָן די צײַטן פון יאָר: זומער־ווינטער, ווינטער־זומער אָן פרילינגן, אָן האַרבסטן. פון צפון יאָגט מיט אַמאָל אָן אַ ווינטל. איבערן הימל פאַרציִען זיך וואָלקנס. ס׳ווינטל ווערט שיטערער, קילבלעכער. אַ זוניק רעגנדל. אָנהייב האַרבסט. לויפסט איבער די גאַסן און טאַפּסט אָן מיטן וואַרעמען פּנים די קילקייט פון אַ קומענדיקן רעגן.

אין די חדשים חשוון־כסלו, קומען די רעגנס אומגעריכט מיט שטורעם און מיט גבורה נאָך לאַנג־חדשימדיקע זומערס מיט היצן, כאַמסינען. טרעפט — אַזוי גיך ווי זיי קומען הערן זיי אויף. דער הימל אויסגעוואַשן, ווי אַן אויסעוויינט פּנים פון אַ קינד. גייסט פאַרבײַ אַ פעלד, מערקסט אַ קוים־קוימיקן, יונגן שפּראָץ, שטחים, נישט־באַוווינטע, באַקומען אַן אויפגעפרישטע, גראָגרינ־לעכע מראה.

דיביימער, נאָכן אָפּשווענקען פון זיי דעם שטויב, גיבן אַרויס אַ שמעקעדיקן ריח. ווי אויסגעצוואָגענע כלות שטייען די שלאַנקע ציפּרעסן, איבערבלײַבעכצן פון אויסגעקאַרטשעוועטע פּרדסים. שומרים זענען זיי אַצינד, די ברושים, ווי מ׳רופט זיי דאָ, פון נײַ־אויפגעשטעלטע שיכּונים, הײַזער, שולן, קינדער־גערטנער, פּאַרקן.

טרעפט: אין סאַמע מיטן ווינטער — פרילינג. דער דרויסן — אַן ערב־פּסחדיקער ווי אין דער אַלטער היים. יונגן אַראָמאַט אָטעמט מען אין זיך אַרײַן. אויף אָט דער קליינער ערד, די קליינע גאַסן, טרעפט אויך, אַז אויף איין טראָטואַר רעגנט און אויפן צווייטן, אַנטקעגנדיקן — טרוקן, ריין. פלינקער, גרינגער איז אין

אַזעלכע טעג דער טראַט און ס'איז דיר אַ קנאַפּע נפקא מינה צי איז פרילינג, צי האַרבסט, צי ווינטער.

אָוונט. איינע פון די קילע, לויע חשוון־אָוונטן. נחמה איז היינט אין שטוב. זיצט ביים אָפענעם פענצטער און קוקט אַרויס צום איינציקן שאָטן־בוים אין איר גערטנדל. ווי אַ שירעם שפּרייטן זיך זיינע צווייגן. אין די אָוונטן זאַמלט ער אַרום זיך די שאָטנס און די שטילקייט. אַן אויסגעשטערנטער הימל. אַ פולע לבנה גיסט אַ העלע שיין אויפן שמאָלן וועגל, וואָס פירט צום אַריינגאַנג אין שטוב. מיט דעם וועגל דאַרף אָנקומען ישׂראל. ציפּי, די גאַנצע קלאַס, איז אַרויס אויף אַ צווייטאָגיקן אויספלוג קיין אילת.

מיט אַ טאָג פריִער האָט ישׂראל שוין געוווּסט וועגן ציפּיס אויספלוג קיין אילת. אַ פרייד און אַ זיס דריקעניש האָט אים אַרומגעכאַפּט: אַן אינטימער אָוונט מיט נחמהן, אַליין אין צווייען.

מיטן אַריינקומען, צוזעצן זיך אויף דער קאַנאַפּע, אַרומקוקן זיך — האָט אים די שטוב, וואָס ער קען אַזוי גוט, דער „סאַלאָן", האָט אים מיטאַמאָל אויסגעזען קלענער. ווי די ווענט וואָלטן זיך צונויפגערוקט, געטוליעט צו אים מיט אַ נאָענטקייט פון אַן ערשט מאָל אין אַ חדר אין אַ האָטעל, אין דער פרעמד. אַ פרעמד, וואָס וועקט אינטימקייט, נאָענטקייט.

אויך אין האַלינאַס אויגן זעט ער צום ערשטן מאָל אַ פרייד אַ פאַרטייעטע, אַ חשק אַ ברענענדיקער. ס'פּנים לייכט אויף איר. אירע שיינע אויגן, די קאַרע, קוקן אויף אַראָפּ, ווי ביי אַ יונג מיידל ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט אַ מאַן.

איך גיי — זאָגט זי מיט אַ פאַרשעמט שמייכעלע אויף די ליפּן — זיך מאַכן אַ טוש. זי איז נישט געגאַנגען. זי איז פלינק און גרינג אַריין אין באַדצימער. ישׂראל האָט געהערט ס'אַראָפּשאָקלען פון די לעטשלעך. מיט אַ געדאַנקען־בליק גייט ער נאָך איר יעדן באַוועג פון איבער דער וואַנט: ס'אויסטאָן ס'קלייד, ס'אַראָפּציִען ס'העמד איבערן קאָפּ, די צוויי קליינע רינגען אַרום אירע פּיס

פון די אַראָפּגעפאַלענע אונטערהויזן. באַלד וועט זי אונטערן שטילן גערויש פון וואַסער־שפּריץ איבער דער וואַנע, אײַנזייפן די קערפּערטיילן, רונדיקייטן, ביז די באַהאַלטנסטע ווינקלען פון איר קליינעם גוף.

אַן אויפגערוימטע, אַן אויסגעפּאַרעטע וועט זי אין לאַנגן שלאַפראָק אַרויס פון באַדצימער מיט אַ פאַררייטלט פּנים, צעפלאָ־שעטע נאַסלעכע האָר אַרומגענומען מיט אַ האַנטעך און — אַ פּאָר ליכטיקע אויגן.

און אָט שטייט זי פאַר אים. אַ גאַרטעלע פאַרציט דעם שלאָפ־ראָק, בולט אויס איר שמאָלע טאַליע ביז אירע אייבערשטע און אונטערשטע שענקלען. אַ פרישער ראָז באַדעקט איר האַלדז ביז אַראָפּ צום האַלב־אָפענעם דעקאָלט. אַ שמעקעדיקער ריח, ווי פון אַ צעעפנטער, אויסגעשטאַנענער בלום שלאָגט פון איר. אַ פרילינגס־ריח: צווייטער פרילינג פון אַ פרוי נאָענט פון די פער־ציקער.

זי זעצט זיך צו אויפן ראַנד בעט. מיט אַ טאָפּלטן בליק קוקט זיך דאָס מאָל אײַן אין איר ישׂראל. אַ בליק פון אַ מאַן און אַ געליבטן פאַר וועמען אָט דער פרויען־סוד איז נאָך אַ פאַרשלאָ־סענער גאָרטן, און נאָר, מעג מען זאָגן, אַ דריט אויג פון אַ קינסטלער, למשל, אַ מאָלער־מײַסטער, קוקט אויף אַן אָנגעצווי־גענעם ווײַסן לײַוונט, וואָס רייצט און רעגט זײַנע הענט.

מיט דורשטיקע אויגן טרינקט ער די אויפגעוואַכטע יונגשאַפט פון דער פרוי, וואָס זינט ער האָט זי באַקענט באַגערט ער זי. זײַנע אויגן קאָנען זיך נישט אָנזעטיקן. זי וועט אים געהערן. ביידע ווייסן דאָס. ווייסן און שווײַגן. אַ שווײַגן — אַ שטילקייט ערב שטורעם. אַ ליבע־סימפּאָניע שווײַגן אויס צוויי הערצער. איינס הערט ס׳פאַרשטאַרקטע קלאַפּן פון צווייטנס האַרץ.

אין דער שוואַכער שײַן פון איינציקן לעמפּל אויפן סופיט, גיבן די נאַסלעכע האָר די צוגעקלעפּטע צום שטערן אונטערן

האַנטער, אַרויס אַ לילאַ קאָליר. ער געדענקט נישט, ישׂראל, ווען דאָס פּנים האָט צו אים אַזוי רייצנדיק געלויכטן, געשמייכלט. קיין קנייטשעלע זעט ער אַצינד נישט אַרום אירע אויגן, מוילווינקלען. אַ זיצנדיקער אויף אַ שטול קעגן איר, בייגט ער זיך צו, ציט אויס זײַנע מענערישע הענט, נעמט זי אָן בײַ דער טאַליע, הייבט זי אויף און דריקט זי צו אַ שטייענדיקער נענטער צו זיך.

ווי לאַנג זיי זענען אַזוי געשטאַנען געדענקט ער נישט, אויך נחמה געדענקט נישט. זי פילט די צודרינגלעכקייט פון זײַן גוף, ער — איר ווייליקע, בייגעוודיקע נאָכגיביקייט. אײַנגעפּלאָכטענע איינער אין צווייטן, פאַלן זיי ווי אײַן גוף אויפן בעט.

זײַן קאָפּ איז איצט אײַנגעניורעט צווישן אירע בריסטן. ער טרינקט די דערבאַרעמדיקע וואַרעם, וואָס שלאָגט פון זיי. אַזוי טרינקט אַ מידבר־וואַנדערער מיט הייסע ליפּן פון אַ פרישן קוואַל. נחמהס פינגער־באַריר פילט ער אויף זײַן נאַקן. ער גליטשט זיך, דער באַריר, ווי אַ „מאַרש" פון מערישקעס אויפן האַלדז, און פון האַלדז נידעריקער און פראַנטאַל ביז דער האָריקער ברוסט פון זײַן צעשפּילעטן העמד. אַ זיסער שווידער נעמט דורך זײַן לײַב: אַ שווידער און אַ היץ פון רוקנביין ביז אַרויף צו די שלייפן.

העכער צען יאָר האָט אים צום פײַער פון פרויענלײַב געצויגן. ווייניק ייִדישע מיידלעך געטראָפן „דאָרטן". מיט נישט־ייִדישע האָט ער זיך נישט געפרײַנטלט. קאַלט און פרעמד, דראַמאַטיש זענען סתּם פרויישע לאַסקעס, צערטלערײַען. אַ וואַרעמער פראָסט יאָגט פון זייערע לײַבער. די ווייניקע, אינטימע מינוטן מיט אַזעלכע — אַ זונה — פרויען זענען אויך צופיל... דער „פראָסט" גייט אָפּ אויף די געפרווירענע „שויבן" — זייערע אויגן — בײַם ערשטן הויך פון מויל. אויך די סעקונדעס פון תּאווה זענען קורצע, געלאָשענע פײַער־פלעמלעך. די וואַרעמקייט, אויף וויפל זי איז פאַראַניק, אַ ווינטערזון צום פאַרגיין. קאַלט לאָזן זיי די מינוטן פון שׂמחת־בשׂרים: געקויפטע פרייד־מינוטן פון פאַרקויפטע נשמות אַ ליידי־קייט כאַפּט אַרום נאָכדעם. אַ ליידיקייט פול מיט קרענקשאַפט און

בענקשאַפט צו אַן עפּעס, אַן אמת, וואָס זאָל דיך אויפהייבן, אַרויסהייבן פון דער געפאַלנקייט.

אַצינד פיבערןביידע אויס דעם ווייטיק פון ליבשאַפט. ביידע אַרומגענומען פון אַן אינערלעך פייַער, פון אַן עלעקטרישן בלוט־שטראָם: שטראָם פון גוף צו גוף, וואָס גיסט זיך איבער, ווי עפּעס קאָכעדיקס פון געפעס אין געפעס.

— דו ביסט אַ שטילער געניסער. איך גיי אויס נאָך דייַנס אַ וואָרט.

— נישט די צייַט אַצינד פון ווערטער.

— דייַן געלאַסנקייט רעגט אויף, רעגט אָן...

— ששש... ששש.

לאַנגע מינוטן וואָס האָבן זיך געצויגן ווי שעהען האָט גע־דויערט דער שטורעם.

ס'ווייַסע האַנטעך פון אונטער נחמהס קאָפּ, ליגט אַן אויפגע־בונדנס — צוויי ווייַסע פליגל. ווייַט, ווייַט טראָגן איר אַצינד די פליגל אַוועק. ווייַט אויף צוריק צו אירע יוגנט־יאָרן אָן ליבע: צו די יאָרן פון אַזוי צו זאָגן ערשטער ליבע. אַזוי שווער זי דער־ראָבערט און אַזוי שנעל אַוועק: אַוועק און נישט אַוועק... זי ליגט אַן אויפגעבונדענע, אַ באַפרייַטע. ווי נאָך אַ חופּה־נאַכט ליגט זי. ס'האַנטעך, ס'ווייַסע קישן — אַ כּלה־שלייער.

ערשט ישׂראל דערפילט אַן אָניאָגנדיקע קראַפט אין זייַנע שטאַרקע אָרעמס. זייַן גוף — אַן אָנגעצויגענע פּרוזשינע. אַ פרישע היץ פאַרשטראָמט אים.

נחמה האָט זיך דערמאָנט, אַז די טיר איז נישט פאַרשלאָסן, ס'ליכט — נישט אויסגעלאָשן. זי וויל אַראָפּ פון בעט. ישׂראל ציט זי צוריק.

— ניטע, מיר'ן אַצינד טון ס'זעלבע אין דער ליכטיק.

— אַזויווי פריִער?

— ניין. פריִער האָב איך די ליכט נישט באַמערקט. אַצינד, פּנים אל פּנים — אַ טאָפּלטע ליכטיקייט...

ער איז אַראָפּ פּאַרשליסן די טיר. כּהרף־עין איז זי ווידער אין זײַנע אָרעמס. דער צווייטער שטורעם האָט געדויערט לענגער. עס האָט זיך געפּאָדערט אַביסעלע מער צײַט נאָך דער אויסלאָדונג פון דער ערשטער ענערגיע.

זיי זענען געלעגן אין אַ פּאַרקערטער פּאָזע. אויף זײַן פּנים איז געפאַלן אַ שמאָלע פּאַסמע נאַסלעכע האָר פון האַלינאַס קאָפּ. שווער געווען אין די רגעס אונטערשיידן צי איז עס די נאַסלעכקייט פון טוש, פון וואַנען זי איז פריִער אַרויס, צי פון שוויס, וואָס דער שטורעם האָט אַרויסגערופן.

אַ ווײַבלער־רייצנדיקער ריח פון אַ קאָפּ האָר, וואָס האָבן מער ווי אײַן מאָל אײַנגעזאָפּט פרויען־פּערפיום — האָט ער דערשמעקט.

איר בייגעוודיקער, שמאָלער גוף האָט געציטערט אונטער זײַנע גלעטן, ווי אַ כוואַליע, וואָס אַ ווינטל איז איבער איר אַריבער. אַן ערעטישער ציטער פון אַ גוף אַן אויסגעבענקטן נאָך לאַנג־אײַנגעדרימלטע באַגערן. אַזוי ציטערט, טרײַסלט זיך אַ בער נאָכן אויפכאַפּן זיך פון אַ ווינטער־שלאָף.

דער ריח פון אירע האָר, דער שווייסיק־זיסער גערוך פון איר אויפגעוואַכטן לײַב אין ריטמישע באַוועגונגען, אין געברום פון אַ שטילן ניגון, וואָס נאָר ער קאָן אים הערן — האָט פאַרשיכּורט זײַנע חושים.

— דו ביסט מײַנע אויף אייביק. נאָר אַ געפּרוווטער אין אומגליקן, אין דערנידעריקונגען, אַן אײַנגעהערטער אין געוויין פון יידישע גאַסן, שטיינער פון ייִדישע גאַסן נאָך אויסגעליידיקטע שטובן און אויסגעשאָכטענע לעבנס, קאָן שאַצן די ליבשאַפט און דעם חסד פון אַזאַ ווי דו, טײַערע — האָט ער איר אַרײַנגעשעפּטשעט אין די אויערן.

— איך וועל דיך אָוועקרויבן פון דײַן טאַטן.

— און דו וועסט מיר זײַן אַ ווײַב.

אין נחמהס אויגן האָבן זיך מניה וביה אָנגעצונדן צוויי רויטע

לעמפּעלער. זי האָט זיך, ווי איינער כאַפּט זיך אויף פון אַ חלום, אַ בייזן חלום — אַ זעץ אויף געטאָן.

— וואָס איז געשען, נחמה ?

— גאָרנישט.

— האָב איך עפּעס שלעכטס געזאָגט ?

— דו האָסט גוט געזאָגט.

— איז וואָס, פּאַרט ?

— און מיר איז שלעכט געוואָרן...

— פון מיינע ווערטער ?

זי דרייט אָפּ דעם קאָפּ אין אַ זײַט, צעשאָקלט די נאַסלעכע האָר, אַזוי, אַז זיי זאָלן פאַרשטעלן איר פּנים. זי וויינט. צוויי פולע, ליכטיקע טרערן קײַקלען זיך אַרויס פון אירע אויגן.

— האַלינאַ !

— רוף מיך נחמה.

ער זעצט זיך אויף. שאַרט אַוועק די פּאַסמע האָר פון איר פּנים, נעמט איר קאָפּ אין זײַנע הענט אַרײַן :

— וואָסי ? פאַרוואָס וויינסטו ?

— פאַר עפּעס.

— וואָסער עפּעס ?

— גאָרנישט.

— איך וויל וויסן.

— ס'ט וויסן.

און נחמהס פּנים פאַרקרימט זיך אין אַ וויינענדיק-לאַכנדיקער גרימאַסע עלעהיי אַ קינד, וואָס די מאַמע האָט עס איבערגעבעטן מיט אַ קוש און עס האָט מיט פאַרטרערטע אייגעלער גענומען לאַכן :

— ישׂראל, נשמה מײַנע.

— איך וויל וויסן, שוין וויסן, נחמה.

— דײַנע ווערטער...

— מײַנע ווערטער ?

— יאָ, ליבער. „און דו וועסט מיר זײַן אַ ווײַב".

— נישט אמת?

— אמת ויציב.

— איז וואָסזשע וויינסטו?

— טרערן פון פרייד.

— אַצינד ווייס איך שוין גאָרנישט.

— די דאָזיקע ווערטער, אַביסעלע אַנדערש צעשטעלט, האָב איך געזאָגט אים...

— וועמען אים?

— ווייסט שוין וועמען.

— ניין. כ'ווייס נישט.

— בעניקן האָב איך געזאָגט „אַ ווייב וועל איך דיר זײַן".

✶

אַ בענקשאַפט, אַן אײַנגעדרעמלטע בענקשאַפט האָט זיך אין נחמהן יענעם אָוונט געוועקט. מיטן באַקענען, דערקענען ישׂראלן האָט זי געפילט: עפּעס האָט זיך אין איר אַ ריר געטאָן: עפּעס אַזוינס, אַ שטייגער, אַ זוניקער שטראַל רײַסט זיך אַדורך אַ שווערן וואָלקן. אַ וואָלקן איבער איר קאָפּ, אין איר געמיט, וואָס באַרעגנט מיט אומעט, מיט טרויער אירע קנאַפּע צוועלף יאָר זינט זי איז אַהער געקומען. דאָרטן צווישן די ווילדע, פּירקאַנטיקע פּנימער, נידעריקע שטערנס, שמאָלע, וועלפישע אייגעלער, אין זאַמד אונטער ברענענדיקער זון, אונטער אַ ברעטל „פּה נטמן" — איבערגע־לאָזט איר איינציקן, ערשטן געליבטן.

אַ נײַ, באַנײַט געפיל, ווי קיינמאָל ביז איצט, האָט ישׂראל אויפגעוועקט אין איר. יעדער באַוועג זײַנער, זײַן שמייכל, די טיף־האַרציקע שטים, די מילדקייט בעתן רעדן, די מתינות בעת די אינטימע מינוטן: זײַן ערנסט און זײַן לעבנס־נסיון — דערמאָנען איר בעניקן. אַ שטייגער בעניקס נשמה, בעניקס כאַראַקטער, זײַן מענערישקייט און מענטשלעכקייט איז מגולגל געוואָרן אין ישׂראלן.

די ערשטע ליבע לעבט זי אַצינד איבער: די ערשטע ליבע —

אין געשטאַלט פון אַ צווייטן. ניין. עס איז נישט דער צווייטער. אַן ערשטע זיך־איבערחזורנדיקע ליבע. מיט נשמה־וויבראַציעס, מיט איר גאַנצער געפילנוועלט באַגערט זי אים, ישׂראלן. אָן ווערטער האָט זי עס אים געזאָגט. ער ווייסט עס. ער לייענט עס אַרויס פון אירע אויגן. איר האַרצשריפט לייענט ער.

אָ, יענער אָוונט. יענע ערשטע נאַכט מיט ישׂראלן.

מיט שטילן שאָרך פון אַ פאַלנדיקער פרי, אַ רײַפע, צופוסנס פון אַ בוים — איז זי געבליבן ליגן. לעם איר — ישׂראל, דער „בוים”, וואָס פון זײַנע צווײַגנהענט האָט זיך די פרי אָפּגעריסן און אַ קײַקל געטאָן.

אָט אַזוי־אַ לעם אים, אין אים וויל זי ליגן און גאָרנישט טראַכטן.

און ישׂראל האָט געטראַכט אַ טראַכטונג:

כּדי עס זאָל געוועלטיקן צווישן מאַן און פרוי יענע תשוקה נאָך וועלכערביידע לעכצן, און זיך פאַרשליסן אין אײַן גוף — האָט אַ מידבר, קאָנטיק, צווישן ביידע זיך באַדאַרפט שפּרייטן: מידבר פון לעבן און אַ לאַנג בלאָנדזשען. און עס איז געשען. זי, נחמה — אַ ריינער וואַסערקוואַל און ער — דער דורשטיקער ביז שיכּרות... אַ טראַכטונג אויפן קול איז דאָס געווען. און ער ווייסט נישט, ישׂראל, צי זי האָט זײַנע ווערטער באַנומען. און עס איז אים אַ קנאַפּע נפקא מינה. ווערטער. ווערטער. וואָס זענען ווערטער ווען צוויי נשמות ווערן אײַן גוף?

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים. יאָ ער שלאָפט. זי האָט זיך אויפגעהויבן. אַראָפּ פון בעט. גענומען אויף זיך דעם שלאָפראָק. פאַרדרייט ס׳ליכט און צוגעגאַנגען צום פענצטער.

שפּעטע סוף זומערנאַכט. איינע פון סוף זומערנעכט אויס־געלײַטערטע, אויסגעהעלטע נאָך אַ רעגן. אַ וווּנדער איר וואָס זי האָט נישט געזען, נישט געהערט ווען דער רעגן האָט אָנגעהויבן, ווען זיך געענדיקט. אײַן שטערן אויפן הימל. אײַן גרויסער, לעצטער שטערן צום אויסהויכן פון דער נאַכט. נאָענט פון פענצטער —

דער שאָטנבוים. ער איז ברייט און הויך צעוואָקסן, גרייכט ביז איבערן פלויט. דורך זײַנע שיטערע צווײַגנבלעטער, רײַסט זיך דורך דער שטערן, פאַלט אויף דער קאָשעטקע נאָענט פון ישׂראלן. אַ וואָלקן האָט פון ערגעץ אָנגעיאָגט און פאַרשטעלט דעם שטערן.

טונקל אין שטוב. ישׂראל ליגט מיטן פנים צום סופיט. זי קוקט זיך צום ווייפלסטן מאָל איין אין זײַנע פולע, שווערע ליפּן, אין חנעוודיקן מויל, וואָס האָט זי אָקערשט אָפּגעדעקט מיט הייסע קושן. וועלכע האַנט האָט דעם שטערן, דעם לעצטן, אויפן האַלבנאַכ־טיקן הימל געצונדן? אַוודאי די האַנט, וואָס האָט דעם פריִערדיקן פאַרלאָשן. שטערן־מזלות. גורל.

ישׂראל ליגט אויף דער קאָשעטקע קעגן פענצטער מיטן פנים אַרויף. שלאָפט מיט אַ טיפן, געזונטן שלאָף. זי גייט אַוועק פון פענצטער. זעצט זיך אויפן ראַנד קאָשעטקע, נעמט אַרום מיטביידע הענט זײַן פנים, ווי אַ מאַמע נעמט ס׳פּנים פון איר קינד אין די הענט, בייגט זיך צו און פרעסט אָפּ אַ קוש אויף זײַן מויל. עס לאַכט פון שלאָף דאָס מויל, ווי אַ קינד שמייכלט אַרויס פון אַ גוטן חלום. גוט איז איר אַצינד, נחמהן: גוט — אי באַנגלער, אי שלווהדיק.

און דער שטערן אויפן הימל? ווידער שווימט ער אַרויס. ציטערט, ווי אַ ווינטל וואָלט איבער אים אַריבער. ניין. ציטערט, ווי אַ טרער אויף אַ וויִע: איר טרער פון פרייד און פון בענקשאַפט.

## קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

נישט אַלץ קאָן מען דערציילן. און צו וואָס? דאָס מעג זי וויסן. זי דאַרף עס וויסן, נחמה.

אויף אַ באַנק אין סקווער זענען זיי געזעסן. אין מיטן סקווער — אַ פֿאָנטאַן. פֿינעף שלאַנגען־פּיסקלעך. און ס'צעשפּריצן זיך וואַסער־רערלעך, ווי געשליפֿן גלאָז. אַ רעגנבויגיקע פֿאַרבנשפּיל אין דער שײַן פֿון רויטלעכע, בלויע עלעקטרישע לעמפּעלעך צע־האַנגענע אויף די ביימער: ברעכן זיך, פֿאַלן אַראָפּ, קרייצן און פֿאַרלירן זיך אין וואַסער־שפּיגל פֿון באַסיין. גרינע סטעזשקעס. ביימער. ס'ליכט פֿון עלעקטרישע לאָמפּן שפּאַרט דורך די בלעטער־קרוינען און שפּרייט זיך אויפֿן נידעריק־געשניטענעם גראָז, אויף די פֿאַרשאָטנטע סטעזשקעס, ווי טיגערנע פֿעלן. אַ קיל אָוונט־ווינטל מיט אַ געזאַלצענעם ריח יאָגט פֿון נאָענטן ים. דיזענגאָף גאַס — די שענסטע, באַוועגלעכסטע, בעיקר אין די אָוונטן, פֿון צפֿון תל־אביב. מיט דער גאַס זענען נחמה און ישׂראל געקומען אַהער.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער אַליין דאָ שפּאַצירט. נישט דאָס ערשטע מאָל מאַכט ער אָוונט־שפּאַצירן אויף דער באַלעבטער גאַס. רעכטס פֿון סקווער — אַ טונקעלע אַלייע, ער האָט זיך צו־געזעצט אויף אַ באַנק. אַקעגנאיבערדיק איז געזעסן אַ מיידל. אַ יונג, גאָר אַ יונג מיידל. נאַכט־אויגן. לאַנגע, שוואַרצע האָר פֿאַר־נומען אין אַ וואַלעק. אָרום וואַלעק — אַ רויטע סטענגע אין אַ קאַקעטישער שלייף.

— שלום אדון — האָט זי אַ ווײַסן שמייכל געטאָן.

ער באַטראַכט זי:

אַ רויט זשאַקעטעלע פֿאַרוואָרפֿן איבער די אַקסלען. אַ זומער־

קליידל פון ביליקן שטאָף. נאַקעטע פיס אין רויטע לעטשלער, אָפּגעטראָגענע, כּאַטש אין דרויסן איז האַרבסטלער־קיל. הויכע, דינע פיס ווי פון אַ שטרויס־פויגל, גרייט אויף אַ הייב טאָן זיך און אַפּטראָגן.

— דאַרפסט זיך נישט בייזערן, אדון, שלום.

ער האָט זײַן פאַרוווּנדערטן עטוואָס אַפּווײַכנדיקן בליק פון איר נישט אַראָפּגענומען:

— ווּהין אײַלסטו ?

— אייגנטלעך — אין ערגעץ נישט.

— ווער ביסטו, מיידל ?

— כ׳קאָן זײַן דײַנע.

ער האָט נישט געענטפערט. זי האָט זיך אויפגעהויבן און געלאָזט גיין. אומזיכערע, בלאָנדזשנדיקע טריט פון אַ היימלאָז מיידל. אַ פרעמדע זעט זי אים אויס, אַ פּראָווינצעריין, קאַנטיק. מיידלעך פון דעם סאָרט, פון דער גרויסער שטאָט, נישט ווײַט פון ים־ברעג, חברן זיך נישט מיט אַזאַ שטייגער צוגעקומענע — איז אים אויפן זינען געקומען. מעגלעך — צוליב „פּאַר״־קאָנקור־רענץ. זי איז אַוודאי פון דרום־לאַנד : אשקלון, דימונה, באר־שבע. געבראַכט געוואָרן אַהער אויף אַ נאַכט, אפשר אויף עטלעכע שעה פון אַ גאַסט אַ גרויסשטאָטישן, צוגערײַזטן. מסתּם איז זי אויך „יונג״ אין פאַך.

עטלעכע מעטער פון דער באַנק, אויפן אַספאַלט־כּביש, האָט מיט רווישיקן אימפּעט, זיך אָפּגעשטעלט אַ „פּאָלקס־וואָגן״. זי איז צוגעגאַן. אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ אין פאָדערשטן פענצטערל. אַ געבויגענע — אַ לעבעדיקער פראַגעצייכן — איז זי אונטער־געשטאַנען עטלעכע מינוט. ס׳טירל פון דער מאַשין האָט זיך געעפנט און זי איז אַרײַן אינעווייניק, פאַרמאַכט ס׳טירל הינטער זיך מיט אַ קלאַפּ. ער האָט געהערט ס׳האַסטיקע לאָז טאָן זיך פון מאָטאָר. די מאַשין האָט מיט ווייכן געוואַקל זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט.

אַ רחמנות אויפֿן יונגן מיידל — האָט ער צו זיך געזאָגט. דאָרטן, אין פּוילן, האָט ער זיי געזען אַ סך, כּמעט אויף אַלע גאַסן; בײַ די האָטעלן, בײַ די גרויסע שפּײַז־קראָמען, קאָאָפּעראַטיוון און נאָענט פֿון די פֿאַבריקן, ווו הונדערטער אַרבעטער זענען באַשעפֿטיקט. פֿרעמד, אָפּשטויסנדיק זענען זיי אים דאָרט געווען. דאָ — עקלען זיי און רופֿן אַרויס רחמנות. עס האָט אים פֿון דעסטוועגן געוווּנדערט: דאָ הי, אין ערשטן צענדליק פֿון יונגן ייִדנלאַנד — דאָס „אַלטע פּאַר"?

געדענקסט, נחמה — האָט ער נאָך אַ לענגערן שווײַגן אָנגעהויבן — כ'האָב דיר דערציילט פּאַרוואָס כ'האָב געמוזט אַוועק פֿון דער גויע, מײַן באַלעבאָסטע, ווו איך האָב זיך אַ לענגערע צײַט אויפֿגעהאַלטן. איך האָב אויך מ'טאַטן דערציילט. אָבער נישט אַלץ דאַרף אַ טאַטע וויסן. אַצינד וועל איך עס מאַכן „פּאַדראָבנע".

אַן עלטערע קריסטן פֿון אַ יאָר זעקס־אַכט און דרײַסיק. האָט ערגעץ אַ זון אַן אומגעזעצלעכן. אַ וועשין. אַ געזונטע גויע.

— יאָ, איך געדענק, אַוודאי געדענק איך.

ווו אַ חגא, אַ יום־טוב, שוין אָפּגערעדט פֿון אַ זונטיק, האָט זי אים געשלעפּט אין קאָשטשאָל אַרײַן. אויסגעסטראָיעט זיך אין קאָליריקע בלוזקעס, יופּקעס. די קאָלטענעוואַטע, פֿלאַקסענע האָר פֿאַרהויבן ביז איבער די אויערן. אַ בלויע צי רויטע סטענגע אין אַ שלייף. ביליקע בראַנסלעטעלעך אויף די הענט, קרעלן אויפֿן האַלדז. אַמאָל — אַ געבלימטע פֿאַטשיילע אויפֿן קאָפּ, אַ היטעלע „נאַ באַקער". לאַטשן אויף אַ הויכן אָפּצאַס. פֿאַר אים — איר סובלאָקאַטאָר — אָנגעגרייט אַ געפּרעסט אויבערהעמד, ריינע שקאַרפּעטן, אַן אויסגעבאַרשטע מאַרינאַרקע. אָפּזאָגן זיך פֿון גייען אין קאָשטשאָל האָט געקאָנט אַרויסרופֿן פֿאַרדאַכט. יאָ גייען — קאָן ער נישט די פּירעבצער, ווען מיטן גאַלן קאָפּ, ווען מיטן היטל, ווען זיך איבערצלמען, די מאָדליטוועס קאָן ער נישט. האָט ער געזוכט תּירוצים. ווי לאַנג קאָן מען זיך אויסדרייען, צוטראַכטן

תּירוצים? איין מאָל האָט זי אים געשלעפּט אויף אַ פּאַרווײַלונג. אַנגעטרונקענע כלאָפּעס וואַרפן אויף זיי אויגן: שיכּורע, פּרעכע אויגן. גראָבע וויצן, אַנצוהערענישן אויפן „פּאַרל״. נעמען נישט אַראָפּ די קוקערס פון איר און פון „פּאַרטנער״. שמייכלען גנביש, ווי איינער רעדט:

— אַזאַ שנעק, אַזאַ יונגער פּאַצעט, ער קאָן דאָך זײַן איר זון...

האָב איך געהאַט אַ גוטן תּירוץ מער אויף „זאַבאַוועס״ גיי איך נישט. זי האָט געלאַכט: וואָס גייט דיך אָן? זיי אויף צו פּיקעניש...

ווינטער, נײַנצן דרײַ און פערציק. ווײַנאַכט. פּרעסט, דער שניי סקריפּעט אונטער די פיס. אַ גאַנצן טאָג האָט געשיט. אַ פּאַרגלי־ווערטע ווײַסקייט הענגט אין דער לופטן. די זון — אַ רויטלער־פּאַרלאָפן אויג. — האָט זיך צווישן אַזייגער איינס־צוויי אַ ווײַז געטאָן און געבליבן אײַנגעפרוירן. אַ פאַרשטעקטע אין קאַלטן הימל אַדורכגעשפּיזט דורך שנייוואָלקנס. פון די ראַנדן דעכער האָבן סאָפּלעס אײַז, ווי איבערגעקערטע ליכט, געטריפט. טריפנדיק געפרירט, פרירנדיק געטריפט, זיך געבראָכן און אַראָפּגעפאַלן. אין די מאָרגנס האָט די זילבערנע פוכיקייט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ בלענדיקן גלאַנץ. דער גלאַנץ איז מאַט געוואָרן פון די פאַלנדיקע שנייעלער. זיי האָבן געפּריסעט אין די אויגן, גענעצט דאָס פּנים, געקיצלט אין נאָז און געלייגט זיך ווייך אונטער די פיס. די ווײַסע ווינטער־וועלט האָט געצאַפּלט אין זײַנע אויגן ווי אַ זילבערנער פיש: ער איז מיט איר אין שטוב און — אַליין. אַליין מיט דער פּראַסטיקער זילבערנער נאַכט.

אין שטוב איז יום־טובדיק, היימלער. דער טיש איז געגרייט; וורשט, האַרטע אייער, קעז, שוואַרצע פעניצן ברויט. זויער קרויט. אַ פלאַש וואָדקאַ, אַ ווײַנאַכט־קוכן. אַזאַ טיש האָט געקאָסט שיין געלט. זי האָט זיך געקאָנט פּאַרגינען. דער סובלאָקאַטער האָט געצאָלט. (אויסער דעם וואָס דער טאַטע האָט אים באַזאָרגט מיט

פרעמדער וואַלוטע, איַינגענייט אין די בגדים, האָט ער געאַרבעט אין אַ צוקער־פֿאַבריק און נישט שלעכט פֿאַרדינט).

— וואַצעק, מיר גייען אין קאַשטשאַל.

נישט געווען קיין ברירה.

אַ פּאָר אָפּיצערסקע שטיוועלעך האָט ער געהאַט איַינגע־האַנדלט אויפֿן מאַרק. אַריַין אין זיי. אַ קורטקע, אַ וואַלענעם שאַליק אויפֿן האַלדז. אַ מאַטשעיוווקע, אַ פּאָר געשטריקטע הענטש־קעס און — אַרויס פֿון שטוב. דעם קנאַפּן קילאָמעטער צום קאַשטשאַל מאַכט מען צופֿוס. ס'איז, זאָגט זי, געזינטער און וואַרעמער. אַנגעקומען. מיט נאָך מתפּללים ביַי די אָפֿענע טירן. איז גוט און נישט גוט. גוט, וואָס ס'איז בעסער אין דרויסן ווי אינעווייַ־ניק. אינעווייניק, ווען אַראָפּנעמען ס'היטל, ווען צלמן זיך? פֿאַר דער מעסע, נאָכדעם? תּפֿילות. געזאַנגען. מאַכן מיט ליפּן? ווי גיט מען זיך אַן עצה? אַן אַרטיסט דאַרף מען זיַין אויף אויסשפּילן אַזאַ ראָלע. אין דרויסן? ווי גיט מען זיך אַן עצה מיט דער קעלט? דער פֿראָסט וואָס האָט אין די אָנהייב נאַכט־שעהען זיך גענומען שטאַרקן — ברענט אין די אויערן, אין שפּיץ נאָז, פֿרירט די פּיספּינגער און די פֿינגער פֿון די הענט אין די הענטשקעס. פֿון דעסטוועגן איז אין דרויסן גרינגער. ער איז פּטור פֿון אַ סך זאַכן פֿון אינעווייניק.

אים לאָזט אָבער נישט אָפּ דער געדאַנק: טומאה. שקץ תּשקצנו. ער שטייט לעבן איר מיטן היטל אין האַנט. די עסעדיקע קעלט האָט זיך געזעצט אויפֿן קאָפּ, געפֿרירט די האָר ביז די וואָרצלען. באַקאַנטע, שכנים וואַרפֿן בליקן אויף איר, דער עלטערער שיקסע, דער אויסגעסטראָצלטער ביַי דער זיַיט פֿון יונגן קאַוואַליער. ס'האַרץ קלאַפּט — אַ גזלן. „אַ האַרץ קאָן מען טויפֿן, אַ האַרץ קאָן מען נישט קויפֿן" — דערמאָנט ער זיך מ'טאַטנס ווערטער. און זי? — ווי נישט איר מיינט מען. אויף צופֿיקעניש אַלע, טוליעט זי זיך צו אים, שמייכלט, ווי איינער רעדט:

— וואָס זאָגסטו נישט צו די נישט־פֿאַרגינערס?

העכער אַ שעה האָט געדויערט די צערעמאָניע פון מקבל־פנים־זײַן ס׳נײַיאָר. די גאַנצע צייט — אין דרויסן. ער האָט דורך די האַלב־אָפענע טירן געזען די ברענענדיקע ליכט קעגן דער „הייליקער מוטער״, די שטיינערנע שווערע געוועלבונגען, די טיפע טונקלעניש און די געדיכטע באַלײַכטונגען, וואָס האָבן נישט פאַריאָגט די שאָטנס פון די הויכע ווענט און באַלקן אויף די דיקע זײַלן. דער עכאָ פון צעזונגען־צעצויגענעם קול פון גײַסטלעכן בײַם אַלטאַר בעתן אָפריכטן די תפילה, וואָס האָט זיך ביז אין דרויסן געהערט — האָט אין אים אַ שרעק געוועקט; אַן אַלטע שרעק פון די חדר־יאָרן. דעם רבי ר׳ פנחסלס דראָענדיקן פינגער האָט ער פאַר זיך געזען: „אַ ייִדיש קינד טאָר די שוועל פון דער טומאה נישט איבערטרעטן. שקץ תשקצנו״.

צוריק אין שטוב. אַן אינטימע וואַרעמקייט שלאָגט פון אונטערגעהייצטן קאַפלע־אויוון. די פראָסט־בלומען אויף די שויבן — צערונען. זעען אויס, ווי שפּינען, ווײַסע שפּינען צעקראָכענע. מ׳וואַרפט אַראָפּ פון זיך ס׳ווינטערדיקע אָנטאָן, מ׳זעצט זיך צום געגרייטן טיש. פערטל און האַלבע גלעזער וואָדקאָ. מ׳פאַרבײַסט. מ׳שלינגט. זי די ערשטע, ער — נאָך איר. חלילה אָפּשטיין. ער, אַ קאַוואַליער, אַ יונגער יאַט — טאָר נישט אָפּשטיין. שיכּורלעך־קרום פאַלן אירע בליקן אויפן כּמעט־אָפּגעליידיקטן טיש. פון טיש — אויף אים. מידע בליקן, הערן נישט אויף שמייכלען פאַרפירעריש: אויף שטומלשון רעדן זיי:

— מ׳דאַרף מאַכן נאַכט...

דער קאָפּ דרייט זיך אים. אַ שווינדלעניש פאַר די אויגן. די ווענט וואַקלען זיך, פאַלן אויף אים. שווער קומט אים אָן ס׳אויפהייבן זיך פון בענקל. נאָך שווערער — די עטלעכע טריט צו זײַן בעטל. אַקעגן איר בעט שטייט עס, און אים דאַכט זיך, אַז ס׳איז ערגעץ ווײַט פאַררוקט און אַ ווינקל. אויפגעשטעלט זיך, אין מיטן וועג זיך פאַרהאַלטן, צוגעזעצט זיך אויפן בעטל קעגן צעזשאַרעטן אויוון.

זי, זעט ער, אויף די קני ווי צו אַ תפילה שטייט אַגעבויגענע בײַם אויוון מיט אַ בלעכן לאָפּעטקעלע צעשאָרט זי די צעגליטע קוילן, שיכּורלער קנאַקט דאָס פײַער, שיקט היימלעכע לופטכוואַליעס. זיי מידן אײַן זײַן שווערגעוואָרענעם גוף. די פײַערצונגען רייטלען איר פּנים, אירע נאַקעטע הענט, די אָרעמס פון אונטער דינע אַקסל־בענ־דעלער פון נאַכטהעמד. ער האָט נישט געזען ווען זי האָט זיך אויס־געטאָן, ווען האָט זי דאָס זומערדיקע נאַכטהעמד אויף זיך גענומען. אַ דורכזיכטיק העמד אין סאָמעראָדנע ווינטער־נאַכט. ס'נאָפּט־לעמפּל אויף דער וואַנט בּאָרעט זיך מיט די שאָטנס. דער פלאַם אין אויוון העלפט אַרויס. אַן אינטימע רויטלעכע טונקלעניש הילט אײַן דעם איינציקן, גרויסן צימער, די צוויי בעטן איינס קעגן אַנדערן.

פון שיכּרות, צי אַ ווײַבעריש חנדל, האָט זי פאַרגעסן אַראָפּ־וואַרפן פון זיך די לעטשלער מיט די הויכע אָפּצאָסן. האַלבע און פערטל שיכּורלעכע טאַקטן פון עפּעס אַ „מוזיק", וואָס נאָר זי וויל הערן — קלאַפּן זיי אויס אין דער טונקעלער שטילקייט. איר צערייטלט פּנים לאַכט צו אים:

— וואָס גאַפּיעסטו זיך, וואַצעק?

— איך בין מיד.

אַ האַלב־אויסגעטועטנער זיצט ער אויפן בעט. אַ פּנים אַנדרימלט געוואָרן. ער האָט געפילט מ'ציט פון אים אַראָפּ די הויזן, די שקאַרפּעטקעס. ווייכע, וואַרעמע הענט פּאָרען זיך אַרום אים. ניין. נישט קיין הענט. קעצישע פּיסלער דראַפּען, קריכן אַרום אים. פון אויוון נישט ווײַט פון בעטל יאָגט אַ היץ.

— העי, טי גלופּי! דו טיפּש! — הערט ער איר קול. וועקט זיך איבער.

אַן אָנגעבויגענע איבער אים שטייט זי. איר פּנים, האַלדז אָפּגעדעקטער ביז די בריסטן, פלאַמט אין דער טונקלעניש. אַ היץ יאָגט פון איר, ווי פון אונטערגעהייצטן אויוון. די אויגן גלאַנצן. ער געדענקט שוין נישט ווי אַזוי ס'איז געשען. אַ פּנים די מידקייט,

אַ באַרוישטער פון דער וואָדקאַ, וואָס ער האָט אין זיך געגאָסן, ווייניק געגעסן — האָבן אים איינגעשלעפּט.

שלאָפט ער? איז ער האַלב־וואַך? חלומט ער? ליכטלער, שטערנדלער, פליטערלער, גלעקעלער קאָליריקע אויפן ווײַנאַכט־בוים פינקלען, בלישטשען. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער איר געהאָלפן באַצירן דעם בוים אונטערן פענצטער לכבוד די ווײַנאַכטן. אויך די כאָינקעס אויפן וועג אַהין און צוריק פון קאָשטשאָל בלענדן, בלינצלען פאַר די אויגן.

אויסגעמיטן די טומאה — פינקלט אויף אַ געדאַנק. זײַן פוס איז אינעווייניק נישט געווען. גוט געשפּילט די ראָלע פון אַ וואַצעק — פלאָנטערט זיך אין זײַן פאַרנעפּלטן מוח דער צעפינקלטער געדאַנק. צופרידן מיט זיך גיט ער אַ צי די קאָלדרע איבער קאָפּ און — אַ צוגעטוליעטער צום געלעגער שלאָפט ער אײַן.

אין שלאָף פילט ער ווידער די זעלבע ווייכע, וואַרעמע באַרירן פון קעצישע פיסלעך. ניין. הענט. זיי דעקן אָפּ די שפּיצפּיס. קאַלט. ער קורטשעט זיך אײַן. די וואַרעמע הענט ווערן שווערער, גרעסער, שאַרן זיך אַרויף, אַרויף ביז די קני, קיצלען אים אין דיך. ער כאַפּט זיך אויף.

די באַלעבאָסטע זיצט אויפן ראַנד פון בעטל. אירע פּאַספּאַרישע בליקן אויף זײַן פּנים. ס'נאַכטהעמד אויף די צוויי אַקסלבענדלער איז פאַרהויבן ביזן סוד פון איר ווייבלעכקייט. נאַקעטע שענקלען. ס'שלאָגט פון זיי אַ וואַלד־ריח, און זייער קאָליר, ווי פון שטיקער ביימער נאָכן אָפּשיילן פון זיי די קאָרע. אַ האַלבצעטומלטער ווישט ער זיך די אויגן, ווי ער וואָלט זיך נישט גלייבן אַז דאָס איז זי, זײַן באַלעבאָסטע. העכער צוויי יאָר האַלט ער זיך אויף דאָ. אין אַזאַ פּאָזע האָט ער זי נאָך נישט געזען. אַ האַרבער ריח פון וואָדקאַ הערט זיך. ער זעצט זיך אויף. ס'האַרץ קלאַפּט — אַ גזלן. אין מוח עקבערט אַ געדאַנק:

— קוים דערטאַפּט זי זײַן ייִדישקייט. אוי, שרײַט ער אויס.

אַ געשריי געטאָן און באַלד זיך צוריקגעכאַפּט, אַ דערשראָ־

קענער פון זײַן „אוי״. ער דערמאָנט זיך: זי האָט אים איין מאָל געזאָגט, אַז „אוי״ איז אַ ייִדישער קרעכץ. די זשידעס שרייען „אוי״. אַ קריסט, אַז ס׳טוט אים עפּעס ווײ — שרייט ער: — אַ, יעזוס!

אַ שווידער אין רוקנביין איז איבער אים אַריבער. און זי רירט זיך נישט פון אָרט. קוקט אויף אים מיט אויגן פון אַ חיה. אַ ווילדע חיה, אַ געררייצטע, וואָס זעט פאַר זיך אַ מענטש. זי איז גרייט אים צו פאַרצוקן. מינוטן דויערט ס׳איבערקוקן זיך. איר אייבערשטע ליפּ — פאַרריסן. די ציין בלאַנקען אין דער טונקלעניש — אָט־אָט בײַסן זיי זיך אין אים איין. ס׳פײַער אין אויוון איז געלאָשן. דער הויכער קאַפּלעאויוון זעט אים אויס ווי אַ פינצטערער שומר, אַ דעמאָן. אָט וואַרפט ער זיך אויף אים איר שומר... אַ וואַרעמקייט יאָגט פון אירע נאַקעטע אָרעמס, פון האַלדז, פון די פיס ביז אַרויף די שענקלען. אירע שווערע הענט אויף זײַן בויך. נישט קיין הענט, לאַפּעס. אַ צערייצטע חיה. עס גיט אים אַ קידע. ער מוז עפּעס טאָן. עפּעס אַ וואָרט כאָטש זאָגן. און ער געפינט נישט דאָס וואָרט. אָט גליטשן זיך אירע הענט אויף זײַן ברוסט. העכער, העכער אַרויף צום האַלדז. דערשטיקן וועט זי אים. איך בין פאַר־לוירן — זאָגט ער צו זיך. אַוודאי באַזעסן פון אַן עראָטיש געפיל, אַ ווילן פון אַן אויסגעהונגערטער חיה. אירע ליפּן באַוועגן זיך און ס׳לשון — אָפּגענומען. נאָר די אויגן רעדן. די ציין ציִשען שלאַנגיש:

— נו, שנעק איינער, וואָס זיצטו ווי אַ גולם?!

נישט אַנדערש — זאָגט ער צו זיך — טאָמער טו איך נישט אַצינד, וואָס זי וויל בין איך נישט קיין מאַן אָדער — נישט קיין קריסט.

אַ זשיד איז ער. אַ פאַרשטעלטער קריסט וווינט בײַ איר. שלאָפט אויף איר בעט. עסט בײַ איר טיש. זי וואַשט זײַן וועש. די זשידעס, צום טײַוול, זענען פון גאָט פאַרשאָלטן. אויסראָטן דאַרף מען זיי. דערוואַרגן אים אָדער — אין די הענט פון געס־טאַפּאָ איבערגעבן.

פון אַזויפיל געפּאַרן אַרויס. נסים. טויזנט און איין נס. צוליב אַזאַ זאַך פּאַלן אַ קרבן? ניין. דער ייִד אין אים וויל לעבן, מוז לעבן, דערלעבן זייער מפּלה. פאַר דער מצווה פון לעבן מעג מען באַגיין אַן עבירה. דאָס איז דער געבאָט פון דער שעה, פון דער רגע. גאָט איז אַן עדות. גאָט, וואָס האָט אים שוין נישט דאָס ערשטע מאָל געראַטעוועט פון גויִשע הענט. וועט ער אים נישט אויסלייזן פון די לאַפּעס פון דער צערייצטער חיה?

ער איז שוין וואַך. אַלע חושים אין אים זענען וואַך. אַ, סאַראַ וווּנדער — רעדט ער צו זיך — גראַד אַצינד, אין די גורלדיקע מינוטן, זיך דערמאָנט אין אַ זאָג פון אַ חכם: „אויך גאָט איז נישט אָן זינד — ער האָט די וועלט באַשאַפן. ויהי ערב ויהי בוקר"... משמע: אויך די פינצטערניש האָט ער באַשאַפן.

פינצטער אין שטוב. אין דער פינצטערניש וועט זי נישט וויסן, די שיכּורטע, זי טאָר נישט וויסן ווער ער איז. ער איז וואַצעק. ער, איר סובלאָקאַטאָר, איז געגאַן מיט איר אין קאַשטשאָל, ברענגט שפּייַז־פּראָדוקטן אין שטוב אַרייַן. אויך די קוילן די שטוב צו באַהייצן האָט ער דאָקאַזשעט. נו, וואַצעק זייַ נישט קיין יאָלד: וועסט איר איבערלעבן, וועסט דערלעבן זייער מפּלה. זיי אַ מאַנס־ביל... און ער האָט די ראָלע אויסגעשפּילט ביזן סוף.

אַ שווער שווייַגן איז אין דער גרויסער, פינצטערער שטוב געבליבן הענגען אין דער לופטן. ווי אַ געהרגעטער איז ער געב־ליבן ליגן. נישט געזען ווען זי איז פון זייַן בעט אַרויס.

דאָס איז געווען די לעצטע נאַכט, זייַן לעצטע נאַכט בייַ דער גויע. העבער צוויי יאָר אויפגעהאַלטן, אויסגעהאַלטן. קנאַפּע אַכצן קילאָמעטער פון זייַן שטאָט, זייַן געבוירן־אָרט, זייַן שטוב, זייַן שטאָט אָן ייִדן.

ישׂראל איז שטיל געבליבן. שווער געאָטעמט, ווי נאָכן קריכן אויף אַ הויכן באַרג: אויפן באַרג פון זייַנע איבערלעבונגען, איבערשטאַרבונגען. אַצינד דאַרף מען אַראָפּגיין — זאָגט ער צו

נחמהן — אַוועק, אַוועק פון „דאָרטן” — קנאַפּע פיר יאָר אויף אַ שפּיצבאַרג איבער אַ תהום...

נישט געוואָלט, נישט געוואָלט נאָך אַמאָל איבערלעבן יענע גרוילן. ווילסט פאַרגעסן. צווינגסט זיך פאַרגעסן און פאַרגעסט, אַז דאָס עצם טראַכטן דערוועגן — מיינט געדענקען. די דאָזיקע זכרונות — אַ קראַצן אין די נישט־פאַרהיילטע ווונדן: אַ פּיקן פון אַ שנאָבל, אַ שנאָבל פון אַ קראָ — אויפן אָרט פון דער ווונד... פאַרוואָס זאָלסטו עס נישט וויסן? — האָט ער ווי צו זיך אַ זאָג געטאָן.

— איך מעג עס וויסן, ישׂראל. איך דאַרף עס וויסן.

— פאַרוואָס זאָגט מען: „שווײַגן איז גאָלד?”

— ווו נעמט מען ס'גאָלד פון שווײַגן?

אַ פלעדערמויז איז מיט ווייכן פליגלפאָך אַרויס פון הינטער אַ בוים. מיט צעעפנטע פליגל אַ שער געטאָן דעם „קרעפּ” פון דער נאַכט. אַ פײַערפליג האָט פון גראָז אַרויס אַ פינקל געטאָן. צו זייערע אויערן האָט זיך דערטראָגן אַ צעצויגענער פײַף, אַוודאי פון אַ דאַמף־שיפל אויפן ים, לינקס פון סקווער.

— מ'דאַרף גיין.

— יאָ. מ'עט גיין.

## קאַפּיטל צוויואונצוואַנציק

אַכמעד. ציפּי ווייזט זיך נישט מער. לאָזט נישט הערן פון זיך. מאָדנע: אויך ס׳גערטנעריי, ס׳מטפל זיין זיך מיטן לעבעדיקן גדר, די ביימלעך — פּיניש. געענדיקט. אַ געהיימע האַנט, אָדער אַ בייזע האַנט איז דערביי. באַשערטקייט? גורל? גאָט? אַללאַ?

אַכמעד איבן כּאַסאַן פילאָסאָפירט:

„אתה גבר נחמד״. ביסט אַ סימפּאַטישער מאַן — האָט אים ציפּי איין מאָל געזאָגט. נישט „אדם נחמד״, משמע — „גבר״. די ווערטער האָבן אין אים אויפגעציטערט, אַ שטייגער, מ׳וואַרפט אַ שטיינדל אין וואַסער אַריין און עס צעבלעזולט זיך אין רעדלעך: אַזוי האָט זיך אין אים פון פרייד ס׳האַרץ אין רינגען צעטאַנט. און פּלוצעם — נישטאָ. ביינאַכט אויפן געלעגער, ביים טאָג, ביי וואָס ער זאָל נישט טאָן — ציפּי. אויך די אַרבעט, גערטנעריי — פּיניש. איז עס אַ צופאַל? ניין. נישטאָ קיין צופאַלן. סיבות זענען דאָ. ער געפעלט איר נישט. אַן אַראַבער. קליינגעוויקסיק. אַ בושה. בושה איז ווערליק שפּינאָזאַ אַ קרומקייט. מ׳דאַרף זי ביייקומען. אמת, נישט קיין שיינער. לעבט ער דאָך מיט דער מחשבה זינט ער איז צו זיין באַוווסטזיין געקומען. נישט איין מאָל ביייגעקומען, גובר געווען. זענען די שיינע, הויכע מענער אַזוי גליקלעך, ווי די נישט־שיינע אומגליקלעך? — ווען יאָ וואָלט דאָך די וועלט אַן אַנדער פּנים געהאַט...

ווי באַלד דער מענטש איז אַ טייל פון דער נאַטור, וואָס האָט, ווערליק שפּינאָזאַ, איר לאָגיק — איז ער, אַכמעד, אַן עסטעטישער פּגם, אַ קאַפּריז פון דער לאָגיק. ווו זוכן דעם ענטפער? אין די בלעטער פון דער „עטיק״, אין דער „תורה פון די מידות״? — ער האָט דאָך אין זיי אַזויפיל זיך אַריינגעלעבט אין דער שטודירצייט.

אַכמעד האָט געפונען אַרבעט עטלעכע הייזער ווייטער פון

זעלבן שיכּון. זעט ער אין דעם, ווי מ׳זאָגט אַן „אצבע אלוהים״. רעקאָמפּענסאַטע. פּאַרט נישט מער ווי עטלעכע צענדליק מעטער פון ציפּי. אפשר וועט זי זיך אַ וויַיז טאָן. ווער ביסטו אַכמעד איבן כּאַסאַן — זאָגט ער צו זיך. אַן אַראַבער. געענדיקטער סטודענט. איצט: גערטנער. גיב אַ קוק אויף דײַן פּנים, דײַן שאַרפן קין, דער כּמעט טיפּיש־ייִדישער אויסבויג פון דײַן נאָז אין גלײַכער ליניע צו דער פאַרשפּיצטער גאָמבע, וואָס גיט צו דײַן אויסזען אַן אויס־נעמלעכן כּאַראַקטער: אַזוי זעט אויס אַ טיפּ מענטש, וואָס „גייט מיטן קאָפּ אין דער וואַנט״. וואָדען? וואָלט אַן אַנדער, געוויינלע־כער אַראַבער, אַ זון פון אַ פֿאַלאַך ערגעץ אין אַ פּליטים־לאַגער, נאָענט פון די דרײַסיק, זיך פאַרליבט אין אַ גימנאַזיסטין? אַ שיינע, אַ קלוגע אינטעליגענטע ייִדישקע?

ער איז, קאָן מען זאָגן, דאָ הי בײַ די ישׂראלים, אַ שטוב־מענטש. ס׳הייסט — אַן אייגענער. איז אָבער די מעשׂה, וואָס די „שטוב״ איז נישט זײַנע און — אַ מענטש? אַן אַראַבער איז ער. זיינע גורל־חברים קוקן אויף אים מיט חשד, וואָס גרענעצט זיך מיט פּחד „נישט כּדאי אַרײַנגיין מיט אים אין לאַנגע שמועסן״: אויסמײַדן אים, פרײַנדלט זיך צופּיל מיט ישׂראלים. ער, אַכמעד, צאָלט זיי אָפּ מיט ביטול־בליקן, מיט אינטעלעקטועלן רחמים און פילאָסאָפישע דריידלער. די ישׂראלים ווידער באַנעמען זיך מיט אים, ווי מיט אַן אינעוויניקסטן און, ווי זאָגן זיי: — כּבדהו וחשדהו. (גיב אים אָפּ כּבוד און היט זיך פאַר אים...).

פליגל האָט זי אים אָנגעטאָן, ציפּי. אָט הייבט ער זיך אויף, מיט אים — ציפּי.ביידע פליִען אַוועק איבערן „גרינעם פּאַס״. דאָרטן וועט ער מיט די אייגענע הענט, ווי זײַן טאַטע, ציגל אויף ציגל אויפבויען אַ היים. אַ ליימשטיבל. אַן אייגענע היים. ציפּי? ווי אַן אייגן קינד וועט מען זי האַלטן. זי איז שיין, יונג, ריין — אַ כוואַליע אין ים: אין ים פון לעבן. אַן אייגן ווינקל. אַ ווײַב. ווײַב און ערד. „וואָסי? אַן אַראַבער איז נישט קיין מענטש?״ — ציפּיס ווערטער.

אַכמעד — רעדט מיט ווייטיק צו זיך — האָסט געזייעט „קער־נער", געוואָרט ביז די „זריעה" וועט אויפגיין. מיט טרערן געזייעט, כּדי מיט פרייד צו שניידן? האָסט מיט פרייד געזייעט און אַצינד שניידסטו מיט טרערן, מיט רוגזה, מיט באַדויער. דײַנע הענט, יענעם אָוונט, דעם לעצטן אָוונט בײַם ים, האָט זי פון זיך אַראָפּגענומען און צוריק אויף די קני דיר אַרויפגעלייגט. זיי האָבן געציטערט, די קני.

אַ חלום. דער חלום האָט געפּלאַצט.

ער שרײַבט אַ בריוו צו ציפּין. אויף אַ שטאָם פון אַן איבער־געבראָכענעם איילבירט־בוים קעגן ים צווישן יפו און תל־אביב זיצט ער. אַן אײַנגעקאָרטשעטער, אַן אײַנגעהאָרכטער אין זיך, זיצט ער אָנגעבויגן איבער אַ בייגעלע פּאַפּיר. שרײַבט. מעקט. צערײַסט. נעמט אַ פרישׁ בייגעלע פּאַפּיר. ער פּאַרקוקט זיך אין טיפן שפּאַלט פון אַלטן שטאָם. מוראַשקעס ראָיען. די מוראַשקעס און די שריפט פינצטערן אים אין די אויגן.

פּאַרנאַכט. די זון — ווײַט. פון יענער זײַט האָריזאָנט — אַ פּײַערדיקער עיגול. פּאַרשלאָסן ווי אַ האַרץ, זײַן צעבראָכן האַרץ. שטיל איז אַצינד דער ים. ער קאָן אויך בייז זײַן, דער ים: ווי אַ הונגעריקער וואָלף בייז זײַן. אַצינד זינגט ער זײַן אַלט ליד, וואָס ווערט קיינמאָל נישט אַלט. און דער מענטש? וואָס איז דער מענטש? — אַ כוואַליע — אין ים פון צײַט. רוישט. פּליעסקעט. בייזערט זיך. איז מילד און האָט ליב. אויך ער זינגט זײַן אייביק־יונג ליד — הונגער צו ליבע און — ווערט נעלם, ווי אַ כוואַליע, ווי די זון, וואָס וועט באַלד אַרײַנפּאַלן אין ים אַרײַן.

ציפּי — אַ כוואַליע. פון ווי ווײַט אָנגעשוווּמען דאָ אַהער. צו אים, צום אַראַבער, צו אַכמעדן. אָנגעשוווּמען און אַדורכ־געשלײַכט זיך, ווי אַ שיפל בײַנאַכט אָן לאָזן נאָך זיך כאָטשבי אַ ליכט־סיגנאַל. אָפּגעשוווּמען און דאָ געלאָזט די בענקשאַפט.

אַכמעד האָט אויסגעגלײַכט די פּלייצע. בעסער געמאַכט זיך דאָס זיצן. גענומען אַ פרישׁ בייגעלע פּאַפּיר. פון וואָס אָנהייבן?

דער פּאַרדראָס עקבערט אין מוח, ווי צאָנווייטיק: אויף וואָס פּרויען, יונגע מיידלעך זענען פּעיק — טראַכט ער. געגאַרט די מאַמע. געגאַרט די לערערין פון נאַטור־וויסנשאַפט, די חברטאָרינס גע־נאַרט און צו אים געקומען. געוואָלט אים זען. געוואָלט אים הערן, אויסערן שיכּון, אויסער איר היים. אַן אײַנפּאַלערישקייט, אַ גע־וואַגטקייט פון אַ מיידל־פרוי. ווער האָט זיי אָנגעשטעקט מיט אַזויפיל פּאַלשקייט, מיט אַזויפיל חכמה און חן. ספּריט. ליבע? האָט זי אים ליב געהאַט? ווייסט זי וואָס ליבע איז? ניין. זי ווייסט נישט. ווען יאָ — וואָלט דאָס בכלל נישט געשען. והראיה: עלטער געוואָרן מיט אַ קנאַפּ יאָר — איז זי קליגער געוואָרן. נישט מער דאָס מיידעלע בת טפש־עשׂרה. די פרוי אין איר, דאָס שלענגעלע האָט אַ הייב געטאָן ס׳קעפּל. אָ, דאָס מיאוסע קעפּל. צעקלאַפּט וואָלט ער עס מיט אַ שטיין. אָבער דאָס קעפּל איז פלינקער פון זײַנע הענט. אַט שטרעקט זיך עס אויס, אַט ציט זיך עס צוריק אַרײַן. באַוועגט זיך אין איר, ווי אַ קינד אין בויך פון דער מאַמען. שיקט אַרויס דאָס רויטע צינגעלע. נאָדלט אַרײַן דעם גיפט אין איר — דער מאַרגנפרוי.

דעם נעכטיקן גרינעם ווערמל זענען פליגעלער אָנגעוואָקסן. ס׳פלאַטערל ציט צום ליכט: צו דער גרויסער, ליכטיקער וועלט: איר וועלט... זי איז ווײַט פון אים, אַכמעדן, ליכטיאָרן ווײַט. וואָדען? אייגנטלעך האָט ער באַלד פון אָנהייב באַדאַרפט וויסן: אַכמעד דער אַראַבער, פילאָסאָף, גערטנער, און וואָס נישט? ער און זי — צוויי וועלטן, צוויי פּלאַנעטן, יעדער — אין זײַן אָרביטע.

אַ דאַמף־שיפל גליטשט זיך בנעימותדיק אויפן שטילן גע־וואַסער. אַ סך שפּאַצירנדיקע, אייניציקע און פּאַרלעך. דער הימל — אָפּגעשיט מיט שטערן וואָס וויגן זיך איבער זײַן קאָפּ ווי טרויבן־הענגלעך. ער קוקט אַרויף, זוכט זײַן שטערן. גייט נישט אַן אויפן הימל — פילאָסאָפירט ער — ווי אויף דער ערד אַ קעגנזײַטיק צוציִען און אָפּשטויסן זיך פון שטערן־מזלות, פּלאַנעטן? יעדער שטערן, פאַרנעפּלט צי בלענדיק, האָט זײַן אָרעאַל, זײַן גורל?

וואָס איז מיט אים? און ווי לאַנג זיצט ער דאָ? איז ער וואָר, חלומט ער? און ווו וואַרצעלן חלומות? איז דען נישט יעדער חלום אַ פאַרקריפּלטע וואָר, וואָס האָט אין זיך אַ קערנדל אמת — אַ יאָדער אין אַ שאָל?

חלום — דערמאָנט ער זיך אין פרוידן — אַ זינלאָזע געפילנ־וועלט. אַ וועלט פון גשמיות אין אַ נעץ פון אַנטי־חומר אויסשטראַ־לונג. דער מענטשלעכער געדאַנק פּראָיִצירט אויפן פאָן פון אַ טונקעלן עקראַן — זײַן איך — געשטאַלטן, זכרונות, הווה, עתיד אין אויסמיש מיט צײַטן און ערטער. אַ געאָרדנטע אומאָרדענונג פון אַנונגען, וויזיע, ווירקלעכקייט. אַ לאָגיק אין כּסדריקער ענדע־רונג. אַן אויפטויך און פאַרשווינד פון בילדער, געשטאַלטן, גע־שעענישן, אַן און מיט צוזאַמענהאַנג. אַט שליסן זיי זיך אין אַ קרײַז, אַט — אין אומענדלעכער צעשפּרייטקייט. דער פאַרשלאָ־פענער שׂכל כאַפּט אויף אָפּגעריסענע שטיקער, פעדעם פון אַ געוועב, וואָס טוט אָן און טוישט געשטאַלט: וויל כאַפּן דעם זין פון כאַאָטישן לויף פון די געשעענישן פון אַ משונהדיקער ווירק־לעכקייט, וואָס אַנטרינט אין די אָפּגרונטן פון דער שיכחה מיטן עפענען די אויגן.

ערגעץ קרייצט זיך ליבע־שׂינאה. ווען ער האָט איר אָצינד דאָ, לעבן זיך, ציפּין, וואָלט ער מיט די־אָ הענט — ער האָט זיי פאַר־הויבן צו זײַנע אויגן וואָס פלעמלען מיט פינצטערע פײַערלעך — מיט די־אָ הענט אויפן שנייווײַסן האַלדז וואָלט ער... ניין. נישט דערשטיקט. ער וואָלט דעם האַלדז צו זײַן מויל צוגעדריקט און מיט די ציין אין אים זיך אײַנגעביסן: אײַנגעביסן ביז בלוט. ווײ טאָן איר. ליבע־שׂינאה — אַ פּלוס־מינוס־שטראָם, וואָס שאַפט ליכט. ערשט אין דער ליכטיקייט זעט ער, ווי פינצטער אים איז... זאָל זי פרעגן דער אמא אירער וואָס ליבע איז.

ער שרײַבט אַ בריוו.

ציפּי היקרה, אויב איז מײַן חסרון ס׳געהערן צו אַן אַנדער ראַסע: אַן אַראַבער, וואָס עסט ברויט פון טאַבון געהייצט פון

קעמל־און שאָף־מיסט, אַ קינד פון אַ פּליטים־לאַגער פון יענער זײַט „גרינעם פּאַס״ — ט׳פּאַדאַל, מילא. אָבער ווייסטו כאַטש, אַז אויףביידע זײַטן פון אָט דער ערד, נאָך די רוימער, האָבן קנאָפּע צוויי הונדערט יאָר געבאַלעבאַטעוועט די קרייצפאָרערס פון קאַלטן, ווײַטן אייראָפּע, מיט די צלמים אויף די העלדזער? דער נאָענטער טערק מיטן טאַרבוש אויפן קאָפּ, דער קאַלטבלוטיקער ענגלענדער מיט דער לאָרנעטע און אַצינד — ס׳יידישע קעפּעלע און — די שוואַרצע באָרד, הרצל? דער געדולדיקער אַראַבער מיט זײַן דינפּיסיקן אייזעלע און שווערלײַביקן קעמל, די פעלדזן און זאַמד־בערג, דער גליִענדיקער מידבר, האָבן יענע איבערגעלעבט און וועלן אויך אײַך איבערלעבן! אָטאָ די קליינע ערד וועט זיך אויפ־כאַפּן פון לאַנגן, פינצטערן שלאָף, ווי ס׳הייבט זיך אויף אַ מורא־דיק הויכע וואַסערוואַנט אין אַ צעשטורעמטן ים און פאַרשלינגט אַלע וואָס „שווימען״ אויף איר רוקן?

ציפּי, ביסט אַ קינד פון אַ טראַגיש־קאָמיש פאָלק, וואָס אַפילו די קרײַצפאָרער אין זייער רויב־און־מאָרד־אַרבעט האָבן אין זינען געהאַט אָפּ־סימנען די יידישע בגדים. האָט נאָך אַ פאָלק אַזאַ קאָמיש־טראַגישע אויסנעמלעכקייט?

פרעג בײַ די צעוואַלגערטע שטיינער, ווי סקעלעטן געוואַשענע, אין קסריה: בײַ די שׂרידים פון די פון ים־צעגריזשעטע שטיינער צונויפגעטוליעטע, ווי סטאַדעס שעפּסן ווען ס׳פאַלט צו די נאַכט. בײַ די שׂרידים פון די אײַנגעפאַלענע געבײַען, וועלבונגען פרעג. בין איך שולדיק, וואָס איך און נאָך פון אונדזערע זענען אין נײַנצן אַכט און פערציק נישט אַנטלאָפן? מעגסטו, און אַלע דײַנע, חלומען: „לשנה הבאה בירושלים״ אויך מײַן טאַטע חלומט: — לשנה הבאה ביפו.

ציפּי היקרה, נישט קיין לעקציע היסטאָריע האַלט איך פאַר דיר. דו ביסט נישט מײַן שילערין, איך — נישט דײַן לערער. איך וויל דיר בלויז דערמאָנען: נאַיִוו זענען די וואָס מיינען, אַז ווי די זון שײַנט־אויף יעדן אין דער פרי און פאַרגייט מיטן דעמער — אַזוי

וועט אויפגיין דער טאָג פון די באַצווינגער: וועט אויפגיין ס׳ברויט אויף די פעלדער, אויף די אַראַבישע פעלדער. ציפּי, הער צו ס׳קלאַפּן פון דײַן האַרץ: ס׳יונגע האַרץ, ווו ס׳פליסט מענטשלעך בלוט, דאָס זעלבע בלוט וואָס אין מיר. ערגעץ אין אַ ווינקל פון יעדן מענטש איז פאַראַן אַ „דזשונגל״, ווו פרײַער געדאַנק, אומגעצעמטע געפילן שפּרינגען, הוידען זיך ווי מאַלפּעלעך אויף צווײַגן, ביימער. דאָרט אין יענעם אומבאַטראַטענעם ווינקעלע הוידעט זיך, הויערט דער אמת: דער אמת — נאַקעט, ווי די מאַלפּעלעך... נישטאָ דאָרט קיין אַ פּריאָרי־דעות, שקרים, „סיוויליזאַציאָן״. דאָרט שאַלטעוועט דער אמת פון איידער־מענטש, פון מענטש־מאַלפּע. איך האָב אַ טעות געמאַכט: אַ פאַטאַלן טעות. נישט געהאָרכט דאָס לאַכן, ס׳כיכקען פון איידער־מענטש אין מײַן אייגענעם „דזשונגל״: „גיי נישט מיטן קאָפּ אין וואַנט״.

גורל. אויף דער טעראַסע איבערן ברעג־ים זעט ער אַ הינטל, אַ יאַמניקל שטעלט לויפיק די קורצע פיסלעך. מיינסטו דאָך, אַז ס׳הינטל איז אַליין, שפּאַצירט זיך אַזוי אומגעשטערט? אַ, ניין. ערשט ער באַמערקט אַ דינע שנור, אַ מעטער צען־פופצן, ציט זיך פון הינטל׳ס האַלדז אויף צוריק ביז אַ האַנט: אַ פרויען־האַנט. בנעימותדיק גייט זי, די פרוי, און האַלט פעסט די שנור. און דער מענטש? — פילאָסאָפירט אַכמעד — באַוועגט ער זיך נישט כּלומרט פראַנק און פרײַ. אויך זיינע מעשׂים און פירעכצער, מיינט ער — לויט אייגענעם ווילן און פאַרשטאַנד.

דער צווייפיסיקער אַלצווייסער — ווייסט נישט, זעט נישט, וויל אפשר נישט זען — די „שנור״ אין דער האַנט פון... אַללאַ, פון גורל. רוף עס ווי דו ווילסט. די האַנט פון רואה ואינו נראה האַלט פעסט די שנור פון לעבן. דעטערמיניזם.

ציפּי היקרה,

בײַ דער ערשטער באַגעגעניש האָסטו מיך געפרעגט „פון וואַנעט ביסטו״?... פון יפו — האָב איך דיר געזאָגט. אַ העלפט פון מײַן לעבן איז דאָ געבליבן. אַ צעהאַלבטער בין איך. אַ

וואָרעם, וואָס די שאַרף פון אַ רידל איז איבער אים אַריבער. ביידע העלפטן וואַרפן זיך, ווילן לעבן.

איך האָב מיטן שטודירן געוואָלט אַריינברענגען אַן ענדערונג אין מיין לעבן, אין מיין אָרעם, פינצטער לעבן. פינצטערניש איז נישט קיין קערפּער פאַר זיך, אלא — אַן אָרט, ווו ס׳ליכט איז נאָך נישט אַריינגעדרונגען. לערע, בילדונג איז ליכט. אַ טעות. מיין טעות. פאַרגעסן, אַז איך בין אַן אַראַבער, אַ בירגער פון אַ ייִדישער מדינה. און אפשר נישט קיין טעות. דווקא דער סטאַטוס פון אַראַ־בער אין מדינת ישׂראל, דער דרוק האָט מיך אָנגערעגט, האָט מיך אָנגעגורט מיט אַ ווילן, אַ ציל, עלעהיי די ערשטע חלוצים דאָ. דאָרטן, פון יענער זייט „גרינער ליניע", לעבט אַ פאָלק פאַריאָגט פון דער היים, אין נויט, אין קויט אַ שטייגער — ייִדישער תּחום המושב. אויך צעשפּרייט צווישן פעלקער און לענדער: מצרים, ירדן, לבנון, אירן, עירק, סיריע, תימן און מעבר לים — אייראָפּע און אין די אַמעריקעס.

ער האָט דאָס אַ מאָל געזאָגט אַ ישׂראלי, זיינס אַ ידיד פון דער אוניווערסיטעט־באַנק. יענער האָט געשוויגן. שווער געשוויגן. פון זיינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט פאַרדראָס, פּליאה און פּחד, ווי איינער רעדט:

— אַ חוצפּה פון אַן אַראַבער.

ער האָט אין זיין פּנים באַשיימפּערלעך געזען די שוואַכקייט פון די שטאַרקע. קיין לאָגיק וועט דאָ נישט העלפן — האָט ער צו זיך געזאָגט. אַמפּערן זיך האָט נישט קיין טעם. דער שטאַרקער איז תּמיד גערעכט. פון דעסטוועגן — איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק — אַ קאָמיש־טראַגישער זאָג פון מלך פּירוס:

— נאָך אַזאַ ניצחון און מיר זענען [־איך בין] פאַרלוירן...

יאָ. אַ חלוץ. אלא מאי? ער האָט געבויט, ווי קליינערהייט אויפן ברעג ים — אויפן זאַמד. אַנדערש וועט ער זיך באַגיין מיט איר קוים שפּילט אים צו ס׳מזל און זיי וועלן זיך כאָטש נאָך איין מאָל טרעפן. ער מוז זיך מיט איר טרעפן. ער׳ט אַלץ טאָן

אזאַ „זעונג" צו „אָרגאַניזירן". אַנדערש וועט ער צו איר אַצינד רעדן. הייבן ס'קול. אַז מ'וועט דאַרפֿן — הייבן אַ האַנט אַנלערנען זי. אַ נעם טאָן זי און — צו דער מומען. תל־זית. פאַרשליסן זי. דאָרט. אפשר טאַקע אַריבער־כאַפּן זיך אויף יענער זײַט, צו טאַטע־מאַמע, ברידער, צו אייגענע, מיט אייגענע. שוין געווען אַזעלכע זאַכן. אַן אַראַבער ביסטו צי אַן אשכנזי, אַכמעד ?

פרויען און פעסטונגען נעמט מען מיט כּוח.

האָבן זיי, די ישׂראלים, נישט גענומען מיט כּוח אַראַבישע ערד, פעלדער ? פאַריאָגט פון היימען ? די וואָס זענען דאָ געבליבן — אַרײַנגעטריבן אין מחנות. געטאָ. נעבעכדיקע געטאָ־יידן, הײַנט — מושלים איבער אַ פאָלק פּאַליסטינעזער. און די „אַראַבושן" עסן דאָס עלעהיי אַ קללה פון אַללאַ.

זי וועט וויינען, שרײַען ? זאָל זי. ער'ט זי אײַנשטילן. זי וועט בעסער ווערן. גענוג זיך געשפּילט אין קאַץ און מויז. צום בלאָזן געמאַכט אים, צום חוזק. אַ פּײַג האָט זי אים געוויזן. זי וועט אַצינד דערפֿילן זײַן פויסט : אַכמעד איבן כאַסאַנס שטאַרקן אָרעם וועט זי דערפילן. איר מאַן וועט ער זײַן. זי — זײַן ווײַב.

אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט. דער געדאַנק „אויף יענער זײַט" איז אים אַצינד קאַפּויער געקומען, אַ פאַל געטאָן, ווי אַ שטיינדל אין וואַסער, זיך געשפּרייט אין רינגעלער, רינגען ; טאַטע־מאַמע, ברידער, קרובים, שכנים. אויך זיי האָבן אַ „יענע זײַט"... לאָזן זיך הערן די לעצטע וואָכן. די היגע פרעסע איז פול מיט נײַעס : פעדאַיִן. אַראַבישע אַרײַנדרינגלער. „לעם איינעם פון די געהר־געטע געפונען עטלעכע האַנט־גראַנאַטן, אַן אויטאָמאַט פון טיפּ „קאַרל גוסטאַוו". לויט די וויניקע טראָפּנס פונעם גרויסן „רעגן" וועגן די „איבערפאַלן" אויף ישׂראלים, בעיקר אויף דרום פון לאַנד, וועגן די הרוגים און אַרעסטן, אויספאָרשונגען — האָט ער גאָר נישט קיין פריילעכע נײַעס געזען. אַ קליינע נאָטיץ אין צײַטונג האָט אים אויפגעציטערט : „צוויי פעדאַיִן געכאַפּט". לויט די נעמען איז איינער פון זיי זײַנס אַ פעטער, דער מאַמעס אַ ברודער.

הינטער רמלה געוווינט. איבערגעלאָזט אַ הײַזקע, אַ גאָרטן, עטלעכע גויאַווע־און גראַנאַטן־ביימלעך. אַ טאָפּלטער ציטער איז דאָס גע־ווען — פּחד און פרייד. כאַטש אָפּט פאַרדריסט אים אויף זיך אַליין: האַלט זיך ווײַט פון די זײַניקע. זײַניקע האַלטן אים שיִער־שיִער נישט פאַר אַ קאָלאַבאָראַטאָר.

האָט דער פּחד אַצינד זיך צעשמאָלצן אין אַ פרייד פון צוריקגעוווּנענעם כבוד. ער איז שטאָלץ אויף די זײַניקע פון יענער זײַט, וואָס גיבן נישט אויף די מלחמה. אמת, נישט קיין פראָנטאַלע מלחמה. אָבער פאַר אים דאָ, פאַר אַלע דאָרט — אַ כבוד. מע צאָלט זיי אָפּ, די נײַע באַלעבאַטים פון לאַנד, מיט גראַנאַטן פאַר „גראַנאַטן". — פאַרן קוויקן זיך מיט פרעמדער פרוכט — זאָלן פרעמדע „פרוכטן" זיי „עסן" לעבעדיקערהייט...

און נאָך עפּעס: דעמאָגראַפיש? אויפן גליל, למשל, מערט זיך די אַראַבישע באַפעלקערונג, ס'ברייטערן זיך אויס די אַראַבישע ישובים. מ'בויט הייזקעס. מ'באַאַרבעט די פעלדער. ס'פאַרצמצומען זיך די ליידיקע שטחים. נענטער, ענגער ווערט ישוב צו ישוב. פאַר די אויגן פון די ישׂראלים קומט דאָס פאַר און זיי באַהאַלטן די קעפּ אין זאַמד, ווי דער שטרויספויגל נישט צו זען די סכּנה.

אַוודאי איז עס פאַר זיי אַ סכּנה.

זײַן פעטער אַרעסטירט. ער האָט זיך לעצטנס מיט אים אויפ־געשריבן, געפּלאַנט זיך טרעפן. ער וועט אַצינד פאַר אים גוט עדות־זאָגן. אַן אַדוואָקאַט וועט ער אים באַזאָרגן. עס שמעקט מיט אַרעסט? אויספאָרשונגען? — טרעפן זיך מיט אַ פעטער, אַ קרוב איז אויך אַ פאַרברעכן? סך־הכּל האָט ער געוואָלט מיט אים אַ רעד טאָן וועגן אַ פערזענלעכן ענין: אַן אינטימען ענין. ציפּי. עלעהיי ער שטייט שוין פאַר אַן אויספאָרשונג — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין — אַז דער גײַסט ברעכט זיך אײַן, פאַרלירט דער גוף זײַן כּוח. מ'דאַרף זיך האַלטן. ער איז, און אַלע ווייסן, אַ לאָיאַלער בירגער. אַ היגער איז ער און עלטער מיט אַ סך דורות פאַר די, וואָס באַלעבאַטעווען הײַנט. אַ דאָיִקער איז ער נאָך איידער

און זינט ס׳לאַנד איז פֿאַר „זיי״ געוועזן אַ חלום. פֿאַר די, וואָס האָבן עס אָנגעוואָרן — איז עס היינט אַ חלום. מן הסתם וועט דער חלום נישט דויערן צוויי טויזנט יאָר. ס׳קאָן גרינגלעך זיין, אַז צום סוף פֿון יאָר צוויי טויזנט וועט ס׳רעדל זיך אַ דריי טאָן.

אַ ראָלעטע אָט די קליינע ערד.

שוין דאָ הענט, וואָס דרייען דאָס רעדל... מע וועט נישט וואַרטן אויפֿן חסד פֿון אַללאַ אָדער אויפֿן יושר פֿון די ישׂראלים.

צוריקגעשמועסט, איז ליב האָבן אַ ייִדיש מיידל נישט קיין פֿאַרברעכן: אַ מיידל אַ געליבטע, וואָס מאַניעט, רייצט, דרייט אַ קאָפּ. אַריבערנעמען אויף יענער זייט איז פּאָליטיק? שוין געזען אַזעלכע זאַכן. „אַן אַראַבער איז אויך אַ מענטש״ נו, איז דאָס נישט קיין מענטשלעכע זאַך? נישקשה, עס קאָן גאָר זיין לטובה — רעדט ער צו זיך מיט נייעם ביטחון — די זייניקע, וואָס אין די אויגן לויבן זיי זיין קלוגן קאָפּ, געלערנטקייט און הינטער דער פּלייצע חוזקן זיי, שעלטן און זענען פֿול מיט חשד — וועלן אַצינד, אַ פֿאַרמישטער אין אַזאַ ענין — מיט צוטרוי און ליבשאַפֿט דערמאָנען זיין נאָמען:

— כּל הכּבוד לאַכמעד איבן כאַסאַן. פֿאָרט אַן אַראַבער, אַ גורל־ברודער. העלדיש וועט ער זיך פֿאַרטיידיקן. אויך דעם פֿעטער וועט ער פֿאַרטיידיקן. מיט ציין און נעגל זיך קלאַמערן אין אמת: זיין פּריוואַטער אמת.

ער איז געבליבן זיצן מיט די עטלעכע פֿאַרשריבענע פּאַפּי־רעלעך אין האַנט. קוקט אויף די פּאַפּירעלעך. קוקט אויפֿן ים, אויפֿן סודותפֿולן געפּליעסק פֿון וואַסער. כוואַליעס יאָגן אָן צום ברעג. שוימיק־ווייסע ליפּן קושן אויס די זאַמדן. אַ קוש און אַוועק. פֿון קינדהייט אָן קאָן ער דעם ים. קיינמאָל זיך נישט אין אים איינגעקוקט אַזוי ווי אַצינד. ווי לאַנג גייט אָן דאָס געפּליעסק? טויזנטער יאָרן. מיליאָנען יאָרן. מיליאָנען יאָרן וועט עס נאָך אָנגיין: וועט דאָס געוואַסער רוישן מיט גלייכגילט צום גערויש און געטומל פֿון מענטש מיט זיינע פֿריידן און דאגות, מיט זיינע ליבעס און

פּאַרראַטן, מיטן אמת און מיטן שקר צו אַלץ, וואָס גדייַעט אויף דער ערד און אין די טיפענישן פון ים. ליגט נישט אין דעם די גאַראַנטיע פון אייביקן קיום פון אָין־סוף?

ווערליק שפינאָזאַ האָט יעדער אָנהייב אַ סוף, וואָס איז אויך אַן אָנהייב: אַן אָנהייב און אַ — סיבה. יעדער סיבה ווערט אַ פּועל יוצא, וואָס ווערט ווידער אַ סיבה. אַזוי ציט זיך די קייט, די לעבנסקייט. יעדער סיבה האָט איר אור־סיבה ביז... ביז דער סיבה פון זיך אַליין — אָין סוף. אייגנטלעך — האָט ער נאָכן איבער־לייענען דעם בריוו — צו זיך געזאָגט; שוין איבערדערציילט ציפּין, איטלעכס מאָל צו ביסלעך, דאָס אַלץ, כּמעט אַלץ, וואָס דאָ איז געשריבן. אין איר נישט אַראָפּנעמען די אויגן פון אים, אין איר אָנגעשפּיצטן געהער, אָפּנעם מייַלעכל — האָט ער געזען ווי זי שלינגט זייַנע ווערטער. איין מאָל נאָך אַ לאַנגן שווייַגן האָט זי אים איבערגעשלאָגן די רייד. אַ פּאַרקוקטע ערגעץ ווייַט, ווייַט איבער אים, אַ פאַרגאַפטע מיט פאַרחלומטע בליקן, האָט זי זיך אָנגערופן:

„אין די קנאַפּע צען יאָר וואָס זי איז אין לאַנד, פילט זי צום ערשטן מאָל, אַז זי איז אַ ווייַטע קרובה, אַ טאָכטער, אַן אייניקל פון יענע דורות: פון אוראַלטן עלטער־זיידן, פון די טאַטעס, זין, וואָס האָבן אויף אָט דער ערד געטראָטן, דאָ געאַקערט, געזייט, געפּאַשעט זייערע שאָף און רינד, געהאַנדלט און מלחמה געהאַלטן. רוימישע לעגיאָנערן... חורבן ירושלים. און פריִער נאָך — יידן געבונדענע מיט שטריק פאַרטריבן קיין בבל".

ער וואָלט געשווירן: ווי צו זיך אַליין האָט זי גערעדט, אין איין אָטעם גערעדט. אַ גרין פייַערל האָט זיך געצונדן אין אירע אַגרעס־אויגן:

אויך אין שולע האָט מען וועגן דעם געלערנט. זי האָט נישט באַנומען די ממשותן פון די רייד — האָט זי אים געזאָגט.

ניין, זי איז נישט קיין נייַע עולה. אירע אורעלטערן זענען דאָ געווען. זי, די אמא, שמואל, ישראל זענען צוריקגעקומען אַהער,

ווי נאָך אַ לאַנגער, לאַנגער רײַזע איבער דער וועלט. מ׳קומט צוריק אַ היים.

גוט. אָפּנעמען, צוריקנעמען ס׳לאַנד — האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט — אָבער פּאַרט, דאָך: דער גאַנצער חשבון שטימט נישט. אַלע ייִדן פון דער גרויסער וועלט, ס׳וועלט־ייִדנטום לעבצט דאָך, חלומט, גלוסט צו אַ לאַנד, אַ היים. זיי שלאָגן זיך אַלע צײַטן, אין אַלע לענדער, אין אַלע מלחמות, רעוואָלוציעס, אויפֿשטאַנדן פֿאַר פרעמדע, אויף פרעמדער ערד. פֿאַר פרעמדע פעלקער ווערן זיי געהרגעט, פֿאַרוווּנדעט, קאַליקעס. פֿאַרשפּילט מען די מלחמה — טיילן זיי דעם גורל פון די פֿאַרשפּילטע, געווינט מען — זענען זיי נאָך אַמאָל די פֿאַרשפּילטע. דער נצחון איז פֿאַר די פרעמדע, פֿאַר וועמען זיי האָבן אָפּגעגעבן ס׳לעבן. די לעבנגעבליבענע — ווידער פרעמד: אַ פרעמדער אבר אין גוף פון דער אומה. ווילן זיי דאָ האָבן אַ היים: אַן אייגענע היים. אָבער דערווײַל איז ער, איבן כאַסאַן, דער פֿאַרשפּילטער: בײַ די געווינער — אַ פֿאַרשפּילטער. ער איז נישט דאָ און נישט דאָרט. אַ צעצווייטער איז ער. עס דערמאָנט אים אין צוויי שורות פון אַ ליד, צי אַ פּאָעמע. ער געדענקט שוין נישט ווען און ווו ער האָט ערגעץ געלייענט:

דער גאַנג איז איינציק, ווי דאָס האַרץ, ווי די בענקשאַפֿט,
דער ווייטיק.
עס קאָן נישט פליסן דאָך קיין טײַך איןביידע זײַטן.

אַ טעות. זײַנס אַ טעות. נישט באַדאַרפֿט לערנען, שטודירן. טעאָריעס. פּסיכאָלאָגיע. פילאָסאָפיע. אַן אַראַבער איז ער. באַדאַרפֿט, ווי זײַן טאַטע, זײַן זיידע, אורזיידע לעבן אויפֿן וויסטן סטעפּ, אין אַ געצעלט, ווי די בעדויִנער לעבן, אַ פּאַלאַטקע מיט ווײַב און קינד, מיט שאָף און רינד. אַן ביכער. טעאָריעס. פילאָסאָפיעס. אַ באָרוועסער איבער די זאַמדן, שטיינער, פעלדזן. אַן

אַ זייגער אויף דער האַנט. מיט דער זון איבערן קאָפּ, ערד אונטער די פיס. ערד און ווײַב, ווי זײַן טאַטע זאָגט.

ער האָט צונויפגעלייגט אַלע בייגעלעך פּאַפּיר, מיט לאַנגן ישוב הדעת געקוקט אויף זיי און פּאַמעלעכקע זיי אַרײַנגענומען איןביידע הענט און — אַ ריס געטאָן אויף צוויי: די האַלבע בייגעלעך פּאַפּיר נאָך אַמאָל צעריסן אויף צוויי. די פּערטעלעך אײַנגעקוועטשט אין אַ זשמעניע, צוגעגאַן צום ים ביז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען און די זשמעניע צעעפנט: — שווימט, מאַטילן מײַנע, טויטע מאַטילן, ווײַט שווימט אַוועק פון דאַנעט: איך וויל אײַך נישט זען מער.

זײַנע צוויי ליידיקע הענט זענען מיט אַמאָל שווערער געוואָרן, אַראָפּגעהאַנגען, ווי פליגל פון אַ קאַליע געוואָרענער ווינטמיל.

זײַן האַרץ — אַ רודער פון אַ צעבראָכן שיפל אויף שוואַרצע ים־כוואַליעס אין מיטן דער נאַכט — ווײַט פון אַ ברעג. מיטן פּנים צו די שטערן איז ער געשטאַנען. און די פיס? ווי אַזוי שפּאַנט מען אַריבער דאָס קראַפט־פעלד פון צוצי צו דער קליינער, ווײַטער ציפּי: ווי אַ כוואַליע, אַ ליכטיקע כוואַליע האָט זי זיך אַ גליטש אַרויס געטאָן פון זײַנע הענט.

## קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

נאָכמיטאָג־שעה אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. אַרום טיש זיצן שמואל, ישׂראל, נחמה, ציפּי. מ׳רעדט וועגן דער לאַגע אין לאַנד. אומרועןָ. אויפן צענטן יאָר נאָכן אויפקום פון דער מדינה איז נאָך אַזוינס נישט געשען. פּעדאַיִן. קומען פון דער מצרישער גרע־נעץ. איבערפאַלן. אַ מורא ביינאַכט אַדורכגיין די גאַס. בעיקר — אויף דרום: דימונה, רוחמה, אשדוד, באר שבע.

דער דרום איז ליידיק, נישט באַוווינט. צוויי דריטל לאַנד פּוסטעוועט. זאַמד און זון. וויסטע. אַ הייסער הימל איבער גראָ־געלע, שטויביקע, שטייניקע שטחים. איין שאָסיי שניידט ווי אַ מעסער אַ דורך דעם מידבר. פאָרן טערק — דערציילט מען — האָט מען דעם כּביש געפּלאַסטערט. איינציקע, וויַיט איינער פון אַנדערן צעשטעלטע טעלעפאָן־סלופּעס, ווי הויכע פּיס פון שטרויס־פייגל. די „פייגל" זענען. פאַרפלויגן און די „פּיס" זענען שטעקן געבליבן אין זאַמד. עטלעכע בעדויִנער־געצעלטן — שוואַרצע, גראָע פּליאַמעס אויף אַ זאַמדיק־ליכטיקער לאַנדשאַפט. אַלץ איז ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק. בראשית. ווי דער אָטעם פון צייַט וואָלט זיך דאָרט פאַרהאַלטן.

טרעפט: איין מאָל אין יאָר, אַמאָל — אין צוויי יאָר, לאָזט זיך אַראָפּ אַ גאָט־געבענשטער רעגן. דער באָדן, אַ צעשפּאָל־טענער פון טרוקעניש און חמימה — טרינקט דעם רעגן ווי וויַין.

ישׂראל, טאָקע אַן עולה חדש — מאַכט ער — אָבער „אַ גאַסט אויף אַ ווייַל זעט אויף אַ מייַל" געווען אויף אַן אויספלוג אין ערד. אַן אַלטע שטאָט פון די כּנענים־צייַטן. נאַקעטע מידבר־שטיינער, סקאַלעס. זאַמד־פאַרהאַרטעוועטע בערג. דאָ און דאָרט — שׂרי־דים פון שטיינער־טעראַסעס פון די רוימישע און ביזאַנטישע צייַטן.

אַ סימן, אַז דער שטח איז באַווינט געווען. מ׳האָט דאָרט געלעבט, געדייַעט. אַ שטאָט בויט מען דאָרט אַצינד. אַ נייַער יישוב צווישן מידבר יהודה און נגב. קלייניקע הייַזקעס, איינשטאָקיקע. נייַ־געפלאַנצטע ביימלעך. גערטנדלעך. טשיקאַווע: די טירן און לעדן — בלעכענע אָדער מיט בלעך באַשלאָגן, אַ סברה קעגן אַ פייַנט־לעכער קויל, וואָס קאָן דאָרט פאַרבלאָנדזשען... שיכּונים. נייַע וועגן און וועגלעך שלענגלען זיך צווישן די הייזקעס.

וואָס לענגער ער לעבט דאָ, ישׂראל, אַלץ קלאָרער ווערט אים דער זין פון זאַכן, דער ממשות פון היגן יש, פון דינאַמישן כּוח וואָס וואַקסט דאָ צוזאַמען מיט דער מורא ,מיט דער סכּנה.

ערגעץ האָט זי געלייענט — רופט זיך אָן נחמה — אַז די קליינע ערד, פאַדער־אַזיע, איז אַ בריק פון מזרח אויף מערב. איין שטויס און ביסט אין וואַסער.

— נאַרעלע, ס׳מאַכט זיך נישט אַזוי ווי ס׳רעדט זיך: אַ מדינה. אַ צה״ל. געווער. דאָ גייט די סכּנה מיט דער גבורה צוזאַמען. טאַקע נישט מלחמה, נישט שלום, אָבער דאָס לעבן מיט דער געפאַר, דווקא דאָס דאָזיקע פאַרמינערט דעם פּחד אין דער מאָס וואָס די סכּנה וואַקסט. אַ נייַער מענטש וואַקסט דאָ. האָנט בייַ האָנט גייט דאָס געווינלעכע, קליינלעכע מיטן גבורהדיקן.

— וואָס מיינסטו מיטן גבורהדיקן?

— מיט גרויסן חלום, וואָס איז געוואָרן אַווירקלעכקייט. אַ בריק. דאָס איז ערד אונטער די פיס און אַ הימל איבערן קאָפּ. ס׳איז נישט דער הימל איבערן געטאָ.

— יפה אמרת, פייַן געזאָגט — רופט זיך אָן ציפּעלע.

— און קרבנות, פאַרווונדעטע?

— טראַנספוזיע — זאָגט נחמה.

— די געוועזענע קראַנקן־שוועסטער רעדט — מאַכט שמואל.

— וואָס מיינט מען טראַנספוזיע? אמאַ?

— מ׳פאַרלירט בלוט און מ׳גיט אַרייַן פריש בלוט.

קינדערלעך, געננוג מיט דער פּאָליטיק. אָפּגעגעסן. אייגנטלעך

וואָלט מען באַדאַרפט בענטשן. נו, מ׳עט עס לאָזן אויף אַ צווייט מאָל. שמואל גרייט זיך כאַפּן זײַן נאָכמיטאָג־דרימל, דעם „בע־קערישן שלאָף״, ווי ער רופט עס. עס איז בײַ אים בעסער ווי עסן. הײַנט צוליב דער פּײַערלעכער סעודה וועט ער אַביסל פאַרשפּעטיקן. אײַן מאָל קאָן מען זיך פאַרגינען. זינט ישׂראלס קומען האָט ער אַ היפּש שטיקל עול אַראָפּגעוואָרפן. עסט, רוט, שלאָפט צו דער צײַט. צו דער צײַט — ס׳גלעזל טיי: הייסע טיי מיט לימענע. שמואל איז אַ פּשוטער בשׂר ודם. ער פירט זיך דאָ ווי אין דער אַלטער היים. זינדיקט נישט און זוכט נישט קיין מצוות. אויך קיין עצות וועט ער נישט געבן בן גוריונען. ווי האָט געזאָגט דער פּרעזידענט חיים ווייצמאַן: צוויי מיליאָן ייִדן — צוויי מיליאָן פּרעזידענטן. אַזאַ סגאַל מענטש ווי ער — דאַרף אַרבעטן, דאַרף עפּעס טאָן. פאַר אים איז ליידיק־גיין — די שווערסטע אַרבעט. אַרבעט און אַביסעלע מנוחה. ער קאָן זיך פאַרגינען. ער געדענקט גאַנץ גוט די ערשטע וואָכן, ס׳ערשטע יאָר דאָ. געלאָפן אין דער לשכּת העבודה. אָפּגעשטאַנען שעהענלאַנג, טעג. תּמיד אַ ריי בײַם פענצ־טערל. מ׳בייגט דעם קאָפּ אין פענצטערל, ווי איינער רעדט: — ווער עס וויל עסן, דאַרף בייגן דעם קאָפּ...

— כּל הכּבוד — זאָגט נחמה.

דרײַ ריזן האַלטן אָפּ די אַנטוויקלונג פון מענטש — האָט געזאָגט דער לערער — רופט זיך אָן ציפּי.

— ריזן?

— יאָ, אמא: עם־הארצות, ברוד, פוילקייט.

— שיין, שיין ציפּעלע. ווי גייט עס דיר מיט די לימודים?

זי ווייסט נישט וואָס צו טאָן — ענטפערט זי מיט אַ שאלה — זי ענדיקט דאָס יאָר און ווייסט נישט; פאַרשרײַבן זיך אין אוניווער־סיטעט, צי גיין דינען אין צה״ל?

— ס׳אַ פּראָבלעם. מ׳עט אַ טראַכט טאָן. נישט בײַ דעם טיש — האָט ישׂראל געענטפערט.

נחמה קוקט אויף ישׂראלן מיט פאַרליבטע בליקן. ציפּעלע

קוקט אויף דער מאַמען. ישׂראל זעט, ווי מאַמע און טאָכטער קוקן זיך איבער. ביידע פירן איבער די בליקן אין זײַן זײַט אַרײַן.

ער זוכט אַ וואָרט, אַ וואָרט וואָס נחמה וויל אַצינד פון אים הערן אַפּראָפּאָ די בליקן, וואָס פאַרלענגערן די פּלוצעמדיקע שטיל־קייט בײַם טיש. די שטילקייט לייגט זיך שווערלעך אויפן געמיט פון נחמהן. ער ווייסט עס, ישׂראל. ער וויל איר זאָגן:

— אמת, נישט אָן הנאה קוקט ער אויף דער קליינער, דער קלוגער ציפּי. שעפּט נחת פון איר נישט ווייניקער ווי פון דער מאַמען. אָבער — נישט מער... חלילה. ווי אַן אייגן קינד האָט ער זי ליב. אים איז אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד וואָס זי עסט זיך אומזיסט אָפּ ס׳האַרץ, נחמה.

## קאַפּיטל פּיראונצוואַנציק

געבענטשט האָט מען טאַקע נישט. לאָמער אײַך דערציילן אַ מעשׂה שהיה — האָט שמואל, שטאָט גיין כאַפּן אַ דרימל זיך גוט געמאַכט ס׳זיצן אויף דער שטול. קינדערלעך, כּדאי איר זאָלט וויסן, וואָס פאַר אַ זיידן ער האָט געהאַט מײַן זון: אַ זיידע פון דער מאַמעס צד, די גאָטזעליקע מאַמע, פעשע, אַ צדיק אַ ייִד. אַ שטילע נשמה. ס׳טרעפט אַמאָל אַ נצוץ־אור אין אַ בעל־חי — האָט ער איין מאָל געזאָגט דער זיידע זכרונו לברכה. עס קאָן זײַן אַ פאַרבלאָנדזשעטע, פאַרזינדיקטע נשמה פון אַ מענטש. אַ נשמה פון אַ מענטש קאָן אַמאָל אַרײַן אין אַ הונט, אַ קאַץ, אין פאַרשיידענע ברואים, אַפילו אין אַ ווינטמיל.

ווי נאָר די נשמה פאַרלאָזט דעם גוף, האָט זי נישט קיין מנוחה מחמת איר טבע איז, ווי ס׳שטייט געשריבן אין קהלת: „סובב סובב הולך הרוח" (רונד אַרום, רונד אַרום גייט ער דער ווינט.) דײַן זיידע, עליו השלום, האָט געהאַט היתר־שחיטה. און געוואָרן איז ער אַ שנײַדער, אַ פּראָסטער שנײַדער, אַ לאַטוטניק, וואָס גייט איבער דערפער. אַ שנײַדערל אַ פּאַדריגע, אַ בערדיקער ייִד. די פּויערים האָבן געלאַכט פון אים און געגעבן קאָזשוכן, בושליקן, שפּענצערס, סערמענגעס צו פאַריכטן, פאַרלאַטען און איבערניצעווען.

פאַרוואָס נישט קיין שוחט? דערויף האָט דער זיידע געענטפערט מיט אַ מעשׂה שהיה: ער איז געווען אין שעכטהויז מיט אַ גוטן אָנגעשאַרפטן חלף, מוכן ומזומן צו נעמען זיך צו דער מלאכה. אַלץ איז גרייט. די קו ליגט אַ צוגעבונדענע מיט שטריק צו אײַזערנע רינגען פאַרשטעקטע אין דער צעמענט־פּאָדלעגע. ער נעמט אַרויס דעם חלף פון שיידל און דערנענטערט זיך צו דער קו. מיט

אַמאָל גיט זי, די קו, אַ פֿאַרהייב דעם קאָפּ, וואַרפֿט אויף אים אַזאַ טרויעריקן, מענטשלעכן בליק, אַז ס'איז אים פֿאַרגאַנגען אונטערן האַרץ. ווען די קו קאָן וויינען אָדער רעדן, וואָלט זי זיכער מיט טרערן אין די אויגן געפֿרעגט: — פֿאַרוואָס קומט מיר צו שעכטן?

דער זיידע האָט צוריק פֿאַרמאַכט דעם חלף, אים אַרײַנגעלייגט אין שיידל און פֿון דעמאָלט — אויס שוחט.

פֿאַרט אַ ייִד אַ בן־תורה. פּטור בלא כלום קאָן מען דאָך נישט. פֿלעגט ער צוויי מאָל אין יאָר, פּסח און צו די ימים־נוראים ווערן אַ בעל־תּפֿילה. אַ קול האָט ער געהאַט — אַ חזן. אַ גוטע נשמה געווען דײַן זיידע, עליו השלום.

— אפשר אין זײַן זכות איז ער לעבן געבליבן, ישׂראל — האָט נחמה געזאָגט.

— כ'ווייס נישט — האָט שמואל געענטפֿערט — ס'קאָן אויך זײַן אין זכות פֿון זײַן מאַמען, די צדקית: ביידע זכותן זענען אים בײַגעשטאַנען.

— לאָמיר בעסער רעדן פֿון פֿריילעכע זאַכן, טאַטע.

שיריים אויפֿן טיש. די כּלים נאָך נישט געוואַשן. עטלעכע פֿליגן האָבן זיך פֿון ערגעצוווּ מיט אַמאָל אָנגעטראָגן. זשומען. קרײַזן אַרום טיש מיט אַ געזשום פֿון קליינע עראָפּלאַנדלער, לאָזן זיי זיך אַראָפּ איבער די קעפּ, פּנימער פֿון די זיצנדיקע, שטעלן זיך אויף די שיריים. נחמה הייבט זיך אויף, פּרוּווט זיי פֿאַריאָגן מיט אַ האַנטעך. ס'העלפֿט נישט. זי איז אַרײַן אין קיך, אַרויס פֿון דאָרט מיט אַ פֿליט־מאַשינקע. ישׂראל האָט זיך צוגעקוקט צו נחמה'ס מלחמה מיט די פֿליגן. עטלעכע זענען געפֿאַלן. ליגן געבליבן. אײַן פֿליג פֿויזעט, שטעלט זיך אויף, הינקט אונטער, שלעפּט זיך, פֿאַלט און שטעלט זיך אויף, פּרוּווט קריכן אויף די פֿאָדערשטע, אונטערגעבראָכענע פֿיסלעך. מיט איין זײַטיק פֿיסל רײַבט זי דעם פֿײַכטן פֿליט־שטויב פֿון בײַכעלע, פֿון שפּילקע־קעפּעל, פֿון די נאַסע פֿליגעלעך צוגעקלעפּטע צום מיזערנעם גופֿל: רײַבט, מאַ־

סאַזשירט דאָס שטאַרבנדיקע בלוט און טרייסלט מיטן קעפּעל פון האַרבן פאַרדראָס.

נחמה נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פון ישׂראלן. זײַנע פּנים־מוסקלען, בעתן עפענען ס׳מויל, צייכענען זיך בולט פון זײַן ברונעטהויטיקייט. די אונטערשטע ליפּ, אַ פּולבלעכע, מענערישע, ציטערט אונטער, אַ שטייגער ער וויל עפּעס זאָגן און זאָגט נישט. און אפשר איז עס אַ ציטער פון גוטער אויפרעגונג: אַ קלייניקייט, בײַם טאַטנס טיש אין אַ פּראָסטן מיטוואָך און די צוויי געסט. — אַן אויסעראָרדנטלעכן אויסדרוק האָט דאָס שווײַגנדיקע פּנים. די צוויי לענגלעכע קנייטשן פון ביידע זײַטן נאָז, די פאַרשלאָסענע ליפּן, רעדן צון איר, דערציילן:

— נישט איין שטורעם, וויי און ווינד שטורעם, איז אַריבער איבער אים, איבער זײַן קאָפּ:

אַ קנאַפּער רעדער. אַ שטילער מענטש, אַ שטילער געניסער. פאַר איר איז דאָס פּנים אָפן. ווי פון אַן אָפן בוך לייענט זי פון אים אַלץ אַרויס. באַלד אַנדערהאַלבן יאָר אין לאַנד. דערקענט אים, ישׂראלן, דעם אָפּגעפונענעם זון פון שמואל שניצער. אַ מין נאָענטקייט, אַ קרובהשאַפט פילט זי צו ביידע.

ישׂראל וועט זײַן פאַר איר אַ בריק אויף איבערשפּאַנען דעם מידבר פון דער אַליינזאַמקייט. ער האָט געזען, האָט ער איר דערציילט, ווי אַזוי די היגע מיידלעך קוקן אויף אַזאַ איינעם ווי ער: אויף זײַן אַלט־יונג פּנים, אויפן אומרו אין די אויגן. זײַן ערנסט־קייט נעמען זיי אַוודאי אָן פאַר מידקייט, אַן אַלטער קאַוואַלער.

אַ בריק וועט זי אים זײַן צום גרינעם אָאַזיס פון לעבן, דעם משפּחה־לעבן, וואָס ער פּלאַנט דאָ אויפשטעלן. פאַרליבט אין איר און אין לאַנד, אין דער היגער לאַנדשאַפט, פאַרליבט אין, ווי ער זאָגט, דער אויפטוערישקייט אויף אַלע געביטן פון היגן לעבן, סך הכּל — קוים צען יאָר זינט דעם אויפקום פון דער מדינה.

וואָס איז דאָ פריִער געווען — מאַכט ער — זאַמדבערג. פאַר־

וואַרלאַזטע פעלדער. אויסגעטריקנטע וואַדיס. שטיינער. פעלדזן. אַראַבישע דערפער אָן ליכט, אָן וואַסער. אַ ווילדע וויסטעניש. פוסטע זאַמדפעלדער. זאַמדבערג. שטיינער און סקאַלעס. ווילד־געוויקס האָט באַדעקט די פעלדער. אַ בוים — אויף אַ נאַווינע. עטלעכע ליימהײַזקעס צוגעפּלעטשטע צו דער ערד, ליימפּאַרקנס — אָן אַראַביש דערפל. איינס פון אַנדערן — קילאָמעטערס ווײַט. וואַסער ט'מען געצויגן מיט שטריק און עמערס פון אָפענע ברונע־מער אויפן שטייגער פון אברהם אבינו אין באר־שבע.

די קאָמוניקאַציע — ס'אייזעלע מיט די שטײַפע, פלינקע פּי־סעלער און דער קעמל. פון אַראַביע שטאַמט ער — האָט ער ערגעץ געלייענט. דאָס איז די נוצלעכסטע בהמה אין אַזיע און אויך דאָ. די ווײַטסטע וויסטענישן און סטעפּן, אָרעמע אין וואַסער, אין פלאַנצן, קאָנען ווערן באַוווינט פון מענטש נאָר אַ דאַנק דעם קעמל. ער גיט זיי כמעט אַלץ וואָס איז נייטיק צום לעבן; שמאַלץ, פלייש, מילך, פעל. אַפילו זײַן מיסט דינט ווי הייץ־מאַטעריאַל. נאָר אויפן קעמל איז מעגלעך דורכצורײַטן די טרויעריקע שטיינערנע, זאַמדיקע מידבריות. זײַן הויקער איז פאַר אים אַ מאַגאַזין פון פעטס. אַ דאַנק דעם קאָן ער לאַנג איבערטראָגן הונגער. ער גייט גיך, דער קעמל, מיט לאַנגע, ברייטע טריט. זײַנע שטאַרקע פיס האָבן קליינע קלאָען און זענען ווי האַרטע פוס־זוילן. זײַנע ליפּן, די צונג, ס'מויל זענען באַדעקט מיט אַ פאַרהאַרטעוועטן, דיקן פלאַסט. עס שאַטן אים נישט די שטעכיקע מידבר־געוויקסן. די קעמערלער אין זײַן מאָגן האַלטן אויף לאַנג ס'וואַסער. ער קאָן דעריבער וואָכן־לאַנג אויסקומען אָן אַ טרונק. מיט זײַן שאַרפן חוש־הריח דערשפּירט ער אויף מרחקים דאָס קוואַלוואַסער אַפילו ווען עס איז פאַרבאָרגן אונטערן זאַמד.

פעדאַיִן? פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה זענען זיי געקראָכן אין די ייִדישע קאָלאָניעס, קיבוצים. געלעבט פון גנבה, מאָרד. הײַנט — אַרײַנדרינגלער. מ'וועט זיי פאַריאָגן. צה״ל וועט זיך מיט זיי ספּראַווען ווי עס באַדאַרף צו זײַן.

אַ נײַ לעבן גייט דאָ אויף. אַ יאָגן און דעריאָגן. מיט אײַליקע טריט וויל מען דאָ דעריאָגן אַ פּאַרשפּעטיקטע זאַך. זײַט בײַ זײַט פון די נידעריקע הײַזקעס, וואָס מ׳האָט פריִער געשטעלט — בויט מען הויכשטאָקיקע בנינים, בלאָקן־הײַזער. אַ רוישן פון בולדאָזערס אַ געקלומפּער פון רעדער, אײַזערנע ציין, וואָס עסן זיך אײַן אין האַרטן, שטייניקן באָדן. זאַמדבערג גלײַכט מען אויס. טאָלן פאַרשיט מען. ברייטע כּבישים. ביימער. פּאַרקן. שפּילפּלעצער.

## קאַפּיטל פינעפאונצוואַנציק

אַז ס׳איז לויט דיר, אַזוי גוט, טענה׳ט נחמה, פאַרוואָסזשע איז אַזוי שלעכט? מעבל, קילקאַסטנס, שטוב־חפצים און אַנדערע „לוקסוס״־זאַכן — אונטער שטרענגער קאָנטראָל. ברויט — ב״ה פרייַ. פלייש, צוקער, פּוטער, אייער וכדומה — לויט צוטיילונג אויף קאַרטעלער און — אויף שוואַרץ...

אויף די הויפּטוועגן פון די ישובים, דערפער, קיבוצים קיין תל־אביב, חיפה, ירושלים — אויפזועערס מיט לענטעס אויף די אָרעמס. מ׳שטופּט די הענט אין קיישלער, וואַליזעס, רוקזעק, אין שטרוי פון וועגענער, אונטער געזעסן פון מאַשינען, טעקסיס, אויטאָבוסן. געלטשטראָפן, אַרעסטן פאַר אומלעגאַלן האַנדל און ספּעקולאַציע.

בן־גוריון רעדט וועגן באַזעצן דעם נגב און דער עקאָנאָמיש־סטרוקטועלער איבערבוי גייט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג — פון דאָרף אין שטאָט אַרייַן: פון פעלד, אַקעראייַזן — אין ביוראָ, האַנדל, מסחר, לופט־געשעפטן. מער ווייַסע קעלנער ווי שוואַרצע אַרבעטער. הויכפּאָליטיק. דעמאָקראַטיע, קאָמוניזם נוסח ראַטנ־פאַרבאַנד. אין די עס־זאַלן פון קיבוצים — סטאַלין־פּאָרטרעט.

סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַליזם אָדער נאַציאָנאַלער סאָציאַ־ליזם נוסח מפא״י, די רעגירונגס־פּאַרטיי. פּאָליטישע נאָמינאַציעס אויף הויכע מלוכה־פּאָסטנס, דיפּלאָמאַטישע שטעלעס. אַ יונגע ביוראָקראַטיע און אַ פאַרעלטערטע געזעצגעבונג פון די טערקישע און ענגלישע צייַטן. פּראָטעקציע און ידידי־בריוועלער, וואָס זענען עוקר הרים: שפּאַלטן ס׳פּאָלק אויף ישראל נומער איינס און — אַ צווייט ישראל. אשכּנזים און — עדות המזרח. הויכשטאָקיקע בנינים און „מעברות״ פאַר נייַ־געקומענע, בתי־עולים, באַראַקן

בלעכענע בײַדלער. די הסתדרות, סוכנות, קליטה־אַמט — מדינות אין דער מדינה. אַ פּקידים־מחנה. לאָזונגען. לײַטאַרטיקלען. ציוניזם מיט און אָן „גענדזן־פּיסלער״. ציניזם. מ׳גרייט זיך צו אַן אויסגעטרוימטער שלווה און מ׳שלאָגט זיך מיט די פעדאַיִן, אַרײַנדרינגלער בײַ דער מצרישער און יאָרדאַנישער גרענעץ. שטאָט נאָרמאַל לעבן — אַ נאָרמאַלע מלחמה אין אַ „רויִקער״ צײַט, מלחמת הקיום. קרבנות: פאַרוווּנדעטע, טויטע.

מקובלים אין צפת רעכענען אויס דעם קץ. זקנים אין ירושלים קוקן אַריבער צו דער כּותל־מערבי. בן־גוריון רופט צו גרויסער עליה (פון אינעווייניק...), פון אַלע גלות־לענדער און פון די רײַכע פעטע אַמעריקעס. דאָס איז דאָס איינציקע לאַנד, ווו טאַטעס־מאַמעס באַערדיקן זייערע קינדער. באַדאַרפט האָט זײַן פאַרקערט...

— דו זאָלסט אַזוי רעדן, ביסט דאָך נישט קיין איבערגעשראָקענע, נחמה.

— נישטאָ מער קיין כּוח צו די צרות.

— גאָט גיט כּוח צוזאַמען מיט די צרות — זאָגט דער טאַטע.

— מיר ליגן נאָך אין די ביינער די אַלטע פּלאָגן.

— נחמהשי, ווי אַזוי ווערט געשאַפן אַ פאָלק? עס הייבט זיך אָן פון דער משפּחה. אַ פאָלק האָבן מיר שוין, לאָמיר אויך שאַפן אַ משפּחה.

— אַ פאָלק האָבן מיר? אָן אַנלויף, אָן אָנפאַר, אָן אָנפלי פון ייִדן פון אַלע וועלט־ווינקלען. יאָ, אויך אַ לאַנד האָבן מיר, נאָר אַ פאָלק פאַרן לאַנד האָבן מיר נאָך נישט.

— וואָס רעדסטו, נחמה?

— דאָס וואָס דו הערסט, ישׂראל. ס׳וועט קיינמאָל קיין פאָלק נישט זײַן. מען צעפאָרט זיך. מע פאַרלאָזט דאָס לאַנד.

— נאַרעלע, דאָס איז תּמיד געווען. אויך פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה. אויך אין די צײַטן פון בית־שני זענען שוין געווען ייִדישע תפוצות אין בבל, אין מצרים, אין אַלע מיטלענדישע לענדער און דווקא ווען ס׳קליינע ייִדישע פאָלק האָט דערגרייכט

צום אויפבלי. אַ פאָלק זענען מיר פון אברהם אבינוס צײַטן. אלא מאי? — צעוואָרפן איז מען אויף אַלע ערדווינקלען.

— און די קרבנות? געהרגעטע, קאַליקעס?

— און אַז מ'האָט „דאָרטן" אויסגעהרגעט, אויסגעקוילעט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק?

— אַ פאָלק זענען מיר ביַי גויִים, וואָס האָבן אונדז פײַנט.

— נו, דעריבער?

— דעריבער, האָט מײַן מאַמע געזאָגט, גייען די קאַטשקעס באָרוועס: דעריבער איז מען געקומען אַהער מאַכן אַ לעבן.

— אַ לעבן, צי געשיכטע?... קאָנסט מיר אפשר ווײַזן דאָ אַ שטוב, ווו אַ ייִדישער מענטש זאָל נישט קרעכצן?

— קרעכצן איז אַ ייִדישע מידה. אָן אַ קרעכץ וואָלט געווען טרויעריק.

— אַ געזונט אויף דיר מיט דײַן הומאָר.

— אָן הומאָר איז נישטאָ קיין לעבן.

שמואל איז פריִער אַוועק פון טיש, כאַפּן זײַן פאַרשפּעטיקטן נאָכמיטאָג־דרימל. ציפּי האָט זיך, קאָנטיק, גענודזשעט. אַהיימגעגאַנגען. נאָך דער „מלחמה" מיט דער לעצטער פליג, האָט נחמה אַראָפּגענומען מ'סערוועט פון טיש, אַרײַן אין קיך צו די געפעסן. אין שטוב האָט געטונקלט. ישׂראל האָט זיך צוגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע. זיך נישט געאײַלט אַרויסדרייען ס'ליכט.

אָפּגעפּאַרעט זיך, האָט אויך נחמה זיך צוגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע. שטיל. די שטילקייט האָט אַ טבע צו ווערן אַ צוהערעריִן אין אַזאַ שעה, ווען צוויי פאַרליבטע זיצן נאָענט פון זיך און האָרכן זיך אײַן אין די טריט פון דער צוקונפט.

דער וואַנטזייגער האָט אויסגעקלאַפּט שפּעטע אָוונט־שעה.

— דער זייגער פאַרקירצט דאָס לעבן — זאָגט ישׂראל.

— אָבער ער פאַרלענגערט די בענקשאַפט.

— נאָך אַלץ בענקשאַפט?

— דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס גיט אַ ממשות דער ווירק־לעכקייט. און דו בענקסט נישט?

— ביז איך האָב דיך דערקענט. דיך און דײַן קינד.

— אַ דאַנק, ישׂראל.

— נישטאָ פאַר וואָס. ציפעלע דאַרף נישט זײַן קיין בת־יחידה.

— ?

— און איך דאַרף זײַן אַ טאַטע...

— פריִער דאַרף מען רעדן וועגן פיר שטאַנגען, ווי אונדזערע מאַמעס, טאַטעס האָבן זיך געפירט.

— איך האָב אַנדערש נישט געקלערט.

— ווי זאָגט מען דאָ אויף עברית: אומר ועושׂה, געזאָגט און געטאָן.

— מיר זיצן דאָך איבער אַ חתונה־זאַל. סך־הכּל עטלעכע טרעפּלעך אַראָפּצוגיין.

— ירידה לצורך עליה? ס'איז אַן אַראָפּגיין — אַרויפצוגיין.

— פיר שטאַנגען. אַ ברכה. אַ זופּ פון כּוס. אַ טופּ מיטן פוס, צעברעכן אַ גלאָז.

— כּדי גאַנץ צו מאַכן אַ לעבן.

— איך האָב מורא, ישׂראל.

— פאַרוואָס?

— קינדער הײַנטיקע צײַטן? איז דאָס אַ לאַנד אויף געבוירן קינדער?

נחמה, ווי פון אַ פּלוצעמדיקן פּחד באַפאַלן, האָט זיך געטוליעט צו ישׂראלן. מיט אַ געדאַנקען־בליק איז זי געווען אין דער היים. נישט ווײַט פון שיכּון פירט אַ שטויביק וועגל צו אַ מיליטערישן בית־עלמין. אַ ביימער־צעפּ. אַ הויכלעכע מויער. אַקעגן דער מויער — אַ טראַטואַרל. אַ געסל. בנינים. אָפענע טירן פון געוועלבן, געשעפטן, וויטטאַוועס. דורך די פענצטער פון פאַרבײַפאַרנדיקן אויטאָבוס — זעט מען מצבות. גרויסע, שוואַרצע, פעטע אותיות. נעמען, דאַטעס וואַרפן זיך אין די אויגן.

לינקס פון ביימער־און־פּאַרקן־צעפּ — אַ סקווער. בענק. אַ קינדער־גאָרטן. הוידלקעס. קלעטער־לייטערלעך, געשטעלן, גליטש־פּלאַכן. קינדער־געלעכטערס, הויכע איבעררופן, פּלוידערייען פון אין דער פרי ביזן האַלבן טאָג אַריַין.

אין די אָוונטן — ליכטער. דורך אָנגעצונדענע שיַיבעלעך פון זונפאַרגאַנג זעט מען די מצבות, פרישע בערגלעך. אויף זיי — ברעטלעך, שילדלעך — „פּה נטמן".

גאַנצע טעג ביז שפּעט אין דער נאַכט רוישט דאָס לעבן: יונג אויפגייענדיק לעבן זיַיט ביַי זיַיט פון יונגן, פרישן אויסקאָפּ.

פון איין זיַיט — שיכּונים, ניַיע עולים, פון דער צווייטער — עולה־רגלען נשמות אויף לייטערס פון אל מלא רחמימ׳ס צו הייכן, צום הימל. נעכטן, אייערנעכטן — לעבעדיק, פלייש און ביין, היַינט, מאָרגן — נידעריקער פון דער ערד...

הויך גראָז שאָקלט זיך פרום־פּאַרציטערט צו די געוויינען, געשלוכצן העשעריַיען, תפילות — טאָג איַין, טאָג אויס. אין זונליכט, אונטער שטערן מערן זיך אויפן טרערן־פעלד פרישע קברים־בערגלעך: וואַקסן מצבות — מיניאַטור־שיכּונים פאַר שוכני־עפר.

פרישער שפּראָץ, בלומענקנאָספּן אויף דינינקע שטענגעלעך שאָקלען זיך עלעהיי קינדער, וואָס לערנען זיך ביַי מאַמעס פּאַרטעך שטעלן די ערשטע טריט.

דרויסנדיק פון ביימער־און־מויער־צעפּ — קוויטשענדיקע קולעכלעך און פרייד־געשרייען אין קינדער־גאָרטן.

קינדער, מאָרגן־חיילים, ווער קאָרמעט איַיך מיט אַזוי פיל לעבן אַזוי יונג צו קאָנען שטאַרבן? די טאַטעס, מאַמעס ווילן ערד און איר גיט בלוט. דורות האָבן געוואָרט אויף ערד. נאָר אַ זעקעלע הייליקער ארץ־ישׂראל ערד צוקאָפּנס ביַי הונדערט און צוואָנציק — איז ייִדעס אויסגעגאַן ס׳חיות און איר קויפט זי אויס מיט איַיער לעבן. אַזאַ שמאָל וועגל — אַ בריקל — צווישן לעבן און טויט, צווישן וויגל, הוידלקע און קבר. אָנהייב — סוף: יונגער סוף,

וואָס שפּראָצט פון דאָס נײַ אַרויס מיט גרינעם בלוט אין בוים, אין קוסט, אין בלום.

עולים פון אַלע לענדער. ווערליק בן־גוריון — אויך אַן עליה פון אינעווייניק דערוואַרט ער. אַ פאָלק, אַ ייִדיש פאָלק וויל ער.

און ישׂראל וויל זײַן אַ טאַטע, זאָגט ער צו האַלינאַ. שוין די העבסטע צײַט. שוין איבער דער צײַט. און זי, נחמה, איז אַ יונג מיידעלע? איין קינד? אַט־אַט — אין צבא. אַליין בלײַבט זי. איינער איז קיינער.

אַוודאי אַ משפּחה אויפשטעלן. און מער ווי איין קינד. אויך אין דער נאַטור זעט מען דעם נײַעם פּראָצעס: אָפּגעזונקטע אָדער אָפּגעזעגטעביימער גיבן אַרויס פון זיך נײַע צווײַגן, גרינע צווײַגן, יונגן שפּראָץ. דאָס איז דער דרך החיים. און איר, נחמהן, איז אַזוי שווער זיך צו באַפרײַען פון די בילדער, וואָס זי זעט טאָג־טעגלעך אויפן מיליטערישן בית־עלמין נאָענט פון שיכּון.

קלעפּסידרעס. אַזויפיל שוואַרצע רעמלעך אויף די ווענט, פּאַרקנס. אויפן הויכן שטיינערנעם טויער פון בית־עלמין איז אויס־געקריצט: **בית החיים**. פון וואַנעט זענען די ווערטער געגומען ווייסט זי נישט. ווערטער פון דער תורה אַוודאי. פאַרוואָס זאָגט מען נישט דעם אמת? פאַרוואָס וואַשט מען די ווערטער. מען איז זיי מטהר, ווי די מתים. מיט די מתים טוט מען זייער רעכט, מיט די ווערטער זאָגט מען אַ ליגן. שקר. וואָרעם ברענגען ברענגט מען אַהער צום בית החיים טויטע. מתים ברענגט מען. גופות, שפּײַז פאַר ווערים אין די קאַלטע, פינצטערע גריבער.

און אויב שרײַבט מען די ווערטער פאַר די לעבעדיקע — איז עס אַ גענאַרן זיך אַליין.

## קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק

שמואל איז ווידער אַליין. ער האָט עטלעכע מאָל געקלונגען צו נחמהן, געבעטן „זיך אַ וויַז טאָן". אַ שטוב דאַרף אַ באַלעבאָסטע. די דאָזיקע ווערטער האָט זי פון אים, שמואלן, נישט איין מאָל געהערט. אַצינד אָבער קלינגען זיי אַנדערש אין אירע אויערן. אַנדערש זעט ער אויך אויס אין אירע אויגן — האָט זי גלײַך צום אַרײַנקומען באַמערקט. אַ רחמנות אויף אים. די וווינונג — פאַרנאַכלעסיקט, אָפּגעלאָזט. אויך דעם זאָל דאַרף מען אין אָרדענונג ברענגען. עטלעכע וואָכן — ליידיק. אַלע שׂמחות אָפּגערופן צוליבן מצב. אַן אָנגעשטרענגטע לאַגע. פעדאַיִן. איבערפאַלן פון אַראַבישע אַרײַנדרינגלער אויף מענער, פרויען, קינדער. נישט איבערקלײַבעריש אין זייערע מאָרד־מעשׂים. די סכּנה וואַקסט, באַזונדער — אין דרום פון לאַנד. אויך אין ירושלים. אין רחובות זענען געווען איבערפאַלן אויף שפּאַצירנדיקע אין צענטער שטאָט. די צײַטונגען זענען פול מיט נײַעס, שלעכטע נײַעס:

„ווידער מצרישע אַרײַנדרינגלער בײַ עזה". „מצרים פאַרהאַלטן אין סועץ־קאַנאַל אַ ישׂראל־שיף מיט דער שיף־מאַנשאַפט". „אינטערווענצן פון פראַנקרײַך, ענגלאַנד, אַמעריקע וועגן באַפרײַען די שיף און די אַרעסטירטע". „אילת, דער ישׂראל־אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן, האָט באַזוכט **לאַידן**, דעם ענגלישן אויסערן־מיניסטער וועגן פאַרזיכערן דעם פרײַען פאַרקער פון ישׂראל־שיפן". „בן־גוריון זיך געטראָפן מיט גי **מאָלע**, דעם פראַנצויזישן פרעמיער־מיניסטער, וועגן לופט־פאַרטיידיקונג פאַר די ישׂראל־שטעט".

טאַטע, מ'דאַרף לייענען צײַטונגען. צווישן די שורות דאַרף מען לייענען — האָט ישׂראל געזאָגט.

ער האָט אים פאַרגעלייענט די נײַעס פון טאָג:

„די בעסטע דרײַ שיפן פון פראַנצויזישן ים־פלאָט האָבן מיט שטרענגער קאָנספּיראַציע זיך געגרייט פּאַטרולירן די ישׂראל־ברעגן".

„פראַנקרײַך לייגט פאַר דעם העכסטן קאָמאַנדיר פון די פאַראייניקטע ענגליש־פראַנצויזישע כּוחות, דעם גענעראַל בורזשע, דורכפירן אַ גרויסע פּאַראַשוטיסטן־אַקציע כּדי צו פאַרנעמען וואָס מער שטח אַרום סועץ".

זונטיק אין דער פרי. שמואל הערט ישׂראלס טריט פון שטוב אין קיך, פון קיך אין שטוב, ס׳עפענען און פאַרמאַכן פון פרידזשידער, ס׳קלאַפּן פון די טירלעך פון קיך־שענק. אין דער פרימאָרגן־טונקלעניש זעט ער ס׳באַוועגן זיך, בייגן, אויסגלײַכן פון ישׂראלס שאָטן אויף די ווענט: ס׳אַרויפּצײַען אויף זיך ס׳אַנטאָן, שווערע שיך.

— וואָס עפּעס אַזוי פרי, זון?

— איך אײַל זיך.

— וווהין ס׳אײַלעניש אין אַזאַ פריִער שעה?

— גיוס, טאַטע. מאָביליזאַציע. ער גייט צו נענטער צו שמואלס בעט און ווײַזט אים ס׳רוף־צעטל.

— מיליטער? מאָביליזאַציע?

— ששש, טאַטע. שוין עטלעכע טעג ווי מ׳רופט אויף מילואים. אַ נײַעס פאַר דיר?

שמואל גייט אַראָפּ פון בעט. כאַפּט אויף זיך ס׳אָנטאָן. דרייט אַרויס ס׳ליכט:

— וואָס עפּעס אין דער פינצטער?

— נישט געוואָלט דיך אויפוועקן.

— דו האָסט געוואָלט גיין אין מיליטער און מיך לאָזן שלאָפן?

— דערלעבט, טאַטע? דײַן זון אַ רעזערוויסט.

שמואל קוקט אויף זײַן גרויסן זון אין די גרין־גראָע, צעקנייטשטע מיליטערישע הויזן, אָפּגעחומלטע רובאַשקע, הויכע שווערע שיך, וואָס יעדער טראָט הילכט אָפּ אין דער שטוב־ליידיקייט. מיט

אומרו, מיט באַדויער. מיט צעשטערטער פרייד קוקט ער אויף זײַן זון און ווייסט נישט וואָס צו זאָגן. מה נאמר ומה נדבר — טראַכט ער. ער זעט דאָך שוין אַלץ. וואָס האָט ער צו פרעגן? שטיל, שטום, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ לאָזט ער זיך גיין צו דער טיר.

— וווהין, טאַטע? וווהין ס'אײַלעניש אין אַזאַ פריער שעה?

— אונטן, אויפן זאַל: צוגרייטן עטלעכע סאַנדוויטשן, אַ וואַרעמען טרונק.

— מ'דאַרף נישט. שוין געמאַכט.

ער ווײַזט אים דעם רוקזאַק בײַ דער טיר:

— אַלץ ליגט שוין אינעווייניק. טאַטע, גיי צוריק אין בעט אַרײַן, לייג זיך.

— צולייגן זיך? אַצינד שלאָפן?

— געדענקסט, טאַטע, האָסט מיר אַרײַנגעשטופט אין האַנט ס'פּאַפּירל, „לויף, זון מײַנער, ראַטעווע זיך"?

— די קענקאַרטע?

— יאָ, די קענקאַרטע. פרײַטיק אין דער פרי. יענעם פינצטערן פרײַטיק פאַר דער „אַקציע".

— צי איך געדענק? און די מאַמע, אַ גן־עדן אויף איר? און די קינדער?

— אַצינד, טאַטע, לויף איך נישט. איך גיי. מ'רופט און איך גיי. נאָר, נאָר, אַ סך גייען. נישט זיך אַליין גייט מען ראַטעווען. ס'לאַנד ראַטעווען פון די אַראַבישע אָנפאַלערס גייט מען. פעדאַיִן. סועץ־קאַנאַל. נישט מיט אַ קענקאַרטע פאַרלאָז איך דיך, טאַטע. מיט אַ ביקס, מיט געווער אין האַנט וועל איך זיך שלאָגן פאַר אונדזער לעבן דאָ. דאָ, נישטאָ קיין אַנדער אָרט פאַר אונדז.

ישׂראל איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר מיטן רוקזאַק אויף די פלייצעס. לעם אים — שמואל. מינוטן האָט געדויערט ס'אָנקוקן זיך, ס'שטומע געזעגענען. ישׂראל האָט זיך אַראָפּגע־בויגן, אַרומגענומען מ'טאַטן, אַ קוש געטאָן אין קאָפּ. אויסגע־

גלײַכט זיך און געוואָלט מאַכן אַ טראָט פאָרויס. ערשט שמואל גיט זיך קיין ריר נישט פון אָרט. שטייט אַ געבויגענער, אַ געבראָ־כענער, נידעריקער ווי ער איז.

ישׂראל זעט מ׳טאַטנס פּנים פאַרקרימט אין אַ גרימאַס, וואָס וויל זאָגן; ווײנענדיק זאָגן: — גיי בשלום, קום געזונטערהייט אַהיים.

ער האָט נישט אַרויסגעזאָגט די ווערטער. פון מורמלעניש מיט די ליפּן האָט ער דאָס פאַרשטאַנען, ישׂראל. ער בייגט זיך נאָך אַמאָל אַראָפּ צום טאַטן, הערט זײַן אַרײַנשעפּטשען אים אין אויער:

— גיי געזונטערהייט. דײַן מאַמע די צדקית, דײַן פרומער זיידע זאָל זיך מײַען.

ישׂראל האָט געשמייכלט:

— ס׳עט זײַן אין אָרדענונג, טאַטע.

און ער האָט געזען: מ׳טאַטנס אויגן גייען איבער. עפּעס גלאַנצט אין זיי. צוויי קײַלעכדיקע, גרויסע טרערן קײַקלען זיך אַרויס און רינען איבער זײַן פּנים. ישׂראל גענענט, נעמט נאָך אַמאָל אַרום דעם טאַטן, האַלט אים לאַנג לאַנג אין זײַנע אָרעמס:

— זיי געזונט, טאַטע, שלום!

פּאַרפרי. אַ נאָך־סוכּות־וועטער. אַ יונגער האַרבסט־ריח און אַ קיל ווינטל פילט ישׂראל אויף זײַן וואַרעם פּנים. די פּאַגאָדע דערמאָנט אים דעם „גאָלדענעם האַרבסט״ אין דער אַלטער היים. ס׳פעלן נאָר די גאָלדיק־געלע בלעטער, וואָס האָבן זיך מיט שטילן שאָרך געלייגט אונטער די פיס. דאָ הי זענען עס די שענסטע טעג פון יאָר.

סוף אָקטאָבער נײַנצן זעקס און פופציק. ער גייט צופוס. צוויי גאַסן סך הכּל צום מאָביליזאַציע־פונקט. בײַם ראָג פון דער ערשטער גאַס — דער שטאָטישער סקווער. אין די פּאַרמיטאָג־שעהען, אַ זייגער צען־צוועלף טרעפט מען דאָרט אַ סך יונגע ווײַבלעך מיט קינדער־וועגעלעך און קינדער בײַ די הענט, שוואַנגער־פרויען. ער

איז נישט איין מאָל דעם סקווער פאַרבײַגעגאַנגען. ער האָט ליב די פרויען מיט די בײַכער־גלאָבוסן אין זייער שווערלער־וואַקלדיקן גאַנג. פון זייערע צעעפנטע אויגן קוקט אַרויס דער ווונדער פון נײַע וועלטן, וואָס באַוועגן זיך אונטער זייערע ריפּן. עס שפּיגלט זיך אין זיי די פרייד, ווי די זון אין וואַסערטראָפּנס: פרייד פון די איידער־געבוירענע. אויפגעלעבטע פּנימער. זאַנפטיקע ליפּן. אַ ריח שלאָגט פון די יונגע שוואַנגערינס, ווי פון כּוסות ווײַן.

אויך זקנים זעט מען דאָרט. זיי זיצן מערסטנס אין די פאַר־נאַכטן רײַענווײַז און אין האַלבע רונדן אויף בענק. גראָע קעפּ. געקנייטשטע פּנימער. פאַרנעפּלטע אויגן. מיט שטאַרקע, בייניקע הענט צעוואַרפן זיי קרישקעלער פאַר טײַבעלער און פייגל. איינ־ציקווײַז און טשאַטעסווײַז פליִען זיי אָן, לאָזן זיך אַראָפּ מיט האַסטיק־שאַרפן פליגלפאָר. נאָענט בײַ די פיס פון די זקנים פּיקן זיי די אָנגעוואָרפענע קרישקעלער ברויט, חלה; פּיתה. האַפּסלען אָפּ מיט די רויטע, דינינקע פיסעלער, קוקן מיט גוטע אַרבעס־אייגעלער אויף די הענט פון וואַנעט די קרישקעלער פאַלן: שפּרינ־גען אָפּ, דערוויַיטערן זיך און גענענען. אַ פּיק און אַוועק.

די אַלטע לײַט שמייכלען צו די קינדער בײַ דער מאַמעס פאַלעס און אין די וועגעלער. זיי וואַרפן פאַרטײַעטע בליקן צו די מאַמעס. דערנענטערט זיך אַזאַ איינע, גיט מען אַ גלעט אַ קעפּעלע פון אַ קינד און מ׳נעמט נישט אַראָפּ די זשעדנע בליקן פון די מאַמעס. אַ צוריקבליק פון אַ יונגער מאַמע, אַ שמייכעלע, אַ וואָרט דערפרייט זיי דאָס האַרץ, וועקט די בלוטן די פאַרקאַלכ־טע, פאַרגליווערטע אין זייערע לײַבער, שטעקט זיי אָן מיט יונגן, זיסן שווידער.

זקנים. זקנות — גייט ער און טראַכט — בראַכוואַרג. עלעהיי אָפּגענוצטע, אַלטע מעבל־שטיקער אַרויסגעשטעלטע פון רײַכע שטובן — זין, טעכטער, אייניקלער. יונגע מענטשן. זענען זיי אַמאָל נישט יונג געווען? ווי זאָגט זיך ס׳פּוילישע ווערטל: „זשימאַ — ליאַטאַ, ליאַטאַ — זשימאַ, יוזש טשי ניעמאַ״ (זומער־ווינטער,

ווינטער־זומער און שוין נישטאָ מער). איבערגעשפּרונגען, ווי אַ קאַץ איבער אַ פּלויט, יאָרן, ימען, לענדער. פון יונג ביז אַלט — דערמאָנט ער זיך מ׳טאַטנס אַ ווערטל — אַ קאָרטנשטיבל: אַט שטייט עס אַט פאַלט עס זיך פונאַנדער...

גלוסט זיך זיי, פאַר וואָס נישט, אַצינד וואַרעמען אויף דער זון. נישט ווײַט דער מושב זקנים. גאַנצע טעג און נעכט צווישן די קילע אָדער דושנע ווענט — וואַרפט אָן אַ מרה שחורה. רעדן אַוודאי אַזוי מיט זיך אָדער צו איינאַנדער, שמייכלען פאַרשולדיקט. ווייסן: זענען גאָט די נשמה שולדיק...

אָבער כּל זמן די אויגן זענען אָפן... איז ס׳יונגוואַרג, די באַפליגלטע באַשעפענישן...

ווען ער איז אין די שפּאַציר־שעהען פאַרבײַגעגאַנגען דעם סקווער, די באַזעצטע בענק, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט הנאה געקוקט אויפן אומגיין און וויגן זיך פון די באַפליגלטע באַשעפענישן פאַזע און צווישן די טריט. ס׳טראָגן זיך מיט שטילן פלאַטער איבער די קעפּ און נידערן ראַפּטעם אַראָפּ מיט אַ וואָרקע־ניש אַ זיסער און אַ פייגלישן בטחון, אַז זיי זענען די ליבלינגען פון די צווייפיסיקע: פרײַנד פון די איינזאַמע, עלנטע, באַזונדער — פון די אַלטע לײַט און קינדער. קיינער וועט זיי דאָ קיין שלעכטס נישט טאָן.

פון פאַרהיימישטקייט טרעפט: אַזאַ שטייגער בריאומל טוט זיך פלוצעם אַ שטעל אויף אַ קאָפּ אָדער אַקסל. איבערראַשט און דערשראָקן ווערט דער צווייפיסיקער. מינוטן בלויז דויערט עס. ער יאָגט נישט אַראָפּ דאָס באַשעפענישל. גייט דערמיט, ווי מיט אַ קרוין.

אין היפּער און האָפּסל פון קרישקעלע צו קרישקעלע צו שטילן דעם הונגער, איז שיין צו זען, צוקוקן זיך צום טענצלען פון תּאווה־הונגער פון אַ טויב־מאַנסביל אַרום אַ „זי". אָן אָנ־געבלאָזענער פּעדערט ער זיך און לאָזט אַרויס אַ הייס־נערוועז, לײַדנשאַפטלעך ליבע־וואָרקעניש. די „זי" פלאָנטערט זיך מכלומרשט

אַרויס פון אַרומקריַיזן אַרום איר. זאָל אים נישט גרינג אָנקומען דער פאַרגעניגן. זי איז נישט פּיקס און פּאַרטיק אונטערגעבן זיך זיַינע מענערישע באַגערן און פאַרלאַנגען. אַוודאי און אַוודאי נישט — שטילן זיַין תּאווה. זי קאָן זיי, די מענער. דערקלערן זיך אין ליבע און מיינען — — — אַלע מיינען זיי דאָס זעלבע — — — חוץ דעם וויל זי נישט מוותר זיַין אויפן תּענוג: אָנציִען דעם צד שכּנגד, ברענגען אים אין גוטער אויפרעגונג. מאַכט זי זיך תּמע־וואַטע און וואַרפט בעת מעשׂה זיַיטיקע בליקן צום אָנגעבלאָזע־נעם קאַוואַליער און הערט אויף אַ סעקונדע נישט אויף, פלינק און חנעוודיק, צו האַפּסלען פון זשאַרנע צו זשאַרנע, כּאילו נישט איר מיינט מען. און טאַקע אים אויף צו פּיקעניש...

אויף מענטשלעך לשון הייסט עס: — קודם, לאָמיר אַביסעלע ראָמאַנסירן. און זי איז טאַקע טשיקאַווע צו זען צי מיינט ער עס ערנסט.

כאָטש אין דער פריִער שעה, ס׳איז אויך קילבלעך אין דרויסן און די בענק זענען נאָך נישט באַזעצט, אויך וויַיבלעך, יונגע פרויען זעט מען נאָך ווייניק — האָט ער געדענקט, ישׂראל, גע־ווּוסט, אַז אין אַ ליאַדע צוויי־דריַי שעה וועט דאָ זיַין פול. און ער האָט געטראַכט אַ טראַכטונג:

— ווו האַלט איך ערגעץ אין דער וועלט? איך בין אין מיטן ווי האָט געזאָגט די קליינע ציפּי: „נישט אַזוי יונג און נאָך נישט אַזוי אַלט".

אין מיטן וועג איז ער. אין מיטן פון זיַין לעבן. און אַצינד גייט ער, וווהין גייט ער? ער גייט זיך שלאָגן פאַר זיַין לעבן, פאַרן לעבן פון טאַטן, נחמה, ציפּי. אויך פאַר די איידער־געבוירענע קינדער וואָס אין די „גלאָבוסן" פון די שוואַנגער־פרויען און — אין די געגען פון אים און פון נחמה...

ער איז וויַיטער געגאַנגען. פאַרשנעלערט די איַילקע טריט. די שווערע שיך אויפן ליידיקן טראָטואַר האָבן אָפּגעהילכט מיטן טאַטנס ברכה:

— גיי בשלום, קום געזונטערהייט אַהיים.

צוריק אין בעט אַרײַן איז ער שוין נישט געגאַנגען, שמואל. ווער קאָן שלאָפן אין אַזאַ פרימאָרגן. עפּעס טאָן — לייגן זיך נישט די הענט. דאָס גלײַכן — עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן: דער שלונג פאַרהאַקט, ווי אַ קאַליע־געוואָרענער שלאָס. אומדרייען זיך סתּם אין שטוב — טראָגן נישט די פיס. מידע, אונטערגעהאַקטע פיס, ווי נאָך צענדליקער קילאָמעטער גיין. דער קאָפּ — ליידיק, ווי אַ חרובע נעסט, די געדאַנקען — קראַנקע שוואַלבן. די אויגן — אויסגעלאָשענע לאַמטערן. קוקן פינצטער אויף די ווענט. העכער צען יאָר האָרעוואַניע. אָנגעהויבן פון גאָרנישט. מיט די אייגענע צען פינגער, מיטן קאָפּ אין דער וואַנט, מיט אַ צעבראָכן האַרץ — אָנגעהויבן פון דאָס נײַ. „דאָרטן״ געלאָזט אַ היים, אַ ווײַב, קינדער. דערלעבט דאָ צו זען אַ געראַטעוועטן זון. אַ גבר פון אַ מאַנספּאַר־שוין. אַ צווײַג, אַ בליִענדיקע צווײַג אויף אַן אָפּגעשרפהטן בוים און — ווידער מלחמה. מ'לאָזט נישט לעבן דעם ייִד. אַ גלאָוועניע. אַ זשאַרנע ערד. אַ רצועה ערד אונטער אַ פּאַסיקל הימל. אַ ייִדישער הימל. אַ ים און — אַ ים קריצנדיקע ציין... ווידער אויפגעשטעלט אַ הויז. ייִדיש האָב און גוטס — אַ בינטל שטרוי. אַ בינטל שטרוי אויפן פײַער. אוי, די מלחמות. די דריטע מלחמה בײַ זײַנע קנאַפּע זעכציק יאָר. נישטאָ קיין כּוח מער.

אַ נישט־אויסגעשלאָפענער, אַ צעטראָגענער, אַ שווער־שווײַגנ־דיקער, אַן אַלטער, מידער ייִד — איז ער געבליבן זיצן בײַ דער אָפענער טיר פון וואַנעט ישׂראל איז נאָרוואָס אַרויס: בײַ דער טיר, ווי אַן אָרעמאַן אין אַ פרעמדער שול איז ער געבליבן זיצן.

✶

נחמה האָט זיך געגרייט נאָך אַמאָל צוכאַפּן צו שמואלן. זי ווייסט נישט צי ישׂראל האָט דעם טאַטן דערציילט וועגן זייער באַשלוס — שטעלן אַ חופּה. זי פילט אָבער אין שמואלס רייד, אין זײַן פּאַטער־לעכער באַנעמונג, אין זײַן נאָענטקייט צו איר די לעצטע וואָכן,

אַז ער איז אַ שותּף צו זייער סוד. „אַ שטוב דאַרף אַ באַלעבאַסטע״. אַנדערש קלינגען אַצינד זײַנע ווערטער. אויך דאָס קול זײַנס קלינגט אַנדערש. וואָדען? יאָ, זי וועט אַריבערגיין אַהין.

אויפֿן וועג צו שמואלן — סך־הכּל דרײַ סטאַציעס — האָט זי געקויפֿט אַ צײַטונג און אַרײַן אין אויטאָבוס. צוליב דער אָנגעשטרענגטער לאַגע, אָפּטע אומרועןנ קוקט זי לעצטנס אַרײַן אין אַ צײַטונג, בעיקר — די קעפּ, וויכטיקע נײַעס. און אָט — זי גלייבט נישט די אייגענע אויגן:

בײַ איינעם פֿון די אַרעסטירטע בײַם לעצטן אַרײַנדרינגען — לייענט זי — געפֿונען אַדרעסן פֿון אַראַבער, היגע אײַנוווינער. אַ בריוו צו איינער אין תּל־זית, אַ מומע פֿון אַן אַכמעד, אַ געוועזענער סטודענט. פֿאַרהאַלטן אים אויף אַן אויספֿאָרשונג. ער טענה׳ט באשר זײַן קאָנטאַקט מיטן פֿעטער איז אַ משפּחהדיקער. ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ פּערזענלעכן ענין. אַ דעליקאַטער ענין. אַ ליבע. אַ ייִדיש מיידל, אַ גימנאַזיסטין. דער נאָמען פֿון מיידל איז דערווייל פֿאַרבאָטן צו פֿאַרעפֿנטלעכן.

פֿינצטער פֿאַר די אויגן איז איר געוואָרן. אַ וואָלקן, אַ שווערער וואָלקן, האָט איר פֿאַרשטעלט די עטלעכע טראָט צו דער טיר פֿון אויטאָבוס, ס׳טרעפֿל צום אַראָפּגיין האָט זיך געטרײַסלט אונטער אירע פֿיס. — זי איז גיך צו זיך געקומען. אייגנטלעך, גוט אַזוי. אפשר וועט זי אים אינגאַנצן פּטור ווערן. ניין, זי וועט שמואלן דערוועגן נישט דערציילן. קיין צײַטונגען לייענט ער דאָך במילא נישט. ציפּי. פֿאַרגעסן אין אים דעם סטודענט, ווי אין אַ בייזן חלום. אויסגעמעקט פֿון איר זכּרון, ווי מ׳מעקט אָפּ קרייד פֿון אַ טאָוול. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זי זיך פֿרײַוויליק מאָביליזירט. אַרויס פֿון שטוב מיט אַ פֿריילעכן „שלום״.

און שוין דערהאַלטן אַ קאַרטל מיט אַ דרײַעקיקן סטעמפּעל פֿון אַ מיליטערישער צענזור. זי איז אויף אַ קורס קראַנקן־שוועסטער — שרײַבט זי. „אמא, דײַן פּאַר״.

שמואל האָט אַרומגעטשאַפּעט אין שטוב. זיך דערפֿרייט מיט

נחמהן. מ׳דאַרף האָפן, זאָגט ער, אַז אַלץ וועט אַדורך בשלום. מלחמה איז מלחמה. נישטאָ קיין ברירה. שוין איבערגעלעבט ערגערע צײַטן. ישׂראל וועט מיט גאָטס הילף אַהיימקומען. זײַן גאָטזעליקע מאַמע, זײַן פרומער זיידע וועלן זיך מיען. ציפּילע? וואָס האָט ער געזאָגט, האַ? דאָס ווערטל „תורה וחכמה במקום אחד" קאָן מען טאַקע אויף אים נישט זאָגן, אָבער ווער ס׳איז שיין, ער — איז קלוג. אַרויס פון קאָפּ דער אַראַבטשיק. אַן אַראַבער, אַ סטודענט, אַ ווייסעכוואָס, אַ געלע טשופּרינע.

שמואל האָט זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד בעט. נחמה האָט צו־געגרוקט אַ שטול, פאַרשפּרייט מיט אַ סערוועטקע, דערלאַנגט אים אַן אָנבייסן אויף אַ טאַץ, אַ גלעזל הייסע טיי מיט אַ שטיקל לימענע, ווי ער האָט ליב.

אַ זופּ געטאָן און נחתדיק געזאָגט:

— האַ, ציפּעלע, אַ קראַנקן־שוועסטער. „ס׳עפּעלע פאַלט נישט ווײַט פון ביימעלע".

און צו נחמהן:

— אַוודאי נאָך נישט געגעסן, זעץ זיך, כאַפּ עפּעס איבער.

אין שטוב, פאַרן אַרויסגיין האָט זי געטרונקען אַ קאַפּע. יאָ, זי וועט אים צוליב טאָן. זי האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי און צוגעזעצט קעגנאיבער שמואלן.

— זיץ אונטער, נחמה. אײַל זיך נישט מיטן צורוימען. איך וויל דיר עפּעס זאָגן וויל איך דיר. אויף „דו", ווי צו אַן אייגן קינד רעד איך צו דיר. דו ביסט מיר נאָענט און אייגן געוואָרן. דו ביסט אַצינד אַליין און — נישט אַליין. די וווינונג, דער חתונה־זאַל — פאַר דיר, ישׂראלן און דײַן ציפּין. איר זענט מײַנע קינדער. מײַנס — איז אײַערס. אַ כלה ביסטו מיר. אַזוי זאָגט מען דאָך דאָהי אויף אַ שנור, ניין? ישׂראלן וועסטו זײַן אַ ווײַב. אַ געטרײַ ווײַב.

נחמה האָט געשוויגן. וואָס האָט זי געהאַט צו זאָגן? אַלץ, וואָס זי האָט געטראַכט, געפּלאַנט און ביזן סוף אַפילו מורא געהאַט

צו דערטראַכטן — האָט זי אַצינד געהערט פון שמואלס מויל. טיף אין האַרץ איז אין איר אויפגעגאַנגען אַ תפילה:

„ישׂראל זאָל געזונט בקרוב אַהיימקומען. ציפּעלע זאָל מיט הצלחה ענדיקן דעם קורס.״

אַנדערש האָבן אַצינד אויסגעזען די דרײַ צימערן, די קיך, וואָס זי האָט זיך געגרייט אין אָרדענונג ברענגען. אַנדערש האָט איר אויסגעזען דער חתונה־זאָל, די לאַנגע טישן אַרום וועלכע זי איז הין און צוריק געגאַנגען, געלאָפן מיט פולע און ליידיקע טאַצן מאכלים, משקאות.

איר חתונה. אַ ייִדישע חתונה כּדת משה וישׂראל. נאָך צוויי מאָל ישׂראל: איר ישׂראל — אין לאַנד ישׂראל.

נישט ערגעץ דאָרט אין ווײַסרוסישן סאָוויעט־לאַנד, אין קאַנטאָר פון „זאַגס״. אַ חופּה מיט „הרי את״. דער חתן גיט אַ טופּ מיטן פוס. איין טופּ און ס׳גלאָז איז צעבראָכן. דער רב גיט חופּה וקדושין. האַלט אַ דרשה. פאַרהייבט דעם כּלה־שלייער איבער איר פּנים. זי גיט דעם ערשטן זופּ פון בעכער. נאָכדעם — ער. עס איז דאָך בײַ איר דאָס ערשטע מאָל. אַזויפיל מאָל האָט זי עס געזען אין די פינעף יאָר וואָס זי אַרבעט דאָ. קושן. ווינטשעוואַניעס. ס׳פידעלע שפּילט אַ וויינענדיקס און איר האַרץ לאַכט. האַלינאַ. נחמה. חומה, ווי די מאַמע האָט איר גערופן. חומה האָט חתונה. אײַ, ווען די מאַמע וואָלט דאָס געזען, דאָס דערלעבט. ווו זענען זיי? זי ווייסט שוין. מ׳ווייסט שוין. זיי זענען נישטאָ. אומגעקומען אויף אַ מערדעלעכן אופן.

אָפּגעפּאָרעט זיך אין די שטובן, איז זי אַראָפּ אויפן זאַל. שמואל האָט נישט געוואָלט, נישט געלאָזט איר אַראָפּגיין. מאָרגן. איבערמאָרגן. ס׳ברענט נישט. ממילא נישטאָ קיין שׂמחות. אַלץ איז אָפּגערופן, אָפּגעשטעלט ביזן אײַנשטילן זיך פון די אומרוען.

איר חתונה. ניין. ס׳איז נישט דער זעלבער זאַל. אויס מיטן ווײַסן פּאָרטעכל, מיטן טשיפּיק אויפן קאָפּ. די אויסגעסטרדזאַיעטקייט.

די פאַלשע שמייכלען: „דער זאָל פּאָדערט אַ שיין פּנים". ס'וועט זײַן אַ חתונה, ווי אַמאָל דער מאַמעס חתונה, וועגן וועלכער די מאַמע האָט איר דערציילט:

„געדעקטע טישן. ווײַסע פּענעצן ברויט, אַ קוילעטש, אַ גרויסער, וואָס אַלע רײַסן פון אים שטיקער. פיש און פלייש. גילדענע יויך. קאָמפּאָטן. טיי מיט וואַרעניע. אײַנגעמאַכטס. די קלעזמאָרים גרימפּ־לען. מ'טאַנצט אַ קאַמאַרסקי, אַ שער, אַ וואַלץ. חיים־לייב וועוועקעס דער שטאָט־לץ גייט אויף שטאָלצן. דער בדחן ציקלט ניגונים, גראַמען. הײַנט ס'דרשה־געשאַנק? טאַבאַק־און בשׂמים־פּושקעלער. ציכלער. אײַנשיטן. טישטעכער. אַ קופּערנע פאַן אויף פיש. ווער קאָן דען אַלץ געדענקען? דער טאַטע פון חתנס זײַט האָט געגעבן דרשה־געשאַנק טלית און תּפילין. אַ קליינע דרשה האָט ער גע־האַלטן, צום סוף געזאָגט:

„ווער סע דאַוונט אַלע אין דער פרי און עסט פיש אום שבת — מעג ער זײַן דער גרעסטער אַפּיקורס — וועט ס'גיהנום נישט לײַדן: די פיש וועלן מלחמה האַלטן מיט די שדים און דער טלית וועט פאַרדעקן".

ווי קונציק דער בדחן האָט אויסגעוויקלט די פּעקלעך דרשה־געשאַנק. געוואָרפן אויפן טיש פאַר אַלעמנס אויגן. אַ חתונה־זאַל — אַ קאַזאַרמע. טאַקע געווען אַ קאַזאַרמע. אָפּגעקויפט זי פאַר אַ שיבוש בײַם אָפּטרעטנדיקן דײַטש. אויסגעלאַדעוועט זי פאַר קהלישע געלטער און זאָל זײַן שׂמחות בײַ ייִדן.

לייטשע, דער מאַמעס מאַמע — אַ ליכטיקן גן עדן איר — האָט געשיט מיט געלט. אַלע מאָל אונטערגעהויבן די יופּקע, אַרויס־געשלעפּט פון דער האַלקע־קעשענע זשמעניעס גרײַצערס, זיל־בערגעלט און געטיילט ווער ס'האָט נאָר אונטערגעשטעלט אַ האַנט. דער זיידע, ס'זאָל נישט אויסגערעדט זײַן, האָט פון גרויס גדולה פאַרלוירן דעם טײַסטער... אַ קאַרגער. אַ סקנער. אָבער אַ פריי־לעכע נשמה.

איז גוט, וואָס ס'זענען נאָך געבליבן פיר שטאַנגען, אַ רבּ'ס

אַ דרשה און אַ ברכה צו חופּה־קדושין. אַ פאַרהייבן דעם כּלה־שלייער. אַ זופּ פון בעכער און — אַ קוש. אַ חדר מיוחד? מילא, הײַנט וואַרט מען נישט אויף די זאַכן.

איר חתונה. פון דער וווינונג ביזן חתונה־זאַל — אײַן גאָרן טרעפּ. פיר חופּה־שטאַנגען. ערגעץ, נאָענט־ווײַט — האָט געשריבן ישׂראל אַ קאַרטל — שטייט זײַן אַפּטיילונג.

ס׳וועט זײַן אַ חתונה.

**שלמה וורזוגר**

# ה ל י נ ה

חלק ב׳ של הנובילה ,,יוני 1941״

דברי ביקורת על המחבר ויצירותיו
מאת הסופר־המסאי יצחק ינסוביץ

יצחק ינסוביץ

## „יוני 1941" מאת שלמה וורזוגר

בנובילה „יוני 1941" עלה שלמה וורזוגר, כפי שאומרים, על עצמו. אם כי גם מקודם הפרוזה העסיסית שלו הגיעה לרמה שזכתה להערכה על־ידי הטובים שבמבקרינו, כגלטשטיין, מוקדוני, רפופורט ואחרים.

הנובילה הזו — מהו עיקר יתרונה ובמה היא כובשת כה חזק את המחשבה ואת הלך הרוח? קשה להסביר זאת על רגל אחת, כפי שאין להסביר ואין לאפיין שום יצירה אמנותית בדרך אחת ויחידה. ובכל זאת, תוך כדי קריאה בספר חדש זה נוצר הרושם, שזו כתיבה שהשתפכה בנשימה הולכת ועולה, הולכת ומתעלה, מותחת יותר ויותר לאורך כל זמן קריאתנו. מעניין, שלמרות התעניינותנו הגוברת מדי דף אל המסופר והמתואר, מתעצם בנו ישוב־הדעת והתהייה לפשר היותר עמוק של יצירה זו מבלי להאפיל את יתר המעלות הספרותיות אמנותיות, בהן אנו נתקלים כמעט בכל דף בספר זה. הבה ונאמר קודם כל דבר הברור כשלעצמו: „יוני 1941" הנה היצירה הבשלה ביותר מאת שלמה וורזוגר, אשר זיפה את ספרותנו שלאחר המלחמה בכמה ספרים (פרוזה ושירה), אשר כאמור, נתקבלו בסבר פנים יפות ע"י הביקורת שלנו, כשהביקורת עמדה על הגובה ולא היה צורך להתיחס כלפיה בסלחנות.

דבר נוסף כדאי להדגיש: ביחד עם הפרוזה המופרת, חיבר וורזוגר גם שירה ובזמן האחרון הרשים ביותר עם הפואימה שלו „יאָמער־געזאַנג" (שירת נהי). פואימה שהדהימה את טובי קוראינו ומבקרינו במעלותיה הרבות והטובות, ואלה גם זיכו אותה בהערכה הראויה. השאלה נשאלת: איך זה, מיד לאחר

היצירה המשובחת בפי כל (יאָמער־געזאַנג — שירת נהי) באה יצירה כה בשלה וחזקה כ„יוני 1941״?

על שאלה זו אין בכוונתי להשיב, כיוון, שאין בדעתי להיות הביוגרף של וורזוגר, ברצוני רק להאיר כמה נקודות ביצירתו „יוני 1941״, כפי שעשיתי בזמנו בהתיחסותי אל הפואימה שלו יאָמער־געזאַנג (להיט בספרותנו הלירית) וגם ביחס ליצירות הפרוזה הקודמות שלו, אשר הגיעו אלי רק כאן בישראל.

ברור לי ללא ספק, שהנושא „יאָמער־געזאַנג״ והנובילה „יוני 1941״ שייכים לתקופת הבשלות של וורזוגר, או כפי שגטה ציין זאת: מײַסטער־צײַט. הספר הצנוע והדק בהיקפו „יוני 1941״ שייך להגדרה זו, ויבורך המחבר, שהגיע לכך. רשאי וורזו־גר להיות גאה וכמוהו גם קוראיו על כך, שבשני הספרים האלה הגיע להישג זה.

קורא מסוים, כנראה חסיד נלהב של וורזוגר, שׂח לי: „יוני 1941״ הנו „מלחמה ושלום״ במימד קטן. ברגע הראשון נשמעת אִמרה זו מוגזמת למדי. איזו השוואה בין האוקיאנוס — טלסטוי לבין הנהר הקט והזורם — שלמה וורזוגר. אך מי קבע, שמדובר כאן על השוואות? כאן מדובר באיפיון מסוים, אשר בכוחו להבהיר לנו את הסוגיא שרק עתה עוסקים אנו בלמידתה, סוגיא, המוכיחה לנו, מה למד וורזוגר במשך פעילותו הספרותית מהאמנים (המײַסטערים) הדגולים וטלסטוי בתוכם.

הבה לא נסטה מהדרך ונדגיש הדגש חזק ש„יוני 1941״ מאת שלמה וורזוגר הנה יצירה המסוגלת להתקיים גם ללא ההשוואות המובאות לעיל. זוהי יצירה החיה וקיימת בזכות עצמה, בזכות כוחה העצמי. זוהי יצירה המשקפת בצורה אמנו־תית זמן מסוים, סביבה מסוימת ואירועים מסוימים, שהפכו הסטוריה. נכון, גדולתה של „מלחמה ושלום״ מאת טולסטוי אופיינית בכך, שמגוללת בפנינו את התקופה המתוארת בהיקף ובעומק אשר רק טולסטוי, ענק הפרוזה הרוסית, גאון ספרות העולם, היה מסוגל לכך. אך זוהי גם אמת, שבדרך שלו ובקנה

מידותיו, השיג וֹורזוֹגר את פסגת ההר הנמוכה יותר, אבל באופן, שמשפיע עלינו ונחרטת עמוק בזכרוננו.

„יוני 1941" פורשׂת לפנינו את מגילת היסורים והזוועות במלחמת העולם השניה, מלחמה, אשר שינתה את פני הזמן והשפיעה השפעה גורלית על העם היהודי, אשר ספג את מרבית היסורים הנוראים בעקבות מלחמה זו. מענין, אם ננסה שוב לספר מה שכבר סופר ותואר בנובילה של וֹורזוֹגר, היה צורך, לפי דעתי, להקדיש יותר מקום וזמן מכפי שספר זה מכיל. זה דווקא מוכיח לנו עד כמה הצליח וֹורזוֹגר בנובילה שלו, בדרך תמציתית לבטא את הזמן, האוירה והאירועים האופייניים למלחמה זו.

אם נכון מה שאומרים, שהים משתקף בטיפה בודדה, הרי יש להודות, שה„יוני 1941" של וֹורזוֹגר נותן לנו לא רק מושג, אלא גם תמונה נאמנה מהמלחמה הזוועתית הזאת במאה ה־20, אשר תבעה כל כך הרבה קורבנות והרסה כל כך הרבה קיומים.

למרות שסיפור זה אינו רב עלילות, ספוג הוא באותה טרגיות בה אנו נתקלים בספרות מלחמתית, הן מתקופה קודמת בספרות, הן מאותם הימים בהם התנסינו אנו, מפרפרים כדגים ברשתות המוות, גם אז כשהצלחנו, על פי נס, מן המוות להמלט. למרות שהספר „יוני 1941" אינו, כאמור, ספר רב־כרס ומגיע ל־140 דפים בלבד, נשאר בנו הרושם לאחר הקריאה, שלפנינו יצירה רבת היקף המתארת עולם ומלואו, באמצעותו הצצנו אל תוך עולם רחב יותר מכפי שהנו (בספר). מאין הרושם הזה? על מנת לענות לשאלה זו, צריך היה אולי לכתוב ספר בעל היקף, העולה על הנכתב. בקיצור, הבה נאמר, שבמובן מסוים אפשר את הקושיא הזו לתרץ בכך, שוֹורזוֹגר משתמש בעיצובו האומנותי בשתי שיטות: בסיפורית ובתיאורית. שתי שיטות העיצוב הללו (מזיגה, אשר בכוחה או לעצב את הפרוזאיקון המוכשר, או להיות מעוצבת על ידו) כה מושכות אותנו אל תוך היצירה ומעוררות תשומת לב כה רבה אל גיבוריה, עד שיריעת

הרומן הולכת וגדלה (בדמיוננו) ומשפיעה עלינו כאילו מדובר כאן ביריעת־רומן בהיקף גדול יותר מכפי שהנו.

כדאי, בקיצור נמרץ, לחזור על מה שקורה בנובילה („יוני 1941״): פרצה מלחמת גרמניה ורוסיה הסובייטית. שני יהודים, נערה צעירה וגבר מבוגר שניהם מפולין נזרקים לקולחוז בתוככי רוסיה הרחוקה. שניהם סובלים מבדידות, לא רוצים להשאר שם, בין היתר בגלל אהבתה של הנערה אל הגבר המבוגר והגבר (אשר השאיר אשה בפולין הכבושה) החושש מאהבה זו וחפץ לשמור אימונים לאשתו העזובה. שניהם מחליטים לעזוב את הקולחוז בו הם נמצאים, וכך הם עושים. הם מגיעים למקום מסוים ונפרדים. הגבר מתגייס ונפצע. הם נפגשים בבית חולים, הוא פצוע, היא כאחות. הגורל שוב הפגישם והם מאושרים על היותם יחדיו.

בספר מתוארים אנשים, טיפוסים, מצבים, תמונות, מחש־בות. ראויים אלה שיסופר ויכתב עליהם. להזכיר רק אחד מהם, את הטיפוס הרוסי מהעולם התחתון, המזכיר לנו את דמויותיו של גורקי. בכלל קיימת ביצירה זו אידיאליזציה בולטת של רוסיה. כנראה, ברוח ה„גלסנוסט״, המדיניות הסובייטית החד־שה. אך מכיוון, שאין אנו עוסקים בפוליטיקה, אנו אומרים רק: זהו ספר טוב. לא מנינו את כל המעלות הטובות שבספר (למשל: את לשון הסטוקאטו של המספר ואת הדיאלוג החם בין הגיבורים) לא הזכרנו... אך מוטב, שהקורא יקרא בספר הזה, הרי זוהי המטרה של המסה שלנו.

מייִדיש: רבקה באַסמאַן—בן־חיים

## פון זעלביקן מחבר:

**זײַן**, לידער, פֿאַרלאַג „פֿרײַהייט", מינכען 1948

**ברויט**, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָביב 1960

**זאַמד**, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָביב 1963

**גורלות**, ראָמאַן, פֿאַרלאַג „המנורה", תּל־אָביב 1967

**יאָרן**, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָביב 1973

**דאָ גייט אויף די זון**, לידער, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָביב 1975

9 **סיפּורים** (עברית), פֿון ייִדיש מ. יונגמאַן, הוצאת ספרים מ. ניומן, תּל־אָביב תשל"ט, 1979

**הי**, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָביב 1985

**אַזוי צו זאָגן**, עסייען, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָביב 1985

**יאָמערגעזאַנג**, פּאָעמע, „ישׂראל־בוך", תּל־אָביב 1987

„**יוני 1941**", נאָוועלע, „ישׂראל־בוך" 1988

גרייט צום דרוק:

**אַזוי צו זאָגן**: עסייען, באַנד 2